ש. ל. ציטראָן.

# דריי ליטעראַרישע דורות

## כאַראַקטעריסטיקעס און זכרונות וועגן יידישע שריפטשטעלער.

Tartu Akadeemiline Selts Juudi ajaloo ja
1884

צווייטער באַנד.

פארלאג ש. שרעבערק ווילנע

ווילנע

1921—תרפ"א

1884

# אהרן שמואל ליבערמאַן.

(געבאָרן 1844; געשטאָרבן 1880).

## I.

לונע אין די 60-ער יאָרן פון פאָריגן יאָרהונדערט.—די אַרקינס.—דער לונער רב אין זײן פּילוּישקער אחדים.—ליבערמאַנס עלטערן.

האַרט בײם ניעמאַן אין גראָדנער גובערניע ליגט, אַרומגעצוימט פון געדיכטע סאָסנאָווע װעלדער, אַ קלײנשטעטל מיטן נאָמען לונע. אין די 60-ער יאָרן פון פאָריגן יאָרהונדערט האָט דאָס דאָזיגע שטעטל געשמט אין גאַנץ ליטע מיט די „אַרקינס“. װעלכע האָבן דאָרט געװאױנט. דאָס זײנען געװען דרײ ברידער, פרומע, גאָטספאָרכטיגע יידן, װאַלד-סוחרים, װאָס האָבן געפירט גרויסע האָלץ-געשעפטן מיט פרײסן, און דורך דעם זעהר רײך געװאָרן. כמעט אַלע לונער יידן האָבן געצויגן חיונה פון די „אַרקינס“. די זײנען געװען בײ די אַרקינס מעקלערס פון װעלדער, די האָבן בײ זײ געדינט פאַר שאַפאַרעס, אַנדערע האָבן אָפּגעהיט זײער געהילץ בײם ברעג ניעמאַן, אַנדערע זײנען געגאַנגען מיט זײערע פליטן קײן אויסלאַנד, און אַנדערע האָבן זיך סתם אַרום זײ געריבן, און באַקומען פון זײ אַ מאָל צוגעװאָרפן אַ פאַרדינסטל. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די גאַנצע לונער יידישע באַפעלקערונג האָט זיך געפילט אָפּהײנגיג פון די אַרקינס, װעלכע האָבן געקראָגן די ברײטסטע דעה אויף אַלע קהלשע ענינים. אָן די אַרקינס האָט מען ניט גענומען קײן רב און קײן שוחט און קײן חזן און קײן אײנציגן פון די איבעריגע כלי-קדש. אָן די אַרקינס האָט זיך די שטעטל קײן ריר ניט געגעבן.

האָט זיך אַ מאָל געמאַכט, אַז אין לונע איז אָפּגעשטאָרבן דער רב, און מ'האָט געדאַרפט נעמען אַ נײעם. האָבן די אַרקינס פון ערגעץ-װאו אָפּגעזוכט זײערן אַ קרוב, אַ ייד אַ חלוש און אַ גרויסן למדן, האָבן אים אַראָפּגעבראַכט קײן לונע און געמאַכט פאַרן רב. דאָס איז געװען אַ פאַרשמאָלצענער ייד, אַ גרויסער תמים און װײט פון דער װעלט, אויסגעטאָן אינגאַנצן פון „גשמיות“ און פאַרטאָן דורכאויס אין פרומקײט און עבודת-הבורא. אײגיכן האָט מען אים

אָנגעהויבן צוהאַלטן אין שטעט פּאַר אַ מין „גוטן" יידן, וואָס זיינע א תּפלה איז זעהר אָנגעלייגט „אויבן" אין די עולמות העליונים. ס׳האָט לאַנג ניט גע־דויערט און ר׳ איצעלע — אַזוי׳ האָט דער רב געהייסן — איז געוואָרן אַ שם־דבר ניט אַליין אין לונע, נאָר אויך אין דער גאַנצער סביבה. פון דער גאַנצער געגנט פלעגט מען קומען צו אים מיט בקשות מתפלל צו זיין פאַר מסוכּנדיגע חולאים, פאַר עקרות, און סתם רחמים בעטן פאַר דעם צי פאַר יענעם, וואָס געפינט זיך אין אַ צרה.

אָט דער ר׳ איצעלע האָט מיט זיך אַראָפּגעבראַכט קיין לונע אַ ווייב מיט דריי דערוואַקסענע טעכטער, וועלכע זיינען שוין לאַנג געשטאַנען אין שדוכים, נאָר ס׳האָבן זיך אויף זיי ביז אַהער ניט געפונען קיין בעלנים. אָבער אין לונע האָט די עלטערע באַלד באַקומען איר זיווג. „גאָט אַליין האָט אים צו מיר אין שטוב געבראַכט!" האָט ר׳ איצעלע געזאָגט ווען אין אַ געוויסן טאָג איז צו אים אַריין אַ יונג בחורל, אַ תלמיד פון דער שטעטלדיגער ישיבה, פרעגן ביי אים פּשט אין אַ תוספות. דאָס בחורל, אַ יתום, אָן טאַטען און מאַמען, האָט געשטאַמט פון פּילווישאָק, סובאַלקער גובערניע, און אַרומוואַנדערנדיג פון זיין 15־טן יאָר אָן פון שטעטל צו שטעטל, איז ער געקומען קיין לונע, האָט געקראָגן „טעג" און איז אַריין אין דער ישיבה. אַז דער רב האָט זיך מיטן פּילווישקער קלויזניק פונאַנדערגעשמועסט אין לערנען, האָט ער דער־זעהען, אַז ער האָט דאָ פאַר זיך אַ וואויללערנער מיט אַ עילויאיש קאָפּ, און די מינוט האָט אים אַ בליץ געטאָן אין מח דער געדאַנק: זאָל דאָ, אפשר, ניט זיין מיין צפּורה פייגלס באַשערטער?... מישב געווען זיך וועגן דעם מיט דער רעבעצין, איז ביי זיי געבליבן, אַז זיי זאָלן דאָס בעסער איבערגעבן זייער קרובה, דער פרוי פון די אַרקינס, ביי וועלכע ער עסט אַ „טאָג".

נאָך דעם שמועס מיט דער „גבירתע" אין דעם זעלביגן טאָג, איז דער בחור געקומען צו איר און געמאָלדן, אַז ער איז מסכּים אויף דעם שידוך.

און פון אָט דעם ר׳ איצעלע דעם לונער רבס איידים איז דאָס אַרויס־געקומען דער שפּעטערדיגער באַשעפער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג און איר ערשטער באַגאַבטער אַגיטאַטאָר אין רוסלאַנד — אהרן שמואל ליבערמאַן.

---

## II.

דער פילווישקער איידים ווערט אַ פרוש.—ליבערמאַנס קינדערשע יאָרן.—זיין באַזונדערע גערעכטיגקייט.—דער קליינער ליבערמאַן ווערט אַ מנהיג ביי זיינע חברים.—אין ליבערמאַנען קימט פאָר אַ גרויסע פאַרענדערונג.—זיין גרויס השק צום לייענען.—דער משכיל'שער מלמד ביי די אַרקינס.—ליבערמאַן ווערט זיינער אַ תלמיד.—די ווירקונג פון ערטערס „הצופה" אויף ליבערמאַנען.

עס זיינען אַריבער אַ יאָר פיר. דער פילווישקער יונגערמאַנטשיק האָט דערגרייכט זיין ציל: ער האָט באַקומען פון ר' איצעלען סמיכה; דאָס איז געווען דער ערשטער טריט צו רבנות. כדי צו טאָן אויך די ווייטערדיגע טריט האָט ער באַשלאָסן אַוועקצולאָזן זיך קיין קאָוונע און דאָרטן ווערן אַ פרוש. שווער און שוויגער און אויך זיין יונגע פרוי האָבן אים דערפון ניט אָפגערעדט, און אין אַ שיינעם פרימאָרגן האָט ער גענומען זעקל און פעקל, און איז אַוועק קיין קאָוונע.

די צייט, וואָס דער פילווישקער פרוש האָט פאַרבראַכט אין דער פרעמד, האָט זיך זיין קליין יינגעלע געהאָדעוועט ביים שווער אין לונע אונטער דער השגחה פון דער מוטער, און באַזונדערס פון דער אַלטער באָבען, וועלכע האָט פון אים קיין אויג ניט אַראָפּגענומען. דאָס יינגל האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר זעהר אַ געראָטענעם. אַז ער איז אַלט געוואָרן דריי יאָר, האָט מען שוין אָן אים דערקענט, אַז ער האָט אומגעוויינליכע פייאיגקייטן ער האָט זיך שוין דאַ-מאָלסט פון זיך אַליין אויסגעלערנט דעם אלף-בית, און גאָר אינגיכן געזאָגט „עברי", „ווי אַ וואַסער". אויפן פערטן יאָר האָט ער זיך געריסן לערנען, און מ'האָט אים געמוזט אָפּגעבן אין אַ חדר. צו 6 יאָר איז ער שוין קלאָר געווען אין גאַנץ תנ"ך, און דער זיידע אַליין האָט מיט אים אָנגעהויבן לערנען גמרא. אויפן 7-טן יאָר האָט שוין דאָס יינגל געקענט אַליין פאַרשטיין דעם שווערסטן תוספות. לונער לומדים, וואָס פלעגן אים אַמאָל קומען פאַרהערן, פלעגן טענהן אין איין קול, אַז דעם רבס אייניקל האָט אַן אָפענעם מח, און אַז פון אים וועט אַרויס אַ „כלי נפלא", מיט וועלכן עס וועט קלינגען די וועלט.

און ווי וואוילגעלערנט דאָס יינגל איז געווען, אַזוי איז עס געווען אויך אַ שטיפער. און זיין שטיפעריי איז אויך ניט געווען קיין געוויינליכע. ער האָט אויסגעקלערט כלערליי שפילן, און צוגעצויגן צו זיך אַלע שטעטלדיגע יינגלאַך. ער האָט אויסגעטראַכט שפילן אויף די ברייטע פרייע לונער לאָנקעס און אויפן גלאָז-גלאַטן אייז פון ניעמאַן. אַדאַנק זיין געשליפענעם צינגל און גרויסן כח-הדבור האָט ער באַקומען אויף דער לונער קליינוואַרג אַ גוואַלטיגע השפעה, און געמאַכט מיט זיי אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט. צוגעקוקט זיך איינמאָל צו אַ קלפי פון חברה-קדישא-גבאים, וואָס איז פאָרגעקומען ביים זיידן אין שטוב, האָט ער אויף מאָרגן אין בית-המדרש נאָכן דאַוונען געגרינדעט אַ חברה פון

יינגלאַך, און אין דעמזעלביגן טאָג, בין מנחה למעריב, האָט ער צונויפגערופן אַן אספה, און מ׳האָט געקליבן גבאים... פון דאַמאָלסט אָן האָט ער זיך אַריינ־געלאָזן אין מאַכן חברות, איטליכע חברה מיט איר באַזונדער ציל: אַ חברה צו שרייבן אַ ספר־תורה, אַ חברה צו קויפן ספרים פאַרן בית־מדרש, אַ חברה אויף צו קלייבן אַלטע „שמות״, אַ חברה צו באַזאָרגן קלויזניקעס מיט „טעג״ א. אַז. וו. דער דאַמאָלסט קוים ניין־יאָריגער „מנהיג״ האָט שוין פאַרשטאַנען בעסער פון אַן אַנדערן אַ דערוואַקסענעם ווי צוזאַמענצובינדן און צו אָרגאַניזירן פאַר־שיידענע פערזאָנען צו איין אַלגעמיינעם צוועק, און ס׳איז געווען פשוט צו באַוואונדערן די שטרענגע דיסציפּלין, וואָס ער האָט איינגעפירט צווישן זיינע קליינע חברים. די מוטער, און אויך דער זיידע מיט דער באָבען, פלעגן אויף דאָס אַלץ קוקן ווי אויף מעשה קונדס. ר׳ איצעלע פלעגט זאָגן: איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזעהען, אַז אַן עילוי זאָל קינדווייז ניט זיין קיין שטיפער.

בעת דאָס יינגל איז געוואָרן קרוב צו 10 יאָר האָט זיך אין אים געקוני־מען מערקן אַ גרויסע פאַרענדערונג. קודם־כל האָט זיך אין אים אַנטוויקלט אַ באַזונדער חשק צום לייענען. געלייענט האָט ער אַלץ, וואָס ס׳האָט זיך אים נאָר געמאַכט אונטער דער האַנט אין לשון־קודש און אין יידיש. אין דעם זיידנס אַלמער ספרים, האָט ער געפונען אַן אַלטן „סדר הדורות״, וועלכן ער האָט דורכגעלייענט פון טאָוול ביז טאָוול, און האָט באַלד געקענט דערציילן אַלע זיינע מעשיות און לעגענדעס אויסווייניג. דערנאָך האָט ער פון דאָרטן אַרויסגעקראַצט דעם „ספר הישר״ מיט דעם דובנער מגידס עברי־טייטש־פּירוש אויף דער הגדה. די משלים פון דובנער מגיד האָבן אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. דער עצם ענין פון משלים איז אים זעהר געפעלן געוואָרן, און ער האָט זיך געפּרובט פאַרפאַסן אייגענע משלים צוגעפאַסט, לויט זיינע קינ־דערשע השגות, צו פאַרשיידענע צופאַלן און איבערלעבענישן פון זיין סביבה. ער האָט זיך געקראָגן אַ טבע צו זאָגן ביי יעדער געלעגנהייט: איי, כ׳האָב אויף דעם אַ משל! און שוין אויפן אָרט האָט ער גענומען און געזאָגט דעם משל. מיט זיינע משלים האָט מען זיך אַרומגעטראָגן אין שטעטל, און ס׳איז געקומען דערצו, אַז אפילו עלטערע פלעגן זיך אין שמועסן באַנוצן מיט דעם קליינעם אהרן־שמואלס משלים. זיין תשוקה צו לייענען איז געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט מיט קיין ספר ניט געבראַקירט. ער האָט ניט אויסגעלאָזן קיין איין ספר אויך פון דער באָבעס „ביבליאָטעק״. אַלץ האָט ער געשלונגען: דעם „צאינה וראינה״ מיטן „מנורת המאור״ און דעם „קב־הישר״. באַזונדערס האָט אים פאַראינטערעסירט די געשיכטליכע זייט פון די דאָזיגע ספרים, די פאַר־שיידענע מעשיות וועגן גרויסע פרומע יידן, וועגן גן־עדן און גיהינום. די דאָ־זיגע אַלע מעשיות פלעגט ער, בעת ער איז פריי געוועזן פון לערנען, און באַ־זונדערס שבת נאָך שלש־סעודות, איבערדערציילן אין אַ באַאַרבעטער פאָרם און מיט אייגענע הוספות זיינע חברים.

גאַנץ אָפט האָט זיך אהרן־שמואל אָנגעהויבן צו פאַרטראַכטן. צייטנווייז

פלעגט מען אים געפינען זיצנדיק פאַר זיך אין אַ ווינקל פאַרטיפט אין געדאַנקען, אָדער אַרומגייענדיק ווי אַ פאַרחלומטער. ביי דער גמרא, אינמיטן סוגיא, פלעגט זיך אים אַמאָל פאַרוועלן אַרויספירן דעם זיידן גאָר אויף זייטיגע ענינים, וואָס האָבן צו דעם עצם לערנען קיין שייכות ניט. ביי אַזוינע צופאַלן פלעגט זיך דער זיידע אויף אים פונאַנדערבייזערן און שרייען: ס׳איז אַן עבירה די צייט! אהרן־שמואל פלעגט זיך איינעקשענען און בלייבן ביי דאָס זייניגע: ער מוז וויסן דאָס און דאָס, אַנדערש גייט אים די גמרא אין קאָפּ ניט. נאָך עטליכע אַזעלכע צופאַלן איז דער אַלטער זיידע אַרויס פון געדולד און האָט באַשלאָסן אויפהערן אַליין מיט אים צו לערנען און אָפּגעבן אים אין חדר צו אַ מלמד.

גראָד האָט זיך געדאַרפט מאַכן, אַז איינער פון די אַרקינס האָט אַראָפּגעבראַכט אַ מלמד פון גראָדנע פאַר זיינע קינדער. דער מלמד איז גראָד געווען אַ יונגערמאַן אַ מושלם, האָט געהאַט אַ שטאַרקע ידיעה אין דקדוק, געקענט שיין מסביר זיין אַ קאַפּיטל תנ״ך, און האָט געשריבן אַ פיינעם העבּרעאיש לויט די השגות פון יענער צייט. זיין השלמה איז אָבער געווען אַ באַהאַלטענע, און אָנקומענדיק אין דעם עקסט אָרטאָדאָקסיש הויז פון די אַרקינס האָט ער זיך מיט איר מורא געהאַט אַרויסצווייזן, כדי ניט קאַליע צו מאַכן דורך דעם זיין פרנסה.

צו דעם דאָזיגן מלמד האָט ר׳ איצעלע אָפּגעגעבן אויך דעם קליינעם אהרן־שמואלן. אָפּגעלערנט מיט אים דעם ערשטן חדש, האָט דער מלמד באַמערקט, אַז ער האָט דאָ פאַר זיך אַן אומגעוויינליך באַגאַבט קינד. איינמאָל האָט ער זיך איינגעטשעפּעט אין מלמד, ער זאָל אים זאָגן, צי האַלט ער אויך מיט אַלעמען, אַז זיין זיידע ר׳ איצעלע קען מיט זיינע תפלות געזונט מאַכן קראַנקע און מבטל זיין די גרעסטע גזרות. אַז דער מלמד האָט אים מיט אַן ערנסטער מינע אַ פרעג געטאָן: און דו גלויבסט, אפשר, אַז ס׳איז ניט אַזוי? האָט ער אַ מינוט ניט קלערנדיק אויסגעשאָסן: ניט איך גלויב, נאָר איך ווייס אויף געוויס, אַז דאָס איז ניט אמת; אַ מענש איז ניט קיין גאָט!... דעם מלמד איז ניט אַזוי גרינג אָנגעקומען אויסצוגעפינען פאַסיגע תשובות, וועלכע זאָלן באַפרידיגן זיין קליינעם תלמיד. גאַנץ אָפט פלעגט ער זיך אַרויסמאַכן צו געבן אים אַ וועלכן ס׳איז ענטפער. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט דאָס יינגל ווערן אָנגעבלאָזן, פאַרצאָרנט, און אַמאָל פלעגט ער זיך פונאַנדערוויינען. איין מאָל, דאָס איז געווען אַ ווינטערדיגער פרייטאָג צו נאַכט נאָך וועטשערע, האָט זיך אהרן־שמואל שטילערהייד אַרויסגעכאַפּט פון שטוב, און איז אַוועק צום מלמד. נאָר ער האָט אים ניט געפונען אין דערהיים. האָט ער גענומען בלעטערן די ספרים, וואָס זיינען געלעגן אויפן פּאָליצע: דאָס זיינען געווען אַלץ גמרא׳ס, מפרשים, שאלות ותשובות. מיט אַמאָל האָט ער געוואָרפן זיין בליק אויפן מלמדס קעסטל אונטערן בעט. ער האָט עס געעפנט און אַרויסגענומען פון דאָרט דעם ערשטן ספרל, וואָס איז אים געקומען צו דער האַנט — דאָס איז געווען דער „הצופה

לבית ישראל״. אַז דער מלמד איז נאָכדעם אַריין און האָט געפונען זיין קליי־
נעם תּלמיד זיצנדיג און לייענענדיג דעם „הצופה״, איז ער געבליבן שטיין אַ
צוטומלטער... געקומען צו זיך, האָט ער אַרויסגעריסן ביי אים דאָס ביכל,
זאָגנדיג מיט אַ בייזער:

— ווי קומסטו, שייגעץ איינער! אַזעלכע ספרים זיינען ניט פאַר ד י ר!

אויף דעם האָט דאָס יינגל געענטפערט:

— און פאַרוואָס—פאַר אַ י ך!

— ווייל איך בין אַ גרויסער.

— און איך וועל ו ו ע ר ן אַ גרויסער!

— ווּעסטו ד ע נ ס ט מ אָ ל לייענען.

— און איך וויל א י צ ט ע ר!...

דאָס יינגל האָט זיך אָנגעצונדן, ווי אַ צונטער. צום סוף האָט ער זיך
פונאַנדערגעכליפּעט אויפן קול. מורא־האָבנדיג, טאָמער דערהערט מען דעם
געוויין ביי די אַרקינס און ס׳קאָן נאָך ווערן אַ גאַנצער טומל, איז דער מלמד
ווייכער געוואָרן, און האָט געפּרובט זאָגן מיט גוטן:

— היינט ווּעסטו דאָך סיי ווי סיי ניט ענדיגן, דו דאַרפסט דאָך גיין
אַ היים; לייג דאָס אָפּ אויף אַן אַנדערס מאָל.

— איך וועל ביי א י י ך נעכטיגן!—האָט דאָס יינגל אַרויסגערעדט מיט
אַ באַזונדער ענערגיע.

דער מלמד האָט זיך שוין געהאַט אומגעקערט אויף אַלע זייטן, און דער
קליינער אהרן שמואל איז נאָך אַלץ געזעסן און געלייענט דעם „הצופה״. מיט
אַ באַזונדער באַגייסטערונג האָט ער געשלונגען אַ זייטל נאָך אַ זייטל. אויף
מאָרגן אינדערפרי, בשעת דער מלמד איז אויפגעשטאַנען פון שלאָף, האָט ער
אים געפונען ליגנדיג אויפגעקאָרטשעט אין דרייען אויפן היילן טיש מיט דעם
„הצופה״ צוקאָפּנס...

אַז ער האָט געהאַלטן ביים אַוועקגיין, האָט צו אים דער מלמד געזאָגט:

— צוויי זאַכן וועל איך פון דיר פאַרלאַנגען, מיין קינד: ערשטנס, זאָלסטו
קיינעם ניט דערציילן, אַז דו האָסט ווען ביי מיר געזעהען דעם „הצופה״, און
צווייטנס, זאָלסטו ניט מיט מיר און ניט מיט קיין אַנדערן וועגן דעם ספר ניט
ריידן...

דאָס יינגל האָט אים דאָס מבטיח געווען, און געהאַלטן וואָרט. דער
„הצופה״ האָט אין אים אָבער אַרויסגערופן אַ נייע און אומגעריכטע וועלט פון
געדאַנקען.

און די ווירקונג פון „הצופה״ האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן. די סביבה פון
זיין זיידן, ר׳ איצעלע, האָט אים אָנגעהויבן צו ווערן פרעמד און צווידער;
אינסטינקטיוו האָט אים געצויגן ציהען ערגיץ־וואו אַנדערש אין דערווייטנס.

אַלט געווען איז ער דאַמאָלסט נאָך ניט קיין גאַנצע צוועלף יאָר...

קיינער פון זיינע נאָהענטע, און אויך די עלטערן, האָבן דאָס אין אים ניט געמערקט, חוץ איינער. דער דאָזיגער איינער איז געווען זיין מלמד.

---

## III.

דער לונער פרוש ווערט א „משכיל" און קומט א היים.—ער קלייבט זיך ארייבער מיט זיין פאמיליע קיין סובאלק.—ער פארנעמט זיך מיט וועלטליכער בילדונג און קארעספאנדירט אין די העברעאישע צייטונגען.—דער יונגער ליבערמאן ווייזט ארויס וואונדערבארע פעאיגקייטן.

קרוב צו אכט יאָר איז ר' איצעלעס איידים, אָדער ווי אלע האָבן אים גערופן: דער לונער פרוש, אָפּגעזעסן אין קאָוונע. פאר דער צייט איז ער געווען אין דער היים נאָר א פאָר מאָל: די ערשטע צוויי פסח'ן. די לעצטע זעקס יאָר האָט ער שוין לגמרי אויפגעהערט צו פאָרן א היים, ניט געקוקט אויף די הייסע בקשות פון דער ווייב, שווער און שוויגער. געבראכט האָט דערצו די איבערקערעניש, וואָס ס'איז אין אים פאָרגעקומען אויף דעם פינפטן יאָר נאָכדעם ווי ער איז געוואָרן א פרוש.

נאָך א לאנגן אינעווייניגסטן קאמף האָט ער זיך גענומען צו וועלטליכע למודים, און קודם־כל צו שפראכן. א היים קיין לונע האָט ער וועגן קיין זאך ניט געשריבן. שווער און שוויגער און ווייב האָבן די גאנצע צייט געלעבט אין טעות און געגלויבט, אז אָט, אָט, קומט ער אראָפּ און איז א פארטיגער רב, און ר' איצעלע האָט שוין געוואָרפן אן אויג אויף א שטעטל, וואו ער וועט אוועקזעצן זיין איידים פאר א רב. ס'איז אָבער אוועק א צייט, און יענער שרייבט אלץ, אז לעת־עתה קען ער ניט קומען.

דערווייל איז געשטאָרבן זיין שווער. דאָ האָט אים זיין ווייב גענומען פארוואָרפן מיט בריוו, אז ער זאָל זעהען וואָס גיכער קומען א היים, ווייל די ארקינס ווילן אים אָפּגעבן די לונער רבנות. עטליכע וואָכן האָט ער זיך אָנגעטאָן א הארץ און אלע בריוו פון דער היים געלאָזן אָן א תשובה. געריררט אין ער געוואָרן ערשט, אז ער האָט באקומען א בריוו פון זיין אהרן שמואל'ן. דאָס איז געווען אייגנטליך, ניט קיין בריוו, נאָר א מגלה, פארשריבן פון אלע פיר זייטן און אין זעהר א שיינעם העברעאיש. און דער אינהאלט—עפּיס גאָר ניט פאר א קליינעם יינגל! ער האָט ניט געגלויבט זיינע אויגן, און האָט איבערגעלייענט דעם בריוו עטליכע מאָל. די קאָוונער משכילים, וועמען ער האָט געוויזן דעם בריוו, זיינען בשתומם געוואָרן לייענענדיג אים און האָבן געזאָגט, אז דער שרייבער איז עפּיס ניט קיין געוויינליך קינד. בהסכם כולם איז געבליבן, אז ער

מוז פאָרן אַ היים, נעמען ווייב און קינד און אַרויספאָרן מיט זיי ערגעץ אין אַן אַנדער שטאָט, וואו ער וועט זיך קאָנען פאַרנעמען מיט לעקציעס, און דערווײַלע לערנען זיך אַליין.

דער געוועזענער פּרוש איז אָפּגעפאָרן קיין לונע. און אין אַ פּאָר וואָכן אַרום איז ער מיט ווייב און קינד אַרויס וואוינען קיין סובאַלק. אין סובאַלק האָט ער פון זיך אַראָפּגעוואָרפן די לאַנגע רבנישע קאַפּאָטע, זיך אָנגעטאָן קורץ, און איז אַרויס מיט זיין השכלה בגלוי. פון צייט צו צייט האָט ער גענו- מען שרייבען אַרטיקלען אין די העברעאישע צייטונגען ה״מגיד״, ה״לבנון״, און ה״מליץ״ און איז דעם דאַמאָלסדיקן העברעאישן לעזער-פּובליקום גוט באַקאַנט געוואָרן מיט זיין נאָמען: אליעזר דוב ליבערמאַן.

מיט אַ באַזונדער פלייס האָט ער זיך גענומען פאַר דער ערציהונג פון זיין זון, וועלכן ער האָט אָפּגעגעבן זיין גאַנצע פרייע צייט. האָט פאַרברייטערט און פאַרטיפט זיינע קענטעניסן, אים באַקאַנט געמאַכט מיט דער מיטלאַלטער- ליכער העברעאישער ליטעראַטור, אים אַריינגעפירט אין דער ניי העברעאישער ליטעראַטור, דערצו האָט ער מיט אים געלערנט אויך אַלגעמיינע למודים, און אין יעדן למוד האָט אהרן שמואל אַרויסגעוויזן זיינע וואונדערליכע פייהיג- קייטן. זייערע קעגנזייטיגע באַציהונגען זיינען ניט געווען ווי די באַציהונגען פון אַ פאָטער מיט אַ זון, נאָר ווי פון צוויי חברים. אין אַ געשפּרעך מיט לייטן פלעגט דער אַלטער ליבערמאַן זאָגן: איך מיט מיין קליינעם זון האָבן גע- עפנט די אויגן כמעט אין איין טאָג;ביידע זיינען מיר אין איין טאָג געקומען צום שכל, אַז אַזוי ווי אונזערע זיידעס האָבן געלעבט, קענען מיר ניט לעבען.

פיר יאָר זיינען אַריבער זינט ליבערמאַן האָט זיך באַזעצט אין סובאַלק. אין דעם משך צייט האָט די דאגת-הפרנסה באַוויזן אַריינשלעפּן אים אין לע- בענס-קאַמף. זיין פאַמיליע האָט זיך פאַרגרעסערט, און זיינע הצטרכות׳ן זיינען מערער געוואָרן. אַזוי אַרום איז אים פאַר נויט אויסגעקומען אָפּצוזאָגן זיך פון אַלע זיינע פּלענער וועגן פאָרן שטודירן קיין אויסלאַנד; נאָר איין טרייסט איז אים געבליבן: דאָס וואָס ער אַליין האָט שוין פאַרשפּעטיגט, וועט ער זעהען דעריאָגן אין זיין זון, אין אהרן-שמואלן.

## IV.

ליבערמאַן פאָרט אָפּ קיין ווילנע און קומט דאָרטן אָן אין ראַבינער־שול.—ער ווערט דער ליבלינג פון די לערער און פון זיינע חברים.—ער נעמט זיך צו זעלבסט־אַנטוויקלונג.—די השפעה פון דער דאַמאָלסדיגער רוסישער ליטעראַטור אויף ליבערמאַנען.—ליבערמאַן אַלס גלענצענדער העברעאישער סטיליסט.—ליבערמאַנס פעהיגקייט צו מאָלערײ.—ליבערמאַן האָט חתונה.—ליבערמאַן עפנט אין סובאַלק אַ צווײ־קלאַסיגע פריוואַט־שול.—ליבערמאַן קומט אָן אין פעטער־בורגער טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט,—זיין פאַרקער מיט די ערשטע גרופּ׳עס פון די „נאַראָדאָוואָלצעס“.—ליבערמאַן פאַרפאַסט אין העברעאיש אַ געאָגראַפיע.—ליבערמאַן מוז צוליב פרנסה איבעררייסן זיין סטודיום און קומט צוריק אין ווילנע.—ער באַקומט אַ שטעל אין אַ אַסעקוראַנץ־געזעלשאַפט אַלס פּלאַנען־מאַכער.—אין ליבערמאַנס לעבן הויבט זיך אָן אַ נײַע תקופה.

אַז אהרן=שמואל איז אַלט געוואָרן 16 יאָר, האָט אים דער פאָטער אוועקגעשיקט אין ווילנער ראַבינער=שול. דאָרטן האָט ער זיך עקזאַמענירט, און איז אַריין גלייך אין 3=טן קלאַס. אין דער פרעמד האָט ער זיך אַליין געמוזט דערנערן, און אין דער ערשטער צייט איז דאָס אים אָנגעקומען זעהר שווער, נאָר א י י ן לעקציע פאַר 6 רובל אַ חודש האָט ער געהאַט, און פון דעם האָט ער געדאַרפט לעבן. אין 4=טן קלאַס האָט זיך ליבערמאַן צופעליג באַקענט מיט איינעם פון די דאַמאָלסדיגע ווילנער בעלי=בתים, ר׳ משה טראָצ=קי. דאָס איז געווען אַ ייד אַ האַלבער משכיל, וועלכער האָט אים גענומען צו פאַרפאַרטיגן זיין עלטערן זון צום גימנאַזיע, און דערנאָך האָט ער אים אינ=גאַנצן צו זיך אין שטוב אַריינגענומען, און אויסגעהאַלטן מיט אַלע הוצאות.

אין ראַבינער=שול איז ליבערמאַן געווען דער ליבלינג פון די לערער און די תלמידים. אויף די לעצטע האָט ער געהאַט אַ גוואַלדיגע השפעה. ער איז געווען ביי זיי אַ גאַנצער בעל=יועץ. לויט זיין איניציאַטיוו האָבן די תלמידים פון ראַבינער=שול געגרינדעט גרופּעס פאַר זעלבסט=בילדונג און פאַרפולקומונג, און ער איז געווען דער אָנפירער פון די דאָזיגע גרופּעס. ער האָט אָנגעמערקט פאַרשיידענע ליטעראַרישע טעמעס, האָט אָנגעפירט מיט די ויכוחים וועגן די דאָזיגע טעמעס, צוגעגרייט רשימות פון אַרטיקלען און ביכער, וועלכע קאָנען מיטהעלפן דער זעלבסט=אַנטוויקלונג פון די תלמידים. אין צענטער פון די דאָזיגע ביכער האָט ליבערמאַן געשטעלט די רוסישע ליטעראַטור פון די 60=ער יאָרן, די ווערק פון פיסאַרעוו, דאָבראָליובאָוו, טשערנישעווסקי און זייער גלייכן... האָט מען געוואוסט אין ראַבינער=שול, אַז אין דעם אָדער אין יענעם טאָג דאַרף ליבערמאַן ריידן וועגן ליטעראַטור, איז ניט אויסגעבליבן קיין איין תלמיד, וואָס איז אים ניט געקומען הערן. גאַנץ אָפט פלעגן קומען צו זיינע רעפעראַטן אויך אַנדערע פון די לערער, כאָטש בכלל איז מען אין די

לערערשע קרייזן פון ראַבינער־שול ניט געווען שטאַרק צופרידן מיט ליבער־מאַנס אויפטואַכץ...

ליבערמאַן האָט זיך ניט באַנוגנט מיט דער אַרבעט אין די דערמאָנטע תּלמידים גרופּעס. ער האָט פּאַר זיך מיט גרויס התמדה שטודירט די אייראָ־פּעאישע ליטעראַטורן. ער איז אַ מינוט ניט געזעסן ליידיג. האָט ער ניט גע־לערנט, האָט ער געליייענט, אָדער געשריבן. געשריבן האָט ער באַזונדערס העברעאיש. פון קינדוויז אָן האָט ער העברעאיש זעהר ליב באַקומען. אין ראַבינער־שול האָט מען געהאַלטן ליבערמאַנען פאַר איינעם פון די בעסטע העברעאיסטן, און דער גרייז־גרויער דיכטער אדם הכהן **לעבענזאָן**, וועלכער איז דאַמאָלס געווען דער לערער פון העברעאיש אין די העכערע קלאַסן, פלעגט תּמיד זאָגן: אָט, פּרובט, שרייבט אַזוי, ווי ליבערמאַן, וועט איר זעהן, אויב כ׳וועל צו אייך עפּעס האָבן...

בעת ליבערמאַן איז געווען אין די לעצטע קלאַסן האָט זיך ביי אים אַרויסגעוויזן אַ באַזונדער טאַלענט צו צייכענען און מאָלן. זיין האַנטשריפט, וועלכע שפּראַך ער האָט נאָר געשריבן, איז געווען ממש ווי געדרוקט, און מיט זיין געשריפץ פלעגט מען זיך אַרומטראָגן אויף חדושים. קונצליך זיינען אויך געווען זיינע אויפצייכענונגען און מיניאַטורן. באַזונדערס מייסטערהאַפט זיינען ביי אים אַרויס אויפן פּאַפּיר אַלערליי פּייזשאַזשען און נאַטור־בילדער. מ׳דער־ציילט, אַז אַמאָל בעת אַלעקסאַנדער דער צווייטער איז דורכגעפאָרן ווילנע און האָט באַזוכט די ראַבינער־שול, האָט אים די דירעקציע דערלאַנגט אַן אַדרעס, וואָס איז געווען איינגעפאַסט אין קונציגע ווינייעטן, וועלכע ליבערמאַן האָט אויסגעמאָלט...

ליבערמאַן איז אַרויס פון אַכטן קלאַס ראַבינער־שול מיט אַן אַטעסטאַט פון לערער־פּעדאַגאָג. אין יענער צייט האָט ער חתונה געהאַט מיט דער על־טערער טאָכטער פון דעמזעלביגן טראָצקי, ביי וועלכן ער האָט די גאַנצע צייט געוואוינט, אין צוויי יאָר אַרום נאָך דער חתונה איז ער מיט דער פרוי אַרויסגעפאָרן קיין סובאַלק, וואו ער האָט געעפנט אַ צוויי־קלאַסיגע פּריוואַט־שול פאַר העברעאישע און אַלגעמיינע לימודים.

אָבער די דאָזיגע באַשעפטיגונג האָט אים ניט באַפרידיגט. ניט צו לערע־ריי האָט ער געשטרעבט, נאָר צו אַ סך אַ העכערן צוועק. קוים אָפּגעוועזן אַ יאָר אין סובאַלק, האָט ער שוין דאָרטן מער ניט געקענט איינזיצן. און אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז ער מיט דער פאַמיליע אַרויסגעפאָרן צוריק קיין ווילנע. דאָרטן האָט ער זיך זעקס חדשים צוגעלערנט און איז באַלד אַוועק־געפאָרן קיין פּעטערבורג, האָט זיך עקזאַמענירט, און איז אַריין אין טעכנאָ־לאָגישן אינסטיטוט. דאָס איז געווען אין יאָר 1869.

באַזוכענדיג דעם טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט, איז ליבערמאַן אַריינגעקומען אין אַ איינגער פאַרבינדונג מיט עטליכע פון זיינע רוסישע חברים, וועלכע זיינען געווען געשטימט עקסט ראַדיקאַל, און האָבן געהיים פאַרקערט מיט די

ערשטע גרופּעס פון די „נאַראָדאָוואָלצעס”, וואָס האָבן זיך דאַמאָלסט געגומען בילדן. ליבערמאַן האָט זיך זעהר פאַראינטערעסירט מיט דער באַוועגונג. פון דערוּוייטנס האָט ער זיך צוגעקוקט צו דעם, ווי אַ געוויסער טייל פון דער רוסישער שטודירנדיגער יוגנט האָט געגומען „גיין אין פאָלק”, ער האָט נאָך דאָס אָבער דאַמאָלסט געהאַלטן פאַר אַ ספּעציעל רוסישע באַוועגונג, וועלכע קען ניט אָנגעמאָסטן ווערן אויפן יידישן פאָלק, וואָס האָט ניט קיין פאַבריק־אַרבעטער און קיין פּויערטום. בגוגע צום יידישן פאָלק האָט ער נאָך יעמאָלט געהאַט דעם אַלגעמיין־משכילשן קוק, אַז זיין באַפרייאונג קען נאָר קומען דורך אַ פאַרביטערטן קאַמף קעגן דעם רעליגיעזן פאַנאַטיזם. כדי איבערצואַנדערשן דאָס יידישע לעבן דאַרף אַפּריער אָפּגעטאָן ווערן אַ גרויסע אויפקלערונגס־אַרבעט; די דאָזיגע אויפקלערונגס־אַרבעט דאַרף אָנגעפירט ווערן פון דער יידישער אינטעליגענטער יוגענט. פאַר דער דאָזיגער אינטעליגענץ האָט ליבערמאַן דענסטמאָל געהאַלטן ניט די גימנאַזיסטן און סטודענטן, נאָר די ישיבה־בחורים און קלויזניקעס, וועלכע לעבן אין פאָלק, און קענען מיט אים ריידן אויף זיין שפּראַך און לויט זיינע השגות. ביי דער מיינונג, אַז נאָר די ישיבה־לייט און די ווּאוילערנער דאַרפן דורך אַגיטאַציע צוגעגרייט ווערן פאַר דעם אַוואַנגאַרד פון דער פאָלקס־אַרבעט, איז ליבערמאַן פאַרבליבן אויף שטענדיג, און דאָס האָט אים גאַנץ אָפט געבראַכט צו סכסוכים און קאָנפליקטן מיט זיינע חברים אין זיין שפּעטערדיגער סאָציאַליסטישער טעטיגקייט, ווי דער לעזער וועט זעהן אין די ווייטערדיגע קאַפּיטלאַך.

זיצנדיג אין פּעטערבורג, האָט ליבערמאַן פאַרפאַסט אין העברעאיש אַ געאָגראַפיע פון ארץ ישראל מיטן נאָמען „מחקרי ארץ כנען וסלע ערב”. דאָס איז אָבער ניט געווען סתם אַ געאָגראַפיע, נאָר אַ גאַנץ אָריגינעל, און דערצו אויך זעהר קינסטלעריש, דורכגעדאַכטע ווערק.

בשעת ליבערמאַן איז אַריבער אויפן צווייטן קורס פון טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט, האָט ער אָנגעהויבן באַקומען בריוו פון דער היים. אַז זיין שווער איז געוואָרן אַ יורד, און זיין ווייב מיט די צוויי קינדער זיינען געבליבן אָן חיונה. ליבערמאַן האָט געמוזט איבעררייסן זיין סטודיום, און קומען צוריק קיין ווילנע. דאָס איז געווען אין אָנהויב 1874. אין ווילנע האָט ער באַלד באַקומען אַ שטעל אין אַ פייער־אַסעקוראַנץ־געזעלשאַפט, ווי אַ פּלאַנען־מאַכער. זיינע גרויסע קענטנישן אין דער קונסט פון צייכענען האָבן געבראַכט דערצו, אַז זיינע פּלאַנען האָבן געקראָגן אַ שם אין דער גאַנצער געגנט, און פיל גוטס־באַזיצער פון דער סביבה פלעגן אים אַראָפּברייגנען צו זיך און איבערגעבן אים מאַכן פאַרשיידענע פּלאַנען צו אַלערליי בנינים.

אין דער צייט הויבט זיך אָן אין ליבערמאַנס לעבן גאָר אַ נייע תקופה.

---

## V.

ליבערמאַן טרעט אַרײַן אין דעם ווילנער ײדישן סאָציאַליסטישן קרײזל.—זײַן אַגיטאַטאָרישע טעטיגקײט צווישן די פויערים אין די דערפער.—ליבערמאַן פאַלט אַרײַן און ווערט אַרעסטירט.—ער אַנטלויפט פון וועג און קומט אָן אין לאָנדאָן.—ליבערמאַן אַרבעט אין לאַוראָװס „וופּעריאָד".—זײַן ערשטע העברע־אישע פּראָקלאַמאַציע צו דער ײדישער יוגנט.—די ווירקונג פון דער דאָזיגער פּראָקלאַמאַציע.—ליבערמאַן גרינדעט אין לאָנדאָן אַ פאַרבאַנד פון ײדישע סאָ־ציאַליסטישע אַרבעטער.—די העברעאישע תקנות פון פאַרבאַנד.—ליבערמאַנס אינערליכע צוריסנקײט.—דער קאַמף צווישן זײַנע נאַציאָנאַלע געפילן מיט די סאָציאַליסטישע טעאָריעס.—אינצידענטן צווישן ליבערמאַנען מיט די אַרבעטער פון פאַרבאַנד.—דער אינצידענט צוליב תשעה־באב.—דער פּראָטעסט־שטורם אין לאָנדאָן קעגן ליבערמאַנען.—ליבערמאַן פאַרלאָזט לאָנדאָן און באַזעצט זיך אין ווין.

אין ווילנע איז שוין אין יענער צייט געווען אַ געהיימער קרייזל פון סאָציאַליסטן־קאָמוניסטן, וועלכע האָבן אָנגעפירט אַז אַגיטאַציע צווישן דער יידישער און דער קריסטליכער יוגענד. אַן דער שפּיץ פון דער אַרבעט איז געשטאַנען ליבערמאַנס אַן אַמאָליגער חבר פון ראַבינער־שול זונדעלעוויטש. ליבערמאַן איז תיכף אַריינגעטראָטן אין דעם דאָזיגן קרייזל, און איז געוואָרן איינער פון זיינע ענערגישעסטע טוער. ליבערמאַן איז פון תמיד אָן געווען אַ שטאַרקער אָנהיינגער פון דעם באַוואוסטן גרויסן רוסישן געלערטן און רעוואָלוציאָנער פּעטער לאַוראָוו, און בעת לאַוראָוו האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין לאָנדאָן זיין סאָציאַליסטישן וואָכענבלאַט „וופּעראָד", איז ליבערמאַן געוואָרן פון זיינע שטענדיגע מיטאַרבעטער. איינמאָל האָט ער אַריינגעשיקט לאַוראָוון זיין היטל מיט דער פאָלגנדער אויפשריפט: „ניט האָבנדיג די מעגליכקייט צו שיקן אייך מיין קאָפּ, שיק איך אייך מיין היטל".

צוליב זיינע אַסעקוראַנץ־געשעפטן פלעגט ליבערמאַנען אויסקומען גאַנץ אָפט צו פאָרן אין פריצישע גיטער. מיט דער געלעגנהייט פלעגט ער זיך תמיד באַנוצן צו אַגיטירן פאַרן סאָציאַליסטישן געדאַנק צווישן די דאָרף־פויערים. זיינענדיג אַמאָל אין אַ דאָרף ביי סמאַרגאָן, איז ער ניט געווען גענוג פאָרזיכ־טיג, און איינער אַ פויער האָט אים פאַר'מסר'ט פאַר'ן אוריאַדניק. דער או־ריאַדניק האָט ליבערמאַנען אַרעסטירט און אַוועקגעפירט אים קיין סמאָרגאָן. פון סמאָרגאָן האָט מען אים אָפּגעשיקט מיט אַ קאָנוואָי קיין ווילנע. אין וועג האָט ליבערמאַן אונטערגעקויפט די סאָלדאַטן פון קאָנוואָי, און איז אַנטלאָפן געוואָרן.

מיט גרויס מאַטערניש און טויט־שרעק איז ליבערמאַן אין אַ טאָג צעהן אַרום אָנגעקומען קיין לאָנדאָן. האָבנדיג גרויס פייהיגקייטן צום גראַווירן און

צו ליטאָגראַפישער קונסט, האָט ער באַלד באַקומען אַרבעט אין דער דרו־
קעריי פון „וופעריאַד", און האָט זיך דערפון מפרנס געווען.

די אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע אַרבעט אין לאַווראָווס קרייזל האָט ליבער־
מאַנען ניט צופרידן געשטעלט. ער האָט געשטרעבט צו צוציען צום סאָציאַליזם די יידישע אינטעליגענץ, כּדי צו ווירקן דורך איר אויפ'ן יידישן פאָלק. צו דעם צוועק האָט ער אַרויסגעלאָזן די ערשטע סאָציאַליסטישע פּראָקלאַמאַציע אויף העברעאיש אונטער דעם נאָמען „אל שלומי בחורי ישראל" (צו דער יידישער יוגנט), מיט דער אונטערשריפט: „המתנדבים בעם לבית ישראל" („די יידישע פאָלקס־פריינד"). מיר געפינען פאַר נויטיג איבערצוגעבן דאָ אין אַ ווערטליכער איבערזעצונג די דאָזיגע העכסט כאַראַקטעריסטישע פּראָקלאַמאַציע:

„צו דער יידישער אינטעליגענטער יוגנט!

„דאָרשטיג צו אַן ערליכער און אַלגעמיין־נוצליכער טעטיגקייט גרייטסט דו דיך צו אַריינצוטרעטן אין לעבן, און אַלס געצייג צו דער פאַרווירקליכונג פון דיינע שטרעבונגען האָסטו אויסגעקליבן די אַלמעכטיגע וויסנשאַפט. דו רעכנסט, אַז פאַרנעמענדיג אַ חשוב'ן געזעלשאַפטליכן אָרט און ווידמענדיג דיי־נע קרעפטן דעם דינסט פון דער איצטיגער געזעלשאַפטליכער אָרדענונג, וועסטו אויסהיילן דאָס פאָלק פון אַלע זיינע טיפע וואונדן און וועסט אים אַרויפפירן אויפ'ן וועג פון פּראָגרעס, פון אַלגעמיין־מענשליכער אַנטוויקלונג און וואוילשטאַנד.

„אומזיסט! ביי דער איצטיגער געזעלשאַפטליכער אָרדענונג איז מעגליך נאָר איין פּראָגרעס, דאָס איז דער פּראָגרעס פון—די פאָלקס־אומגליקן. ביי די איצטיגע באַציהונגען צווישן מענשן איז מעגליך נאָר איין קאַריערע—דאָס איז די קאַריערע פון אַ פאָלקס־עקספּלאָטאַטאָר.

„דאָס פּריוואַט־אייגנטום האָט געבראַכט צו אַ געגנזאַץ צווישן די אינטע־רעסן פונ'ם יחיד מיט די אינטערעסן פון דער מאַסע; דער אינסטיטוט פון מלוכהשאַפט, וואָס שטיצט זיך אויפ'ן פּרינציפּ פון נאַציאָנאַליטעט, האָט אַרויס־גערופן די אונטערדריקונג פון איין פאָלק דורכ'ן צווייטן, און דער אינסטי־טוט פון רעליגיע האָט באַשאַפן די הערשאַפט פון שאַרלאַטאַנעס און פסיכאָ־פאַטן אויף דעם געזונטן פאַרשטאַנד פון דער מענשהייט.

„די דאָזיגע באַדינגונגען פון דער איצטיגער אָרדענונג ברענגען דערצו, אַז ביי היינטיגן טאָג פאַרדאַרבט די קאַריערע אויך די אָרנטליכע לייט. דער איצטיגער געזעלשאַפטליכער טוער מוז ווערן אַ פיינד פון פאָלק, און די פאָלקס בעלי־טובות שמאָקצן אַליין פון אים אויס זיינע לעצטע לעבנס־זאַפטן.

„און דאָס פאָלק הויבט שוין דאָס אומעטום אָן צו פאַרשטיין. דאָס הויבט אָן צו פאַרשטיין אויך דאָס יידישע פאָלק. מיט אַ פינסטערן בליק און פול מיט גאַליגן צאָרן זאָגט ער צו דער אינטעליגענץ פון די צבויאַקעס און ספּעקו־לאַנטן, וואָס האָט זיך אַוועקגעזעצט רייטן אויף אים:

„איר האָט זיך געגען אונז זעהר פאַרזינדיגט. די בילדונג, מיט וועלכער איר שטאָלצירט אַזוי, איז געקויפט מיט אונזער מאַטערניש, מיט אונזערע צרות, מיט אונזער בלוט. אַ דור נאָך אַ דור האָט געדאַרפט אויסשטאַרבן אין דלות און פיין, כדי פון די איינע אויף די אַנדערע אָנגעוואָרפענע בר־מינג'ס זאָל זיך בילדן יענע הויך, פון וועלכער איר קוקט אויף אונז אַראָפּ מיט פאַר־אַכטונג.

„פון אונזערע ליידן, פון אונזערע יסורים האָט איר אייך באַשאַפן פאַר־געניגנס, און אונז האָט איר איבערגעלאָזן די גרויזאַמע אָרימקייט, די אומער־טרעגליכע, די אומבּרחמנותדיג דריקנדיגע אַרבעט.

„דאָס איז נאָך אָבער ניט אַלץ! איר האָט זיך געסטאַרעט צו פאַרפינ־סטערן אונזער פאַרשטאַנד מיט דעם פּלפּול פון אייער נאַרישער געלערזאַמקייט; איר האָט אונז געניויט צו בוקן זיך פאַר אייך, און וואָס גרעסער ס'איז געוואָרן אייער מאָראַלישע צופּוילטקייט, אַלץ מער האָט איר אונז געצוואונגען צו רוי־כערן אייך קטורת.

„רייך און שטאַרק געוואָרענע דורך דער אַרבעט און דורך דער אונ־טערטעניגקייט פון די פאַרשקלאַפטע יידישע מאַסן, האָט איר זיך אַוועקגעלאָזן באַרויבן אַנדערע פעלקער.

„און פאַר אַלע אייערע זינד האָבן מיר געמוזט באַצאָלן. איר האָט אַרויסגערופן אויף אונז אַ שטורם, אַ קלאַפּ נאָך אַ קלאַפּ! צוליב אייך האָט זיך פונאַנדערגעפלאַקערט די נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע שנאה, וועלכע האָט זיך אַרויפגעוואָרפן מיט אַלע אירע שרעקענישן קודם כל אויף אונז. צוליב אייך האָט מען אויסגעהרגעט טויזנטער פון אונזערע ברידער, קינדער פון פאָלק. אַ דאַנק אייך איז דער נאָמען ייד געוואָרן אומעטום אַ זידל־וואָרט. צוליב אייך האָבן זיך געשאָטן רכילות אויפן גאַנצן ליידנדיגן און אָרימען יידישן פאָלק, וועלכער האָט אַליין געליטן פון אייער רויב־לוסט מער פון די אַנדערע פעלקס־מאַסן.

„אָט אַזוי קוקט דאָס יידישע פאָלק אויף זיין אינטעליגענץ. און מיר, די קינדער פון אונזער פאָלק; מיר, די פריינד פון אַלע ליידנדיגע מאַסן, זיינען מודיע פאַר דער גאַנצער וועלט: מיר זאָגן זיך אָפּ פון די, וואָס מאַכן אומ־גליקליך דעם אַרבעטנדיגן פאָלק!

„מיר זאָגן זיך אָפּ פון אייך, איר פאַלשע כלי־קודש. איר האָט איינגע־שמידט דאָס פאָלק אין שווערע קייטן פון קליינליכע מנהגים און פאַרשטיי־נערטע טראַדיציעס, כדי וואָס לייכטער אונז צו עקספּלאָאַטירן און פאַרשקלאַפן. איר זייט ניט אונזערע!

אויך איר, מיט דער אָנגעטאָנענער מאַסקע פון דער אייראָפּעאישער צי־וויליזאַציע כדי איינגאַנצן אויסצוזויגן זיין בלוט לויט אַלע כללים פון דער היינטיגער קולטור; איר די געבילדעטע קנעכט פון גאָלד און הערשאַפט, וועלכע פארציען נאָך שטאַרקער די פּעטליע אויפן האַלז פונם פאָלק; איר, אַל־

וועלטליכע ספעקוליאַנטן, וועלכע צוטרעטן אונזער נאָמען אין בלאָטע — איר געהערט ניט צו אונז! איר האָט זיך אָפּגעטיילט ניט בלויז פון אַייער פאָלק, נאָר אויך פון דער גאַנצער ליידנדיגער מענשהייט. און אונזער פאָלק זאָגט זיך אָפּ פון אַייך צוזאַמען מיט דער מענשהייט. די אַלע פאָלקס-מאַסן, וואָס ווערן פון אַייך עקספּלאָאַטירט, רופן אַייך אַרויס אויף אַן אומברחמנותדיגן קריג. איר זייט אָפּגעמשפּט צום אונטערגאַנג!

אָבער דיר, יוגנט, ביי וועמען עס איז נאָך גאַנץ פאַרבליבן די ערליכקייט פון די שטרעבונגען; דיר, וואָס דו ווינשט דעם פאָלק אמת'ן גליק; דיר, יונגע אינטעליגענץ, וואָס די איצטערדיקע געזעלשאַפטליכע אָרדענונג און איר פאַרדאָרבענע ציוויליזאַציע האָבן נאָך ניט באַוויזן דיר צו פאַרדאַרבן—דיר רופן מיר אין אונזערע ציילן, אין די ציילן פון די קעמפער פאַר דעם וואוילשטאַנד פון די פאָלקס-מאַסן, פאַר דעם וואוילשטאַנד פון דער גאַנצער מענשהייט.

„מיר שטרעקן דיר אויס אונזער ברידערליכע האַנט, און רופן מיט אונז אַלע יענע, וואָס ווילן באמת דינען דער ליידנדיגער מענשהייט.

„אַוועק די קאַריערע! אַוועק דאָס בוקן זיך צו דער טראַדיציע! אַוועק דאָס בוקן זיך צו גאָלד און צו הערשאַפט! וואַרף אַוועק דעם גאַנצן עבר און שטיי צו צום אַרבעטנדיגן פאָלק און צו זיינע פריינד. אים אַליין געהערט דער עתיד. אויסער אים איז—נאָר צושטערונג און טויט!

„מיר זאָגן דיר: עס וועט זיך פונאַנדערפלאַקערן אַ קאַמף צווישן אַלע פעלקער פון דער וועלט. די פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער קלייבן זיך אַראָפּצוּוואַרפן דעם יאָך פון קאַפּיטאַל און פון רעגירונג. די ליידנדיגע מענשהייט באַוואָפנט זיך כדי צו ערוואָרבן אין קאַמף איר פרייהייט און אירע רעכט. די סאָציאַלע רעוואָלוציע גרייט זיך צו פונאַנדערצוּוויקלען איר רויטע פאָן. איר לאָזונג איז: אַלגעמיינע אַרבעט! אַלגעמיינעס אייגנטום! אַ פרייער פאַרבאַנד פון די אַרבעטנדיגע אין דער ברידערליכקייט פון אַלע נאַציעס און פעלקער! אַ טויט דעם מאָנאָפּאָל אין אַלע זיינע ערשיינונגען! אַ טויט יעדער אייגנציגן, וואָס וועט זיך צווּעקשטעלן אַלס שטרויכלונג אין דעם וועג פון דער אַלוועלטליכער גערעכטיקייט!

„ס'איז שוין צייט, אַז אויך אונזער פּראָלעטאַריאַט זאָל זיך פאַראייניגן מיט דער דאָזיגער גרויסער באַוועגונג. אים איז שוין אויך צייט אויסגלייכן זיינע אָנגעווייטאָגטע גלידער, כדי צו דערשלאָגן זיך, צוזאַמען מיט די פּראָלעטאַריאַטן פון די אַנדערע פעלקער, צו זיין חלק גליק אין דער מלוכה פון דער אַלגעמיינער אַרבעט און גערעכטיגקייט; יענעם חלק, וועלכן זיינע עקספּלאָאַטאַטאָרן האָבן ביי אים אָפּגענומען; יענעם חלק, וועלכן ס'האָט אים ניט געגעבן די קנאה פון די אַרבעטנדיגע נאַציעס, די קנאה, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן טאַקי דורך די זעלביגע עקספּלואַטאַטאָרן אַליין. די אינטערנאַציאָנאַלע ברידערשאַפט פון די אַרבעטער ווייס ניט פון פונאַנדערטיילן די מענשהייט

אויף נאַציעס און פעלקער; זי קען נאָר נוצליכע אַרבעטער און שעדליכע געזעלשאַפטליכע ליידיג־גייער. און די דאָזיגע ערליכע אַרבעטער גרייטן זיך צו צו אַן ענטגילטיגן קאַמף מיט זייערע באַדריקער.

„מיר זאָגן דיר, אַז אויך דער יידישער פּראָלעטאַריאַט וועט צושטיין צו דער דאָזיגער גרויסער זאַך, ווייל דער כּוס פון זיינע יסורים איז שוין איבערפולט.

„טאָ גיי זשע, יוגנט, אַרויס צו דער הילף פון דעם פּראָלעטאַריאַט! גיי העלפן דעם, וועמען דו האָסט צו פאַרדאַנקן דיין אַנטוויקלונג. העלף דעם פאָלק, וועלכער האָט דיר אויסגעהאָדעוועט, וואָס מיט זיין פליישׁ און בלוט האָסטו געקויפט אַלץ מיט וואָס דו שטאָלצירסט.

גיי אין פאָלק, גיס זיך מיט אים אויף, האָרעווע מיט אים, לייד מיט אים, וועק אים, באַגייסטער דיי, און שטאַרק די אַנדערע — און רוף אַלעמען צו דער גרויסער מלחמה קעגן די הערשער פון דער וועלט, קעגן די באַדריקער פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט, קעגן די עקספּלאָאַטאַטאָרן פון פאָלק.

„לאָז איינפאַלען די אַלטע וועלט פון אומגערעכטיגקייט און באַדריקע־רייען אונטער די קלעפּ פון די קעמפער פאַר רעכט און פרייהייט! און דאַמאָלס וועט אויף אירע חורבות פלאַטערן אין דער זוניגער העלער ליכט פון פרייהייט די רויטע פאָן פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע.

די דאָזיגע העברעאישע פּראָקלאַמאַציע איז אויף אַ געהיימען אופן אַריינ־געשמוגלט געוואָרן קיין רוסלאַנד אין טויזנטער עקזעמפּליאַרען, און ליבערמאַנס חברים אין די פאַרשיידענע שטעט און שטעטלאַך האָבן איר פאַרשפּרייט באַ־זונדערס אין די ישיבות און די בתּי־מדרשים. אין דער באַרימטער וואָלאָזשענער ישיבה האָבן אַלע תּלמידים אין אַ שיינעם פרי מאָרגן געפונען די פּראָקלאַמאַציע איטליכער ביי זיך אין דער גמרא, און מ׳האָט בשום אופן ניט געקאָנט דערגיין ווער עס האָט דאָס אַהין אַריינגעלעגט.

די פּראָקלאַמאַציע האָט געמאַכט זעהר אַ שטאַרקען איינדרוק, באַזונדערס אויף די מער אינטעליגענטערע און באַלעזענערע. אין די ישיבות און די בתּי־מדרשים האָבן די בחורים אָנגעהויבן אין דער שטילן צו דיסקוסירן וועגן פאַר־שיידענע סאָציאַליסטישע פראַגן. עס זיינען שוין געווען אַזעלכע יונגע לייט, וועלכע האָבן די בחורים באַקאַנט געמאַכט מיט מאַרקסן און לאַסאַלן, די יונגוואַרג האָט זיך אין אַנדערע ערטער אָנגעהויבן אָפּצורייסן פון דער גמרא...

צו קיין ממשות׳דיגע רעזולטאַטן האָט דאָס אָבער ניט געבראַכט. דאָס זיינען אַלץ געווען מער ניט ווי ניי־אויסגעבאַקענע אונטער־אויוון־סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן אין לעבן גאָרנישט אַריינגעטראָגן. מ׳האָט זיך נאָר געצאַצקעט מיט ליבערמאַנס שיינער העברעאישער מליצה, און העכער פון דעם האָט מען זיך ניט דערהויבן.

איבערגעגעבענע סאָציאַליסטן זיינען געוואָרן נאָר יענע פון דער יונגער

בית־מדרש־אינטעליגענץ, וועלכע האָבן באַוויזן באַקאַנט צו ווערן מיט דער רוסישער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור פון די זעכציגער יאָרן. צו דער דאָזיגער אינטעליגענץ האָבן געהערט די דאַמאָלסדיגע יונגע העברעאישע שריפטשטעלער ווי: לילנבלום, יהלל, ד״ר קאַמינער, שערשעווסקי און אַנדערע. אָט זיי האָבן באַגעגנט ליבערמאַנס סאָציאַליסטישן אַרויסטרעט מיט גרויס באַגייסטערונג, און האָבן זיין אונטערנעמען געשטיצט אויף וויפיל עס האָבן זיי ערלויבט די דאַמאָלסטדיגע באַדינגונגען.

ליבערמאַן איז נאָך זיין ערשטער פּראָקלאַמאַציע ניט געבליבן שטיין, און איז תיכף צוגעטראָטן צו דער סאָציאַליסטישער אַרבעט. אין יאָר 1876 האָט ער געגרינדעט אין לאָנדאָן אַ יידישן סאָציאַליסטישן אַרבעטער־פאַרבאַנד, אין וועלכן עס זיינען אַריין אויך האַנטווערקער. ליבערמאַן האָט אָנגעשריבן די תקנות פון פאַרבאַנד אין העברעאיש מיט אַ יידישער איבערזעצונג ביי דער זייט. ליבערמאַן האָט געגעבן דעם פאַרבאַנד אויף אַ העברעאישן נאָמען „אגודת הסוציאליסטים העברים״. דעם פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, וועלכער האָט זיך געגרינדעט ביים פאַרבאַנד, האָט ליבערמאַן אָנגערופן „חברים כל בעלי־המלאכה״. אין דעם האָט זיך אַרויסגעוויזן ליבערמאַנס זעהר אַ כאַראַקטעריסטישע אייגנשאַפט. דער דאָזיגער פייערדיגער סאָציאַליסטישער אַגיטאַטאָר האָט זעהר ליב געהאַט די העברעאישע שפּראַך. ער האָט אַליין געשריבן אַ גלענצענדן העברעאיש, האָט תמיד געשליפן יעדעס וואָרט, האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט יעדן ניי־באַשאַפענעם העברעאישן אויסדרוק. ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס דער סאָציאַליזם אַלס אַזעלכער באַזירט אויף דער קאָסמאָפּאָליטישער אידעאָלאָגיע און האַלט ניט פון קיין שום יידיש־נאַציאָנאַלע באַזונדערקייטן, האָט ליבערמאַן אָנגעשריבן די הקדמה צום סטאַטוט פון אַרבעטער־פאַרבאַנד אויף העברעאיש. ווייל די דערמאָנטע הקדמה האָט אַ גרויסן היסטאָרישן אינטערעס, גיב איך זי דאָ איבער כמעט אינגאַנצן.

„ווייל מיר זיינען דורכגעדרונגען פון דעם באַוואוסטזיין,

„אַז אומעטום הערשן עקספּלאָאַטאַציע און גוואַלט, אַז די קאַפּיטאַליסטן, די אָנפירנדיגע עלעמענטן און די גייסטליכע האָבן אַריינגענומען אין זייערע הענט אַלע מענשליכע רעכט און אַלע רייכטימער פון׳ם לאַנד, און מיט דער הילף פון׳ם געלט, וואָס האָט די ממשלה איבער דער גאַנצער וועלט, האָבן זיי פאַרוואַנדלט אין קנעכט אַלע, וואָס באַשעפטיגן זיך מיט אַרבעט.

„אַז כל זמן עס עקסעסטירט דאָס פּריוואַט־אייגנטום, וועט ניט אויפהערן די עקאָנאָמישע נויט, אַז כל זמן די מענשן זיינען צוטיילט אויף פעלקער און ראַסן, וועט זיך ניט אויפהערן צווישן זיי די פיינדשאַפט; אַז כל זמן די גייסטליכע הערשן אויפן זעלבסטבאַוואוסטזיין פון׳ם פאָלק וועט ניט פאַרשווינדן דער רעליגיעזער האַס;

„אַז די פולשטענדיגע רעטונג פון דער גאַנצער מענשהייט קען דער־גרייכט ווערן נאָר ביי אַ פולער און ראַדיקאַלער אומענדערונג פון אַלע סאָציַ־

אַלע, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע באַדינגונגען, און נאָר אויף די חורבות פון דער גאַנצער ביזאיצטיגער אָרדענונג וועט אַוועקגעשטעלט ווערן אַ נייער בנין אויף סאָציאַליסטישע יסודות, כּדי עס זאָלן פאַרשווינדן די אומגערעכטיקייט און די הערשאַפט פון קאַפּיטאַל; ווען מ'וועט פאַרגעסן וועגן „מיינע" און „דיינע", און עס וועלן מער ניט זיין קיין מענשן, וואָס לעבן אויפ'ן אַנדערנס חשבון; ווען אַלע מענשן וועלן געניסן פון דיזעלביגע רעכט, און יעדערן וועט געגעבן ווערן די מעגליכקייט פריי צו אַנטוויקלען און צו פאַרפולקומען זיינע נאַטירליכע באַגאַבונגען און אויסנוצן זיי פאַר דעם וואוילשטאַנד פון דער גאַנצער מענשהייט;

„אַז די באַפרייאונג פון אונז, יידן, אַלס טייל פון דער מענשהייט, וועט אָנשטיין נאָר מיט דער באַפרייאונג פון דער גאַנצער מענשהייט;

„אַז די באַפרייאונג פון דער גאַנצער מענשהייט פון אָרימקייט און קנעכטשאַפט קען דערגרייכט ווערן נאָר מיט די הענט פון די אַרבעטער אַליין, אויב זיי וועלן זיך פאַראייניגן צו אַן אָפענעם קאַמף מיט זייערע אונטערדריקער, כּדי צו צושטערן די היציטיגע אָרדענונג און אָנשטאָט איר אויפצוריכטן די מלוכה פון אַרבעט, פון גערעכטיגקייט, פון פרייהייט און ברודערשאַפט פון אַלע מענשן;

„אַז די אַרבעטער פון די אַנדערע לענדער אין אייראָפּע און אַמעריקע אָרגאַניזירן זיך שוין פון לאַנג אין געזעלשאַפטן און פאַרבאַנדן כּדי צו דערגרייכן דעם דאָזיגן גרויסן ציל, און דער דאָזיגער בונד ווערט אַלץ וואָס מער שטאַרקער און וואַקסט פון טאָג צו טאָג, דערנענטערנדיג זיך צו יענעם מאָמענט, ווען עס וועט אָנשטיין דאָס קעניגרייך פון דעם סאָציאַליזם —

„מיר, קינדער ישראל, האָבן באַשלאָסן: צו פאַראייניגן זיך ברידערליך מיט דעם הייליגן בונד פון די אַרבעטער, און צוליב דעם דאָזיגן צוועק האָבן מיר געגרינדעט אַ „פאַרבאַנד פון יידישע סאָציאַליסטן". די גערעכטיקייט און די ניטליכקייט וועלן זיין דאָס קריטעריום פאַר אַלע מעשים פון די מיטגלידער פונ'ם דאָזיגן פאַרבאַנד הן אין דער באַציהונג צו זיך אַליין און הן אין דער באַציהונג צו אַלע מענשן אָן אונטערשייד פון ראַסע, נאַציאָנאַליטעט און רעליגיע.

„ס'זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן די פאָלגנדע תקנות:

I) „דער פאַרבאַנד וועט אָנווענדן אַלע קרעפטן צו פאַרשפּרייטן דעם סאָציאַליזם צווישן די יידן אומעטום וואו זיי וואוינען, און אויך צווישן די אַנדערע פעלקער, און ער וועט זיך סטאַרן צו אָרגאַניזירן אַזעלכע חברות וואו עס וועט נאָר זיין מעגליך, און פאַראייניגן די אַרבעטער צום קאַמף מיט זייערע באַדריקער און פאַרשקלאַפער.

II) „דער פאַרבאַנד וועט שטרעבן ברידערליך זיך צו פאַרבינדן מיט די אַרבעטער־פאַרבאַנדן פון די אַנדערע נאַציעס".

דער־צו קומען נאָך איינינע פונקטן, וועלכע האָבן ניט פאַר אונז קיין באַזונדער אינטערעס.

מיט זיין גאַנצן יוגענטליכן פייער האָט זיך ליבערמאַן גענומען פאַר דער אַנטוויקלונג פון דעם דאָזיגן ערשטן יידישן סאָציאַליסטישן אַרבעטער־פאַרבאַנדי ער האָט איינגעאָרנדט פאַרזאַמלונגען און מיטינגען, אויף וועלכע ער איז אַרויסגעטראָטן אַלס איינציגער רעדנער און אַגיטאַטאָר. ס׳איז אָבער אַוועק אַ קורצע צייט, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן געוויסע סכסוכים און רייבונגען צווישן אים מיט די מיטגלידער פון פאַרבאַנד. ניט קענענדיג בשום אופן אונ־טערדריקן אין זיך די השפעה פון זיין טראַדיציאָנער ערציהונג און פון זיינע שאַרף אַנטוויקל׳טע נאַציאָנאַלע געפילן, האָט ער זיך געמאַטערט ברענגען זיי אין אַ געוויסער האַרמאָניע מיט די סאָציאַליסטישע טעאָריעס. דאָס האָט זיך אים אָבער אויף קיין פאַל ניט איינגעגעבן. און דורך דעם איז ער אַריינגעפאַלן אין סתירות און אין געגנזאַצן מיט זיך אַליין, וואָס עס האָט געמאַכט אויף זיינע חברים זעהר אַ שלעכטן איינדרוק. ס׳האָט זיך געטראָפן, אַז צוליב לי־בערמאַנס נאַציאָנאַליזם זיינען אַרויסגעקומען צווישן אים מיט די אַרבעטער שאַרפע אינצידענטן.

אַמאָל האָט פּאַסירט דער פאָלגנדער כאַראַקטעריסטישער אינצידענט: די זיצונגען פון פאַרבאַנד פלעגן פאָרקומען אַלע שבת צו נאַכט. איינמאָל איז דער דאָזיגער אָוונט אויסגעפאַלן אום תשעה־באב, און ליבערמאַן האָט אַוועק־געשטעלט די פראַגע, צי ס׳זאָל די זיצונג ניט אָפּגעלייגט ווערן אויף אַן אַנדער טאָג? איינער פון די מיטגלידער האָט אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז זיי אַלס סאָציאַליסטן, דאַרפן זיך מיטן תענית ניט רעכענען. קעגן דער דאָזיגער מיי־נונג איז אַרויסגעטראָטן ליבערמאַן מיט אַ פייערדיגן פּראָטעסט. „ביי איצטיגן טאָג—האָט ליבערמאַן געזאָגט—האָט תשעה־באב פאַר אונז, יידישע סאָציאַ־ליסטן, דיזעלביגע באַדייטונג וואָס פאַר אַלע אַנדערע יידן. כל זמן ס׳איז נאָך ניט אַנטשטאַנען די סאָציאַלע רעוואָלוציע, האָט די פּאָליטישע אומאָפּהייניגי־קייט אַ גרויסן ווערט פאַר יעדער פאָלק. דער טאָג פון תשעה־באב דערמאָנט אונז, אַז די יידן האָבן פאַרלאָרן זייער פּאָליטישע אומאָפּהייניגקייט, און אַלענפאַלס דאַרף אונזער פאַרבאַנד האַלטן די דאָזיגע געשעהעניש אויף אַזוי פיל וויכטיג, אַז ס׳איז כדאי אָפּצולייגן צוליב אים די זיצונג אויף אַן אַנ־דער טאָג“.

אין לאָנדאָן האָט אָבער ליבערמאַן לאַנג ניט פאַרבראַכט. אויסער דער צוריסנקייט צווישן אים מיט די אַרבעטער צוליב די נאַציאָנאַלע געגנזאַצן, האָט ער זיך אַמאָל אין אַ רעדע, וועלכע ער האָט געהאַלטן אויף אַ מיטינג, זעהר שאַרף אויסגעדריקט קעגן דער יידישער רעליגיע און איז מיט זלזולים אָנגעפאַלן אויפן לאָנדאָנער רב אַדלער, און דאָס האָט צווישן דעם פּובליקום אַרויסגערופן אַ גרויסן שטורם, וועלכער האָט דערנאָך געפונען אַ שטאַרקן אָפּ־קלאַנג אין דער יידישער און אויך אין דער אַלגעמיינער ענגלישער פּרעסע

אין ענגלאַנד איז מען נאָך ביז אהער ניט געוואוינט געוועזן צו הערן אַזעלכע שאַרפע מיינונגען וועגן דעם יידישן גלויבן אפילו פון ניט יידן, און דעריבער האָט ליבערמאַנס רעדע געמאַכט אין דער ברייטער עפנטליכקייט זעהר אַ שווערן איינדרוק; אין אַלע ציימונגען האָט מען אָנגעהויבן אָנצופאַלן אויף דעם אויסלענדישן „אַנאַרכיסט”, און פון פאַרשיידענע זייטן איז אויסגעדריקט געוואָרן דער וואונש, אַז „מ'זאָל אים פאַרשפאַרן דעם מויל”. דאָס אַלץ האָט באַוואויגן ליבערמאַנען צו פאַרלאָזן לאָנדאָן און איבערצוקלייבן זיך פון דאָרטן קיין ווין.

---

## .VI

דער בערלינער ײדישער-סאָציאַליסטישער קרײזל.—דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער קרײזל אין װין.—ליבערמאַנס השפעה אויפן קרײזל.—די ויכּוחים װעגן ײדן.—ליבערמאַן און סמאָלענסקין. ליבערמאַן הויבט אָן אַרויסצוגעבן דעם העברעאישן סאָציאַליסטישן חדש-זשורנאַל „ה א מ ת”.—דאָס פּראָגראַם פון דעם „האמת”.—ליבערמאַנס מיטאַרבעטער.—דער ערפאָלג פון „האמת” אין רוסלאַנד.—די רוסישע צענזור נעגן דעם „האמת”.—דער „האמת” װערט פאַרמאַכט.—ליבערמאַנס פאַרצװײפלונג.—ליבערמאַן אַלס מיטאַרבעטער אין סמאָלענסקינס העברעאישע איסנאַבן.—ליבערמאַן װערט אַרעסטירט.

אויפן וועג קיין ווין האָט זיך ליבערמאַן אויף אַ קורצער צייט אָפּגעשטעלט אין בערלין, וואו ס'האָט זיך דאַמאָלסט געפונען אַ היבשער קרייזל פון יידישע סאָציאַליסטן און סאָציאַליסטקעס, און כמעט אַלע זיינען זיי געוועזן עמיגראַנטן אַנטלאָפענע פון רוסלאַנד. אויף אַ באַראַטונג אין דעם דאָזיגן קרייזל איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז ליבערמאַן זאָל צוטרעטן אין ווין אַרויסצוגעבן אַ העברעאישן זשורנאַל, אין וועלכן ס'זאָל אַגיטירט ווערן פאַרן סאָציאַליסטישן געדאַנק. צו דעם צוועק האָט דאַן דער קרייזל פון זיין קאַסע געגעבן ליבערמאַנען אַ געוויסע סומע געלט אויף צו מאַכן דעם אָנהויב און האָט אים פאַרשפּראָכן אויך ווייטערדיגע מאַטעריעלע אונטערשטיצונגען.

אין ווין האָט זיך ליבערמאַן פּערזענליך באַקאַנט מיט דעם העברעאישן שריפטשטעלער און סאָציאַליסטיש געשטימטן אליעזר צוקערמאַן, וועלכער האָט זיך דאַמאָלסט געלערנט זעצעריי אין סמאָלענסקינס דרוק, און זיינען ביידע פון דער ערשטער מינוט אָן געוואָרן טרייע, איינער דעם אַנדערן מיט לייב און לעבן איבערגעגעבענע חברים. צוקערמאַן האָט תיכף אַריינגעפירט ליבערמאַנען אין דעם ווינער אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קרייזל, אין וועלכן עס זיינען געוועזן פאַרטראָטן פאַרשטייער פון אַלע נאַציעס, וואָס באַוואוינען רוסלאַנד: גרויס-רוסן, פּאָליאַקן, אַרמענער, אוקראַינער, ליטווינער א

אַז וו. יידן האָבן זיך געפונען אין קרייזל גאַנץ ווייניג. מיט זיין גרויסער וויסנשאַפטליכער ערודיציע און מיט זיין אויסגעצייכנטן רעדנער=טאַלענט האָט ער תיכף צו זיך צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון גאַנצן קרייזל. ס'האָט לאַנג ניט געדויערט און ליבערמאַן איז אין אים געוואָרן דער גאַנצער פירער און טאָנאָנגעבער. אָן ליבערמאַנען האָט מען זיך ניט געקערט קיין טריט, און וואָס ער האָט געזאָגט, איז געווען אַ געזעץ.

אויף וויפיל גרויס ס'איז געווען ליבערמאַנס אווטאָריטעט און זיין השפעה אויפ'ן דאָזיגן קרייזל פון די אינטערנאַציאָנאַלע סאָציאַליסטן, באַווייזט דער פאָלגנדער זעהר אינטערעסאַנטער פאַקט, וועלכן עס דערציילט דער באַקאַנטער העברעאישער דיכטער יהלל אין זיין אַווטאָביאָגראַפיע:

„אין איינעם פון זיינע בריוו — אַזוי שרייבט יהלל — האָט מיר ליבערמאַן מודיע געווען, אַז ס'האָט זיך דערוועקט אַ גרויסער ויכוח צווישן די סאָציאַליסטן וועגן יידן. פילע פון די סאָציאַליסטן, און באַזונדערס די אוקראַאינאָפילן, האָבן געשריען, אַז אויף יידן טאָר מען קיין רחמנות ניט האָבן, אַז זיי זיינען אַלע עקספלאָטאַטאָרן, פיאַווקעס, וועלכע זויגן אויס דאָס בלוט פון די פויערים, הענדלער און פאַקטאָרס, און דעריבער דאַרפן די סאָציאַליסטן זיי ניט באַשיצן און דאַרפן פאַר זיי ניט קעמפן. געגן דעם האָבן אַנדערע געטענה'עט, אַז די יידישע הענדלעריי מיט זייער עקספלאָאַטאַציע נעמען זיך נאָר פון זייערע רדיפות און רעכטלאָזיגקייט א. אַ. וו. דער ויכוח האָט זיך זעהר פאַרשאַרפט, און צום סוף האָט מען באַשלאָסן צו מאַכן צוליב דעם אַ באַזונדער אסיפה, אין וועלכער די פראַגע זאָל ברייט און טיף אַרומגערעדט ווערן. דערביי איז אויך געבליבן, אַז איינער פון די אוקראַאינער זאָל אַראָפּפאָרן צו מיר קיין קיעוו אום זיך מתוכח צו זיין מיט מיר, און ווען מיר וועלן צווישן זיך קומען צו אַ הסכם, וועט דאַמאָלסט ווערן אַ שלום. דעריבער איז מיר מודיע ליבערמאַן, אַז אינגיכן וועט קומען צו מיר אַ מענש, וועלכער הייסט פּאָטשינין און ער וועט מיר ווייזן אַ וויזיט=קאַרטע, אויף וועלכער עס זיינען אָנגעשריבן די די ווערטער, און אַז ער וועט קומען און וועט מיר ווייזן די וויזיט=קאַרטע זאָל איך מיט אים ריידן גאַנץ אָפן ניט מורא=האָבנדיג פאַר קיין זאַך.

„אין אַ געוויסן טאָג — אַזוי דערציילט יהלל ווייטער — ווי איך זיץ מיר אַזוי אין מיין צימער אין קאַנטאָר, ערשט ס'איז אַריין צו מיר אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר דרייסיג, זעהר שיין געקליידעט, האָט זיך מיר אָנגערופן מיט זיין נאָמען און האָט מיר איבערגעגעבן די וויזיט=קאַרטע אַרויסרופנדיג מיר אויף אַ שמועס. איך האָב אויף דעם אויסגעקליבן אַ פאַרבאָרגענעם ווינקל און דוקא אויפ'ן גאַס. כ'בין מיט אים אַרויס אויפ'ן גאַס און מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט צויף אַ בענקל לעבן אַ שטוב. גראָד איז דאָס געווען אַ שטילע גאַס, וואו עס זעהן זיך מענשן זעהר זעלטן. מיר האָבן אַזוי אָפּגעשמועסט פון זייגער האַלב פיר נאָכמיטאָג ביז זיבן פאַרנאַכט. דער אינהאַלט פונ'ם געשפרעך איז געווען אַ פרק יידישע געשיכטע מיט אַן איבערזיכט איבער זייער איצטיגן מצב. זיבן

אַ זייגער האָט זיך געענדיגט אונזער געשפּרעך. דער אוקראַאינער האָט זיך מיט מיר צוקושט און מיר האָבן זיך צושיידט גאַנץ פריילעך און זעהר פרידליך געשטימט. אויף מאָרגן פאַרנאַכט איז צו מיר געקומען איינער פון די מיל־אַרבעטער*) און האָט מיר דערציילט, אַז די גאַנצע גאַס איז פול מיט איבער־געטאָנענע שפּיאָנען. אַז איך האָב געדאַרפט גיין אַ היים, בין איך אַרויס אויפ'ן גאַס און האָב דערקענט צווישן די געהיימע אַגענטן דעם פּריסטאַוו פון מיין צירקל. אויף מאָרגן בין איך צו אים אַריין, כ'האָב אים דערציילט, אַז איך האָב אים דערקענט און געבעטן ער זאָל מיר זאָגן וואָס דאָס באַטייט. אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט מיט גרויס ערביטערונג: שטעלט אייך פאָר מיין עגמת־נפש. אין יענעם טאָג האָט זיך באַוויזן אין מיל־גאַס אַ געפערליכער מענש, איינער פון די גרעסטע און די שרעקליכסטע סאָציאַליסטן, און איך האָב באַ־קומען דעם באַפעל נאָכצושפּירן אים. און אָט דער מענש איז ניט בלויז אַריבער די גאַס, נאָר ער איז אויך געזעסן אויף אַ בענקל און האָט געשמועסט מיט אַ פּערזאָן אַ לאַנגע צייט.

„דער לעזער קען זיך פאָרשטעלן—אַזוי פאַרענדיגט י ה ל ל זיין ערציי־לונג—ווי מיר איז געוואָרן אויפ'ן האַרצן הערענדיג דעם פּריסטאַווס אָפּגענע דבורים. איך בין באַלד אַוועקגעגאַנגען אַהיים און אויסגעראַמט פון דאָרטן דעם גאַנצן חמץ"**).

בעת ליבערמאַן איז נאָך געווען אַ תּלמיד פון'ם ווילנער ראַבינער־שול, האָט ער אָפּגעדרוקט אין דעם העברעאישן חדש־זשורנאַל „ה ש ח ר" אונטער דעם פּסעוודאָנים „דניאל איש חמודות" אַ ערציילונג מיטן נאָמען „ח ז ו ת ה כ ל" (קאַליידאָסקאָפּ), וועלכע האָט אין איר צייט געמאַכט אַ גאַנץ גרויסן רושם. קומנדיג קיין ווין האָט ליבערמאַן באַלד אויפ'ן צווייטן טאָג באַזוכט דעם רע־דאַקטאָר פון „שחר", ס מ אָ ל ע נ ס ק י נ ע ן. כאָטש ליבערמאַן איז שוין דאַמאָלסט געשטאַנען אידייאיש גאַנץ ווייט פון סמאָלענסקינען, האָט ער אים דאָך געשעצט אַלס טאַלענטפולער זשורנאַליסט און ערציילער. סמאָלענסקין ווידער פון זיין זייט האָט שטאַרק געהאַלטן פון ליבערמאַנען אַלס גלענצנדער העברעאישער סטיליסט. באַלד איז ליבערמאַן ביי אים געוואָרן אַן אָפטער איינגייער און כמעט יעדעס מאָל האָבן זיי געפירט צווישן זיך היציגע געשפּרעכן און ויכּוחים וועגן יידן און יידישקייט און וועגן פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען; זיינענדיג ביידע עקספּאַנסיוו און טעמפּעראַמענט־פול פון דער נאַטור, פלעגן דעריבער זייערע ויכּוחים פאַרוואַנדלט ווערן דאָס רוב אין ערביטערטע מלחמות. קיינער פון זיי האָט קיינמאָל דעם אַנדערן ניט נאָכגעגעבן, קיינער האָט דעם קאַמף־פּלאַץ ניט פאַרלאָזן, ביז זיי פלעגן ווערן אָן כּחות ריידענדיג, און דאַן

*) יהלל האָט אין יענער צייט געדינט אַלס קאַסיר אין דעם מיל פון'ם גרויסן קיעווער מיליאָנער בראָדסקי.

**) זעה „ספר זכרון" ז. 34.

פלעגט ליבערמאַן געוויינלעך אַ זאָג טאָן: אָט ווייסט איר וואָס? פון אַלע זאַכן לאָמיר גאָר מאַכן אַ שאָך! אין שאָך זיינען זיי ביידע געווען גרויסע קינסטלער; „מאַט“ פלעגט אָבער דאָס רוב קריגן ליבערמאַן.

דאָ וועל איך זיך באַנוצן אַ ביסל מיט מיינע אייגענע זכרונות.

אין יענער צייט האָב איך געלערנט אין ווין, און אויך גאַנץ אָפט באַזוכט סמאָלענסקינען. ניט איינמאָל האָב איך געטראָפן סמאָלענסקינען און ליבערמאַנען אַמפּערנדיג זיך און ניט איינמאָל האָב איך זיי געפונען שפּילנדיג ביידע אין שאָך. איך געדענק נאָך אַזוי ווי היינט זייערע ביידנס פאַרשיידנאַרטיגע ניגונים׳לאַך ביי׳ם שאָך-שפּילן. סמאָלענסקין פלעגט האָבן די טבע אונטערצוברומען אונטערן נאָז דעם ישיבה-בחור׳שן גמרא-ניגון, און ליבערמאַן — דעם טרויעריגן מאָטיוו פון „כל-נדרי“. אַמאָל פלעגט זיך ליבערמאַן טרעפן ביי סמאָלענסקינען מיט דעם געשמד׳טן מיסיאָנער זאַלקינסאָן, דער באַקאַנטער העברעאישער איבערזעצער פון שעקספּירס „אָטעלאָ“ און „ראָמעאָ און „דזשולעטאַ“, וועלכער איז אויך געווען אַ גרויסער שאַכמאַטיסט. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט ליבערמאַן מיט אים שפּילן עטליכע פאַרטיעס שאָך; דערביי פלעגט תמיד זיין „כל-נדרי“-נגון מאַכן דעם משומד זעהר נערוויאיש. איינמאָל האָט ער זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן, און האָט געפרעגט ליבערמאַנען: וואָס האָט איר זיך דאָס עפּעס אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין „כל-נדרי“? זייט איר, אָפּשטאָלס, ניט געווען אין רוסלאַנד אַ חזן אין אַ קליינשטעטל? אויף דעם האָט אים ליבערמאַן, געדענק איך, געענטפערט: אַ חזן ווי אַ חזן, איך בין אָבער תמיד אַ ייד געווען...

נאָכדעם ווי ליבערמאַן האָט פאַרענדיגט מאַכן די נויטיגע הכנות צו זיין העברעאישן זשורנאַל, האָט ער פאַרעפנטליכט וועגן אים אַ אויספירליכן פּראָספּעקט. איך געפין פאַר נויטיג צו ברענגען דאָ עטליכע אויסצוגן פונם דאָזיגן פּראָספּעקט, וועלכע זיינען זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר ליבערמאַנס אינעווייניגסטער צוריסנקייט.

„דער שקר — אַזוי ווערט געזאָגט אין פּראָספּעקט פון „האמת“ — וואָס געוועלטיגט אין איצטיגער צייט, איז דער מקור פון אַלע אומגליקן. ער צוטרייסלט ביזן וואָרצל די יסודות פון דעם געזעלשאַפטליכן לעבן און צורייסט אויף שטענדיג די געזעלשאַפטליכע בונדן. ער צוטיילט די מענשן אין צוויי לאַגערן — אין עקספּלואַטאַטאָרן און עקספּלואַטירטע... גרויס זיינען די ליידן פון פאָלק, ער ליידט אָבער און שווייגט, ווייל ער פאַרשטייט ניט דאָס, וואָס עס קומט פאַר אַרום אים, כל זמן עס וועט ניט צופּלייצן דער „אמת“...

„אין דער צייט ווען אַלע פאָדערן „ברויט און אַרבעט“, בעת די מאָגן-פראַגע האָט אָפּגעשטויסן אָן אַ זייט אַלע איבעריגע פראַגן — געפינט אונזער ליטעראַטור פאַר זיך ניט קיין בעסערס פון דער באַשעפטיגונג מיט רעליגיע און נאַציאָנאַליזם און מיט נאָך אַזעלכע פוסטע זאַכן, וואָס יעדער לאָגיש-

רענקנדיגער מענש האָט זיי שוין לאַנג אָוועקגעוואָרפן. אָנשטאָט צו אינטערעסירן זיך מיט לעבעדיגע פראַגן, געפינט אונזער ליטעראַטור פאַר זיך קיין בעסערס ניט ווי צו ריען זיך אין קברות־בלעטלאַך און באַשעפטיגן זיך מיט די ערפאָר־שונגען פון עבר...״

„דער אינסטינקטיווער וואונש צו באַפרייען זיך פון אַלע גייסטיגע און פיזישע קייטן, געפינט זיך ביי יעדער מענשן. איטליכן וואָלט זיך געוואָלט זיין אַ בעל־הבית איבער זיך אַליין און באַנוצן זיך מיט דער פרוכט פון זיינע אייגענע הענט... אַלע פעלקער פאַראייניגן זיך שוין שטרעבנדיג צו דערגרייכן זייער ציל—קלערט דען אונזער פאָלק אויך וועגן בעסערע צילן?... ניט קיין אַ ־יאָנאַלע ליבע דערוועקט אונז אַרויסצוגעבן דעם דאָזיגן זשורנאַל. מיר קע־נען ניט אָוועקשטעלן אונזער פאָלק העכער פון אַן אַנדער פאָלק; איין נאַציע דאַרף ניט אויסגעטיילט ווערן צו גוטן פון דער אַנדערער, אַזוי ווי איין מענש דאַרף ניט אויסגעטיילט ווערן פון דעם צווייטן מענשן. נאָר די אַלגעמיין־מענ־שליכע ליבע, די ליבע צו די קינדער פון אונזער פאָלק, ווי צו מענשן, און אויך זייערע אומענדליכע ליידן—דערוועקט אונז צו זאָגן זיי אויפ׳ן לשון, וועלכער איז זיי פאַרשטענדליך, דעם „אמת״, וואָרום ווען מיר, וואָס קענען זייער לעבן און זייערע צרות, וועלן פאַר זיי ניט דאגה׳ן, טאָ ווער זשע?״

דער ערשטער נומער „האמת״ איז אַרויס אין מאַי 1877 אונטער דער רעדאַקציע פון אַ ר ט ו ר פ ר י י מ אַ ן. אַזוי האָט זיך ליבערמאַן אָנגערופן אין דעם פרעמדן פאַס, אויף וועלכן ער האָט געוואוינט אין ווין אַלס איינגלישער אונטערטאַן. ליבערמאַן האָט זיך אין עסטרייך ניט געפילט אַזוי זיכער ווי אין ענגלאַנד, און אויס מורא טאָמער קומט עם דאָ אויס צו ליידן פאַר זיינע לאַנ־דאָנער עפענטליכע אַרויסטרעטונגען, האָט ער זיך משנה שם געווען. פון צווייטן נומער אָן האָט ליבערמאַן אָוועקגעשטעלט אויפן „האמת״ אַלס מאָטאָ אַ שפּרוך פון בן־סירא׳ן: „סאַנעווע ניט דיין לעבן אין דער מלחמה פאַרן אמת״.

דעם ערשטן נומער האָט ליבערמאַן אויסגעפילט מיט זיינע אייגענע אַר־טיקלען און אַביסל מיט צוקערמאַנס. אין די ווייטערדיגע דריי נומערן האָבן זיך געדרוקט אויך זאַכן (און כמעט אַלע זיינען דאָס געווען שירים) אויך פון ד״ר קאַמינער, יהלל און שרשעווסקי. אַלע אַרטיקלען אין „האמת״ האָבן זיך געדרוקט אָן די אונטערשריפטן פון זייערע מחברים. אַביסל האָט מען דאָס געטאָן אויס כחד, און אַביסל אום צו באַווייזן דער וועלט, אַז די מיטאַרבעטער פון „האמת״ שרייבן ניט צוליב כבוד, נאָר מער ניט ווי כדי אַרויסצוזאָגן דעם אמת.

זיינע סאָציאַליסטישע אַרטיקלען האָט ליבערמאַן געזוכט וואָס מער צו פּאָ־פולאַריזירן, כדי צו צופּאַסן זיי צו דער אַנטוויקלונגס־מדרגה פון זיין אוידי־טאָריע. בנוגע צו דער אוידיטאָריע, צווישן וועלכער מ׳דאַרף זעהן פאַרשפּרייטן דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק, האָט ליבערמאַן פון תמיד אָן געהאַט אַ באַזונדער מיינונג, אין וועלכער ער איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט פיל פון זיינע חברים.

נאָך אין ערשטן ווילנער סאָציאַליסטישן קרייזל, בעת ס'האָט זיך אויפגעהויבן די פראַגע אין וועלכער שפראַך עס איז צוועקמעסיגער אַרויסצוגעבן אַגיטאַציע־ליטעראַטור: אין העברעאיש אָדער אין יידיש, איז ליבערמאַן געשטאַנען פאַר העברעאיש. דאָ האָט זיך ניט געהאַנדלט וועגן דער וויכטיגקייט פון די ביידע שפּראַכן; די פראַגע איז נאָר געווען, פאַר וועמען די ליטעראַטור דאַרף באַשטימט ווערן. ליבערמאַן האָט געהאַלטן, אַז רעוואָלוציאָנערן קען מען ווערבירן נאָר צווישן ישיבה־בחורים; די איבעריגע מיטגלידער פון קרייזל האָט זיך געחלום'ט וועגן דער רעוואָלוציאָניזירונג פון דער „מאַסע", און דעריבער האָבן זיי געטענה'ט, אַז די אַגיטאַציע מוז זיין נאָר אין יידיש.

איינער פון ליבערמאַנס חברים, וועלכער איז אויך געווען אַ מנהיג פון ווילנער סאָציאַליסטישן קרייזל, זונדעלעוויטש, שרייבט וועגן דעם אין זיינע זכרונות: „אויף די קלויזניקעס און ישיבה־לייט האָט ליבערמאַן געקוקט ווי אויף דער נאַציאָנאַלער אינטעליגענץ, וועלכע איז הויך אידעאַליסטיש געשטימט און באַנוטיגט זיך אין דעם, אַז עמיצער זאָל אַרויספירן זייערע אידעאַליסטישע שטרעבונג אויפ'ן וועג צו די אידעאַלן פון דער נייער געזעלשאַפטליכער אָרדענונג, כּדי זיי זאָלן ווערן די גייסטיגע קעמפנדיגע אָנפירערס פון דער יידישער מאַסע אין איר מלחמה פאַר'ן סאָציאַליסטישן עתיד. מיר, די געגנער פון ליבערמאַנס נאַציאָנאַליזם, האָבן געהאַלטן, אַז די ריכטיגע און די נאַטירליכע אָנפירער פון דער יידישער מאַסע אין דער צוקונפט וועלן זיין יענע יידישע יונגע לייט, וועלכע האָבן זיך ערוואָרבן אייראָפּעאישע בילדונג, און די ישיבה־בחורים וועלן קענען ווערן זייערע פאַרבינדעטע חברים ערשט נאָכדעם, ווי זיי וועלן אָפּגעבן די גמרא אין אַרכיוו. איבערגעבן אָבער די אַלגעמיינע אידייעס, וועלכע זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן דורך דער אייראָפּייאישער קולטור, דער „אומגעבילדעטער יידישע מאַסע", דאָס וועט מען ניט קענען אויף קיין אַנדער שפּראַך ווי נאָר אויף יידיש".

ווי הויך ליבערמאַן האָט געהאַלטן „די ישיבה־בחורים,—דאָס קען מען אַרויסזעהען פון זיין אַרטיקל „די יידן אין אונגאַרן", אין וועלכן מיר געפינען די פאָלגנדע ווערטער: „די תלמידים פון די ישיבות דאָס זיינען דער פונדאַמענט, אויף וועלכן עס איז געגרינדעט דער כבוד פונ'ם יידישן פאָלק. קיין נוצליכע רעפאָרם, קיין נייע אידייע קען ניט אַריינדרינגען אין פאָלק, ווען די באַשיצער פון גוטסקייט און גערעכטיקייט וועלן זיך אַפריער ניט ווענדן צו די דאָזיגע „קינדער פון די אָרימע, פון וועלכע ס'גייט אַרויס די תורה", און זיי וועלן ניט פּרובן צו מאַכן זיי פאַר'ן יסוד פון זייערע נייע איינריכטונגען. די ישיבה־לייט פערמעגן פיל בריליאַנטענע מעלות: זיי זיינען די שענסטע פון אונזער יוגנט, זיי באַזיצן אַ שאַרפן פאַרשטאַנד, און די ליבע צו גוטס און צו גערעכטיגקייט באַהערשט זייערע געדאַנקן; זיי זיינען די איינציגע צווישן אונז, וועלכע זיינען ניט פאַרדאָרבן געוואָרן דורך איבעריגן עגאָאיזם; זיי זיינען די איינציגע, וועלכע זיינען מסוגל צו לעבן אין נויט און מקריב צו זיין אַלץ פאַר די אידעאַלן,

וועלכע זיי געפינען פאַר גערעכטע; זיי זיינען אויך די איינציגע, וואָס זיינען געבליבן טריי זייער פאָלק, ווייל זיי זיינען ביינער פון זיינע ביינער, און לעבן אין פאָלק, בעת די אָנגערופענע „געבילדעטע" יוגנט, גייט אַוועק פון פאָלק און אונטער דער מאַסקע פון בילדונג זוכט זי פאַרגעניגנס, כבודים, רייכקייט און הערשאַפט. די ישיבה־בחורים—דאָס איז די יידישע אינטעליגענץ, אונזערע מאַנאַכן; פון זיי זיינען אַרויס אונזערע בעסטע שרייבער, אונזערע בעסטע מענשן"...

האַלטנדיג זיך ביי אַזאַ מיינונג וועגן די ישיבה־לייט, די תּלמודישע אינטעליגענץ, איז קיין וואונדער ניט וואָס ליבערמאַן האָט זיך באַזונדערס געסטאַרעט צו צופאַסן זיך צו זייער געשמאַק און צו זייערע באַדערפענישן. לויט ווי זונדעלעוויטש דערציילט האָט ליבערמאַן אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, אַז „די יידישע שפּראַך איז זיך מסוגל צו אַנטוויקלען, און אַז זי האָט די מעגליכקייט צו ווערן מיט דער צייט, גלייך מיט העברעאיש, אַ ליטעראַרישע שפּראַך, וועלכע וועט קענען דינען אַלס וויכטיגער פאַקטאָר אין דער אַנטוויקלונג פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן זעלבסטבאַוואוסטזיין". פונדעסטוועגן, ניט קוקנדיג אויף דעם, איז ער מיט אַ באַזונדער ענערגיע באַשטאַנען אויף דאָס וויניגע, אַז רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור דאַרף באַשאַפן ווערן נאָר אין העברעאיש. ליבערמאַן האָט, קענטיג, גענומען אין אַכט די פאַראַכטונג, וואָס מ'האָט אין די דאַמאָלסדיגע משכּיל'שע ספערן אַרויסגעוויזן דעם „זשאַרגאָן".

די ערשטע פּאָר נומערן פון „האמת" זיינען אין רוסלאַנד אויפגענומען געוואָרן מיט ענטוזיאַזם. דער צענזאָר האָט זיך צו זיי ניט געטשעפּעט; אים איז, ווי עס ווייזט אויס, לכתחלה גאָר ניט איינגעפאַלן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך דאָ, און האָט זיי פריי דורכגעלאָזן. אַזוי איז געווען אין ווילנע און אויך אין פּעטערבורג, וואו זונדעלעוויטש פלעגט אָפּנעמען אַ געוויסע צאָל עקזעמפּלאַרן פון דער פּאָסט, און פונאַנדערשיקן זיי אין דער פּראָווינץ. אויפ'ן דריטן נומער האָט שוין דער ווילנער צענזאָר געוואָרפן אַ שלעכט אויג; ער האָט שוין פאַרשטאַנען מיט וואָס דאָס שמעקט, און האָט דעם נומער קאָנפיסקירט. צום פערטן נומער האָט די רוסישע רעגירונג אינגאַנצן פאַרבאָטן דעם אַריינגאַנג פונ'ם „האמת", און דורך דעם האָט זיך דער זשורנאַל געמוזט אָפּשטעלן, ווייל כמעט אַלע זיינע אַבאָנענטן האָט ער געהאַט אין רוסלאַנד. פון אָנפאַנג האָט זיך ליבערמאַן געפּרובט אַריבערשוואַרצן דעם „האמת" קיין רוסלאַנד מיט דער הילף פון שמוגלערס אין דער פּוילישער גרעניץ־שטעטל באַקלעראָווע, פון וואַנען דער פּאַקעט פלעגט אַריבערגעפירט ווערן אין דער נאָהענטער שטאָט סובאַלק צו ליבערמאַנס פאָטער, וועלכער פלעגט שוין פון זיין זייט פונאַנדערשיקן די בלעטער צו די אַבאָנענטן אין קאָנווערטן. דער אַלטער ליבערמאַן איז אויך געווען דער פאַרמיטלער צווישן זיין זון און צווישן די אַלע שריפטשטעלער און סתם פריינד אין רוסלאַנד, מיט וועלכע ער האָט קאָרעספּאָנדירט. נאָכ'ן פערטן נומער האָט זיך דער „האמת" פאַרמאַכט. דערצו

האָט גורם געווען ערשטנס, וואָס דאָס שיקן די בלעטער דורך סובאַלק האָט געשמעקט מיט גרויס געפאַר, און צווייטנס האָבן אויף ליבערמאַנען געמאַכט אַ שווערן איינדרוק דאָס, וואָס פיל פון זיינע פריינד האָבן אויפגענומען דעם „האמת" קריטיש. איינער, למשל, האָט ליבערמאַנען געשריבן: „צו וואָס האָסטו דאָס אין ערשטן נומער געגעבן אַזאַ שטאַרקע דאָזע? צום אָנפאַנג האָסטו ניט געדאַרפט אַזוי קלאָר אַרויסווייזן דיינע כוונות, ביסלעכווייז, צו איינציגע לעפעלאַך דאַרף מען איינגעבן אַ רפואה, און ניט קיין ריינעם ספירט, נאָר געמישט אין וואַסער. האָסטו דען געהאַט נויטיג פונאַנדערצולייגן זיך מיט דיין גאַנצער סחורה אויף איין מאָל? צו וואָס דאַרף מען דאָס געבן אַזאַ שטאַרקן גיפט אַזאַ אָפּגעשוואַכטן אָרגאַניזם?" נאָך איינער פון די סאָציאַליסטישע פירער האָט געשריבן ליבערמאַנען: „דו קענסט אָפּנאַרן דעם צענזאָר איינמאָל און צוויי מאָל, אָבער ניט מער; אַז דו וועסט שרייבן אַזוי נעפּלהאַפט, דאָס קיינער וועט ניט פאַרשטיין, וועט דאָס קיין נוצן ניט ברענגען. מיט אַזעלכע מיטלען קען מען ניט העלפן די אָרימע און אונטערדריקטע". אויך דער בערלינער סאָציאַליסטישער קרייזל האָט ניט איינגעשטימט צו דער ריכטונג, אָן וועלכער ליבערמאַן האָט זיך געהאַלטן אין זיין זשורנאַל. די דאָזיגע ריכטונג איז געווען זעהר אַ שאַרפע און אַ קלאָר רעוואָלוציאָנערע, און די בערלינער זיינען מיט דעם געווען אומצופרידן. איינער אַ זשורנאַליסט, יעקב ראַפּאָפּאָרט פון קע-ניגסבערג, האָט געפּאָדערט פון ליבערמאַנען אַ קלאָרע פּראָגראַם, און האָט אים אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דעם, אַז צווישן שולצע-דעליטשן מיט באַקונינען ליגט אַ טיפער תהום. געמיינט האָט דער זשורנאַליסט מיט דעם זאָגן אַז דער „אמת" גיט צו גרויסע און ניט קיין נאַטירליכע שפּרונגען.

דער אונטערגאַנג פון „האמת" האָט אַריינגעבראַכט ליבערמאַנען אין גרויס פאַרצווייפלונג. עפּעס אַזוי ווי אַ שטיק שיינעס לעבן איז פון אים אָפּגע-ריסן געוואָרן. די ערשטע צייט איז ער אַרויסגעגאַנגען ווי אַ צוטומלטער, האָט אויפגעהערט צו באַזוכן דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קרייזל און האָט זיך פאַרטיפט אין זיך.

איך דאַרף דאָ באַמערקן, אַז אין פאַרלויף פון די עטליכע חדשים, וואָס ליבערמאַן האָט אַרויסגעגעבן דעם „אמת", האָט ער איבערגעריסן אַלע זיינע באַציהונגען צו סמאָלענסקינס הויז. די סבה דערפון איז געווען, דאָס וואָס סמאָלענסקין האָט אויפגענומען דעם ה„אמת" זעהר ניט פריינדליך, און באַלד ווי ליבערמאַן האָט פאַרעפנטליכט זיין פּראָספּעקט, האָט ער אים שאַרף קריטי-זירט אין ה„שחר". נאָכדעם ווי דער ה„אמת" האָט זיך אָפּגעשטעלט האָט לי-בערמאַן אין אַ קורצער צייט אַרום ווידער אָפּט אָנגעהויבן צו באַזוכן סמאָ-לענסקינען. און אַז סמאָלענסקין האָט דאַן אָנגעפאַנגען אַרויסצוגעבן זיין וואָכנבלאַט „ה מ ב י ט", איז ליבערמאַן באַלד געוואָרן פון זיינע נאָהענטע מיט-אַרבעטער אונטער דעם פּסעוודאָנים „ב ר-ד ר ו ר א" (פריימאַן). ליבערמאַנס

וויסענשאַפטליכע אַרטיקלען אין ה„מביט" זיינען אויפגענומען געוואָרן פון דעם לעזע־פובליקום מיט גרויס באַגייסטערונג. ס'איז אָבער אַמאָל פאָרגעקומען אַן אינצידענט, נאָך וועלכן ליבערמאַן האָט איבערגעריסן זיין אַרבעט אין ה„מביט". ליבערמאַן האָט אַמאָל געבראַכט פאַרן ה„מביט" די העברעאישע איבערזעצונג פון פיסאַרעווס באַקאַנטן אַרטיקל „די בינען" (Пчелы), און סמאָלענסקין האָט אים ניט געוואָלט דרוקן, ווייל דאָס שמעקט מיט איבערקערעניש, מיט רעוואָלוציע. ליבערמאַנען האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן, און פון דאַמאָלסט אָן האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון מיטצואַרבעטן אין ה„מביט".

ס'איז אַריבער אַ געוויסע צייט, און ליבערמאַן האָט זיך באַרוהיגט. באַלד האָט ער צוריק אָנגעהויבן אָפּצוגעבן זיך פלייסיג מיט סאָציאַליסטישע אַרבעט. מיט גרויס ענערגיע האָט ער זיך גענומען איינצואָרדענען אַ כּסדר'דיגן טראַנ־ספּאָרטירן פון רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור קיין רוסלאַנד. ער איז אַריין אין באַציהונגען מיט אַלע רעוואָלוציאָנערע צענטערס אין אייראָפּע, ער האָט זיך אויפגעשריבן מיט לאַווראָוון, מאַרקסן, דראַגאָמאַנאָוון און מיט אַנדערע פון די גרעסטע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער און פירער. זיין קוואַרטיר איז געוואָרן אַ צענטער פון פאָרשטייער פון פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע גרופּעס און נאַצי־עס. מ'דאַרף נעמען אין אַכט, אַז ליבערמאַן האָט גאַנץ פריי גערעדט פיל פון די אייראָפּעאישע שפּראַכן, צווישן זיי אויך פּויליש.

אין פעברואַר 1878 האָט די ווינער פּאָליציי אָנגעהויבן נאָכצושפּירן לי־בערמאַנען. אין איין נאַכט האָט די זשאַנדאַרמעריע געמאַכט אַ פּלוצליכן באַזוך אין ליבערמאַנס וואוינונג, האָט קאָנפיסקירט אַלע זיינע כּתבים, און אים אַליין אַרעסטירט און אָפּגעפירט אין געפענגעניש.

---

## VII·

די אַרעסטירטע ליבערמאַנס קאָרעספּאָנדענץ.—ליבערמאַנס געוואוינהייט צו קלייבן בריוו.—ליבערמאַן אין געפענגעניש.—די השתדלות פון סמאָלענסקינען און פון מאיר איש־שלום.—ליבערמאַנס פּראָצעס.—אַ כאַראַקטעריסטיק פון ליבערמאַנען אין דער „נייע פרייע פרעססע".—אַ דיאַלאָג צווישן דעם פּאָרזיצער און ליבער־מאַנען.—צוויי זשענעווער בריוו.—דער פּראָקוראָר באַשולדיגט ליבערמאַנען.—ליבערמאַנס פאַרטיידיגונג.—ליבערמאַנס פּסק־דין.—די ווינער פּרעססע וועגן לי־בערמאַנס פּראָצעס.—ליבערמאַן ווערט אַרויסגעשיקט פון עסטרייך·

גראָד אין דער מינוט בעת די זשאַנדאַרמעריע איז אַריין צו ליבערמאַנען, האָט זי אים געפונען ווי ער קלייבט זיך צו אָפּצושיקן קיין קראָקע עטליכע קעסטלאַך מיט סאָציאַליסטיש־ניהיליסטישער ליטעראַטור, וועלכע איז אַרויסגע־געבן געוואָרן דורך רוסישע אַגיטאַטאָרן. אויסערדעם האָט מען ביי אים

אַרעסטירט פיל פּאַפּירן און גאַנצע פּעק מיט בריוו, וואָס ער האָט די לעצטע יאָרן באַקומען פון פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערישע טוער אין רוסלאַנד און אין אַנדערע לענדער. ליבערמאַן האָט געהאַט אַ טבע צו קלייבן ביי זיך די דאָזיגע בריוו, און זיי זיינען ביי אים געלעגן סאָרטירט אין באַזונדערע פּעקלאַך און דערצו נאָך מיט באַמערקונגען אויף יעדער איינציגן בריוו, און דאָס האָט גע- געבן די מעגליכקייט דער עסטרייכישער פּאָליציי צו דערגיין דורך זיי אינטע- רעסאַנטע ידיעות וועגן פיל וויכטיגע סאָציאַליסטישע עסקנים אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד. דורך די דאָזיגע בריוו זיינען אויפגעדעקט געוואָרן כמעט אַלע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס און צענטערס, און ניט ווייניג פון די אָנפירער זיינען אַריינגעפאַלן דורך דעם אין די גרעסטע אומגליקן.

אויף דעם גרונד פון די געפונענע בריוו האָט מען ליבערמאַנען, אַלס אַגענט פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטיש-רעוואָלוציאָנערן פאַרבאַנד, באַשולדיגט אין געהערן צו אַ געהיימער געזעלשאַפט און אין וואוינען אויף אַ פאַלשן דאָקומענט.

ניין חדשים איז ליבערמאַן אָפּגעזעסן אין ווינער געפענגעניש ביז ס'האָט זיך אין געריכט באַהאַנדלט זיין פּראָצעס. פאַר דער צייט האָבן זיך פאַר אים משתדל געווען סמאָלענסקין און אויך דער באַוואוסטער יידישער געלערנטער ר' מאיר פרידמאַן (וועלכער איז מער באַקאַנט אין דער ליטעראַטור אונטערן נאָמען מאיר איש-שלום). דורך פאַרשיידענע באַקאַנטע, וועלכע זיינען געשטאַנען נאָהענט צו דער ווינער פּראָקוראַטור, האָבן זיי געזוכט צו פאַרלייכטערן לי- בערמאַנען זיין שיקזאַל אין געפענגעניש, און האָבן אין דעם פיל געפועל'ט.

דעם 14-טן נאָוועמבער 1878 איז פאָרגעקומען דער משפט פונ'ם „רוסישן ניהיליסט", ווי ס'האָט דאַמאָלסט געהייסן אין דער ווינער פּרעסע, וועלכע האָט אָפּגעגעבן דעם פּראָצעס זעהר אַ גרויסן אָרט.

דער געריכטס-קאָרעספּאָדענט פון דעם גרויסן ווינער בלאַט „נייע פרייע פּרעסע", דער אָרגאַן פון דער ליבעראַלער פּאַרטיי פון די עסטרייכישע דייטשן, וועלכע זיינען דעמאָלט געשטאַנען ביי דער מאַכט, האָט געגעבן די פאָלגנדע זעהר אינטערעסאַנטע כאַראַקטעריסטיק פון ליבערמאַנען לויט די איינדרוקן, וואָס ער האָט אַרויסגעטראָגן פון געריכטס-זאַל.

„די געזיכטס-שטריכן פונ'ם דאָזיגן קליינגעוויקסיגן, שמאָל-ברוסטיגן מאַן — אַזוי זאָגט זיך אין באַריכט — שטימען ניט מיט יענע בלוט-דאָרשטיגע פּלענער, וועלכע ווערן פאָרגעלייגט אין די בריוו און אין די ביכער, וואָס מ'האָט ביי אים געפונען. זיין אינטערעסאַנטער, גוטער פנים, וועלכער איז בלייך געוואָרן פון דעם ניין-חדשים'דיגן זיצן אין געפענגעניש, מיט די לעבעדיגע, נאָר גוט- האַרציגע אויגן, דערמאָנען גיכער דעם קאַבינעט-געלערנטן, איידער דעם ענער- גישן, פלייסיגן ניהיליסט, וואָס ביי זיך אין דער היים, אין רוסלאַנד, האָט ער זיך פאַרזינדיגט אין צושטערן די געזעצן, און נאָך אַזוינע וויכטיגע געזעצן! רעדן רעדט ער רוהיג און אויסגערעכנט, כאָטש עס טרעפט אַמאָל אַז אינמיטן

דער אויספאָרשונג באַמערקט זיך אין אים אַ שטאַרקע אויפגערייצטקייט, וועל־כע ער האַלט איין מיט דער גרעסטער מאַטערניש. די דאָזיגע אויפגערייצטקייט באַווייזט זיך ביי אים אַרויס איבערהויפּט אין יענע מינוטן, בעת מ׳לייגט אים פאר פראַגן וועגן פערזאָנען, מיט וועלכע ער האָט געהאַט באַציהונגען, אָדער וועגן זיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען, און באַזונדערס בעת אים דוכט זיך, אַז דער פּאָרזיצער, גראַף לאַמעגאַן, רייסט זיך אַריין אָן אַ שום גרונד אין זיינע פּריוואַטע אינטערעסן. דעמאָלט באַווייזט זיך ביי אים אויפ׳ן געזיכט אַ רויטע פאַרבּ, זיינע אויגן בלישצען, און נאָר מיט מאַטערניש גיט זיך איין צו באַרוהיגן אים און צו ברענגען אים צו זיין געוויינליכער געלאַסנקייט.

בכלל רעדט דער אָנגעקלאָגטער גאַנץ קלאָר, און באַנוצט זיך ניט מיט פּוסטע פּראַזן ווי עס טוען, געוויינליך, אונזערע סאָציאַליסטן. אמת, ער איז אויך ניט פריי פון פאַנטאַזיעס און פון יענע איבערגעדרייטע באַגריפן, וואָס ביי לייטן מיט אַ שטאַרק אַנטוויקלטער פאָרשטעלונגס־קראַפט פאַרנעמען זיי דעם אָרט פון דעם ריכטיגן דענקען און פון לאָגיש געזונטע אויפפירונגען. נאָר פון יעדער בליק פונ׳ם אָנגעקלאָגטן, און פון יעדער וואָרט זיינעם קוקט זיך אַרויס אַ ריינע און אַ פעסטע איבערצייגונג אין דער ריכטיגקייט פון זיין פּאָלי־טישער פּראָגראַם; ער האַלט זיך פאַר אַ מערטירער פון אַ גערעכטער זאַך; ער, איז מודה, אַז אים דערוואַרט נאָך אַ לאַנגע קייט פון צרות; ער רעכנט אָבער, אַז דאָס איז זיין גורל און אויך די אויפגאַבּע פון זיין לעבן צו גיין אין דעם פון אים אויסגעקליבענעם וועג ביז צום סוף. נאָר אין די ראַמען פון יענעם אומבאַגרעניצטן אַבסאָלוטיזם און פון יענער ווילקירליכקייט, וואָס חוזק׳ט אָפּ פון אַלץ, וואָס ס׳איז גערעכט, וועלכע הערשן שוין פון דורות־לאַנג אין רוסלאַנד, האָט געקאָנט אויסוואַקסן דער געפערליכער געדאַנק וועגן דער צו־שטערונג פון דער גאַנצער עקסעסטירנדיגער וועלט־אָרדענונג, יענער געדאַנק, וועלכן באַקונין האָט אַריינגעוואָרפן ווי אַ ברענענדיגן פאַקל, וואָס איז מסוגל אָנצוצינדן אַ פייער פון עמפּערונג ביי דעם געדריקטן, אָבער צו פרייהייט דאָרשטיגן פאָלק”.

און אַזוי האָבן ניט בלויז די „בייטע פרייע פּרעסע”, נאָר אויך אַלע אַנ־דערע ווינער צייטונגען, דער־ציילט, אַז ליבערמאַן האָט זיך די גאַנצע צייט פון זיין פּראָצעס געהאַלטן אין געריכט מיט אַן איפּאָנירנדיגער זעלבסט־ווערדע באופן, אַז אפילו זיינע געגנער האָבן געמוזט מודה זיין אין זיין אויפריכטיגקייט און איבערצייגטקייט.

באַלד ביים אָנפאַנג פון פּראָצעס איז צווישן דעם פּאָרזיצער מיט ליבער־מאַנען פאָרגעקומען דער פאָלגנדער דיאַלאָג:

דער פּאָרזיצער: וועלכע איז אייער רעליגיע?

ליבערמאַן: איך בין אַ סאָציאַליסט.

דער פּאָרזיצער: איר רעכנט דאָס פאַר אייער רעליגיע?

ליבערמאַן: יאָ. לויט דער נאַציאָנאַליטעט בין איך א—ייד; איך אָנערקען אָבער קיין רעליגיע ניט.

נאָכדעם האָט מען איבערגעלייענט אַ בריוו, אין וועלכן עס ווערט גערעדט וועגן די ווילנער אַרעסטן, און וועגן דעם ערפאָלג פון דער באַוועגונג אין ווילנע.

דער פראָקוראָר: פון וועמען איז דער בריוו?

ליבערמאַן שמייכלט.

דער פראָקוראָר: שמייכלט ניט אַזאַ חוזק־שמייכל; איך געפין, אַז דאָס איז ניט אָנשטענדיג.

ליבערמאַן: איך קען טאָן דאָס, וואָס מיר געפעלט.

דער פאָרזיצער: האַלט אייך אָנשטענדיג.

דער פראָקוראָר: פון וועמען איז דער בריוו?

ליבערמאַן: כ'האָב וויפל מאָל דערקלערט, אַז אויף אַזעלכע פראַגן וועל איך ניט ענטפערן. ס'איז לעכערליך צו שטעלן עטליכע מאָל אַ פראַגע, אויף וועלכער מען ענטפערט ניט.

דער פאָרזיצער: איך פאָדער נאָכאַמאָל, אַז איר זאָלט אייך האַלטן אָנשטענדיג; מ'גיט אייך דאָס רעכט זיך צו פאַרטיידיגן, איר קענט ענטפערן אָדער ניט ענטפערן, אָבער אַלץ אין די גרעניצן פון אָנשטענדיגקייט.

מ'האָט אין געריכט איבערגעלייענט פיל פון די בריוו, וועלכע מ'האָט געפונען ביי ליבערמאַנען, און צווישן זיי די פאָלגנדיגע צוויי פון זשענעווע. אין ערשטן בריוו פון 20 יאַנוואַר 1878 איז געשטאַנען:

„געערטער הער! איך האָב דעם כבוד שיקן אייך די קוויטאַנציע אויף צו דערהאַלטן די סחורה פון דער פירמע אַנדרעאַל עט קאָמפּ. מיר בעטן אייך איבערשיקן די סחורה לויט די וויטערדיגע פאַראָרדענונגען, וועלכע איר וועט דערהאַלטן. דזשעמס שטאַרק".

ווי דער פאָרזיצער האָט דערקלערט איז „אַנדרעאַל עט קאָמפּ." אַ נאָמען פון אַ מעכאַניק אין זשענעווע. ער איז אַליין אַ פראַנצויזישער אונטערטאַן, און ער ערלויבט פיל רוסישע יונגע לייט, אַזעלכע עמיגראַנטן ווי ער, אָפּצושיקן ביכער פון זיין נאָמען.

אינ'ם צווייטן בריוו פון 27־טן נאָוועמבער 1877 האָט דער שרייבער מודיע געווען, אַז איינער אַ „פריינד פון דער זאַך" האָט מנדב געווען 100,000 רובל, און אויף אַרויסגעבן אַ זשורנאַל 10,000 פראַנק. ס'איז נויטיג צו גרינדן אַ „פאַרטיי פון מעשים", און צו זאָרגן וועגן געווער און וועגן קאָנטראַבאַנד.

אויפן יסוד פון די אַלע בריוו האָט דער פראָקוראָר געמאַכט דעם אויס־פיר, אַז דער אָנגעקלאָגטער האָט געהאַט באַציהונגען מיט די סאָציאַליסטישע פאַרטייען אין אויסלאַנד און אין עסטרייך און אַז ער איז געווען אַ פאַרמיטלער אין די באַציהונגען מיט אויסלאַנד. דער פראָקוראָר האָט געפאָדערט פאַר לי־

בערמאַנען אַ גרויסע שטראָף, ווייל די עקסט־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען סטאַרען זיך שוין לאַנג צו מאַכן אין ווין אַ דורכוועג פאַר די באַציהונגען צווישן זשע־נעווע און רוסלאַנד, און דאָס דאַרף מען זעהן שטערן.

ליבערמאַן האָט זיך אַליין פאַרטיידיגט. ער האָט אויפגעוויזן אומגעפּער סאָלגנדעס: אויב מ׳וועט אים פאַרמשפּט׳ן, איז דאָס נאָר דערפאַר, וואָס ער איז אַ סאָציאַליסט. און באמת ערקענט ער זיך אַלס אַזעלכער, און אַלס איינער פון די עקסטע. אויב עס קומט פאַר דעם אַ שטראָף, איז ער געגרייט צו גיין ניט בלויז אין געפענגעניש, נאָר אפילו צום טויט. דער עסטרייכישער געזעץ באַשטראָפט נאָר יענע אויסלענדער, וועלכע פאַרבינדן די אינעווייניגסטע גע־היימע געזעלשאַפטן מיט אַזעלכע געזעלשאַפטן אין אויסלאַנד. ער האָט אָבער קיינמאָל אַזאַ זאַך ניט געטאָן. די ביכער זיינען צוגעשטעלט געוואָרן פון אויס־לאַנד, און זיינען באַשטימט געוואָרן פאַר אויסלאַנד. די דאָזיגע אַלע ביכער זיינען אין עסטרייך ניט פאַרבאָטן, און מ׳קען זיי קויפן אין יעדער בוכהאַנד־לונג. אַז מ׳בייט זיך איבער מיט געדאַנקען מיט גלייכגעזינטע חברים הייסט נאָך דאָס ניט, אַז עס עקסיסטירט אַ געהיימע געזעלשאַפט; צו אַזאַ געזעלשאַפט געהערט ער בכלל ניט.

דאָס געריכט האָט ניט אָנערקענט ליבערמאַנען פאַר שולדיג אין געהערן צו אַ געהיימער געזעלשאַפט, מאָטיווירנדיג דאָס מיט דעם, אַז די עקסיסטירנ־דיגע סאָציאַליסטישע פאַרטיי קען מען ניט רעכענען פאַר אַ געהיימע געזעל־שאַפט; ס׳איז אויך באַוואוסט, אַז זי האָט באַציהונגען מיט אויסלאַנד. עס איז נאָר קלאָר דערוויזן, אַז דער אָנגעקלאָגטער האָט מונדליך און שריפטליך אַנט־וויקלט רעוואָלוציאָנערע טענדענציעס און האָט געאַרבעט פאַר זייער פאַרווירק־ליכונג. דערפאַר איז אָבער ניט דערוויזן, אַז ער געהערט צו עסטרייכישע געהיימע געזעלשאַפטן, אָדער אַז ער זאָל זיי האָבן פאַרבונדן מיט אויס־לענדישע געזעלשאַפטן. דאָס געריכט האָט אָנערקענט, אַז ליבערמאַן איז שולדיג בלויז אין וואוינען אויף פאַלשע דאָקומענטן און האָט אים פאַרמשפּט צו אַ חדש שטרענגן אַרעסט און צום אַרויסטרייבן פון גאַנץ עסטרייך.

הערנדיג זיין פּסק־דין האָט ליבערמאַן געפרעגט: „הייסט, אפשר, ניט מיין אַרויסטרייבן, אַז מ׳וועט מיך איבערגעבן אין די הענט פון דער רוסישער רעגירונג?״ אויף דעם האָט אים דער פאָרזיצער געענטפערט: „דאָס געריכט האָט ניט די געהעריגע קאָמפּעטענץ צו אַנטשיידן די דאָזיגע פראַגע״. דער־הערנדיג דאָס איז ליבערמאַן בלאַס געוואָרן ווי אַ טוך.

ליבערמאַן האָט געהאַט אַ גאַנץ ערנסטן גרונד מורא צו האָבן, אַז מ׳וועט אים אַרויסגעבן דער רוסישער רעגירונג, ווייל אַזעלכע אַרויסגעבונגען זיינען דעמאָלט געווען אין עסטרייך אַ גאַנץ אָפטע ערשיינונג. ס׳איז גענוג אָנצו־וויזן אויף דעם, אַז אינ׳ם משך פון 1878־טן יאָר האָט מען אַרויסגעשיקט פון

עסטרייך 519 אויסלענדער, 138 פון זיי זיינען צוגעשטעלט געוואָרן קיין רוסלאַנד און 74 קיין פּרייסן.

ליבערמאַנס פּראָצעס האָט אויף זיך צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון׳ם ווינער פּובליקום, און די עפנטליכע מיינונג איז געשטאַנען אויף זיין צד.

דעם 15־טן נאָוועמבער, אויפן צווייטן טאָג נאָכן פּראָצעס, האָט דער־ציילט די „נייע פרייע פּרעסע״, אַז פאַר דעם נעכטיגן טאָג האָט די רעדאַק־ציע דערהאַלטן פיל בריוו, וועלכע פּראָטעסטירן אינ׳ם נאָמען פון הומאַניטעט געגן דעם, אַז מ׳זאָל אַרויסגעבן אַ פּאָליטישן פאַרברעכער אַ לאַנד, וואָס איר גרויזאַמע באַציהונג צו אַזעלכע פאַרברעכער איז אַלעמען באַקאַנט. די שרייבער פון די בריוו, וועלכע שטיצן זיך אויף דער עפנטליכער מיינונג, האַלטן, אַז לויט דער לייכטער שטראָף, וועלכע דאָס געריכט האָט אַרויפגעלייגט אויף לי־בערמאַנען, איז אוממעגליך מ׳זאָל דעם דאָזיגן מענשן אַרויסגעבן אין די הענט פון זיינע פיינד, וועלכע וועלן אים זוכן איינגאַנצן צו פאַרניכטן. די רעדאַקציע פון דער „נייער פרייער פּרעסע״ אַליין האָט אין דער פראַגע פאַרנומען אַ אומבאַשטימטע פּאָזיציע. פון איין זייט קען מען ניט ניט אַרויסגעבן אים רוס־לאַנד, און פון דער אַנדער זייט—„האָפן מיר, אַז צווישן די ווינער אַדוואָקאַטן וועט זיך געפינען א פאַרטיידיגער, וואָס טריי די איידעלע טראַדיציעס פון די קעמפער פאַר רעכט, וועט ער אינ׳ם נאָמען פון דעם פאַרמשפּט׳ן דערלאַנגען אַ קאַסאַציע אויף דעם פּסק־דין פון דעם אַרויסטרייבן. שטיצנדיג זיך אויף דער עפנטליכער מיינונג ערלויבן מיר אונז אויך צו האָפן, אַז די קאָמפּעטענטע אינסטאַנציעס וועלן נעמען אין אַכט דעם באַזונדערן מהות פונ׳ם דאָזיגן משפּט און קענענדיג די שרעקליכע פאָלגן, וועלכע עס ערוואַרטן דעם אָפּגעמשפּט׳ן, וועלן זיי זיך צו אים באַציען מיט דער מעגליכסטער ווייכקייט״.

דער רוסישער רעגירונג האָט מען ליבערמאַנען ניט אַרויסגעגעבן איינ־פאַך דערפאַר, ווייל עס איז פון איר ניט דערהאַלטן געוואָרן וועגן דעם קיין שום אָפיציעלע פאָדערונג. נאָר נאָכדעם ווי ליבערמאַן איז אָפּגעזעסן דעם חדש אין געפענגעניש, האָט מען נאָך אים פונדעסטוועגן ניט באַפרייט, ווייל די פּרייסישע רעגירונג האָט געפאָדערט, אַז מ׳זאָל איבערגעבן ליבערמאַנען אין די הענט פון די פּרייסישע באַאַמטע. ליבערמאַנען איז אויסגעקומען צו זיצן אַן איבעריגן חודש אין ווינער געפענגעניש, איידער די עסטרייכישע באַאַמטע האָבן באַטראַכט די פּרייסישע פאָדערונג און האָבן באַשלאָסן פאָרמעל איר מדחה צו זיין.

דאָ האָט זיך אָבער אָפּגעשפּילט אַ קאָמעדיע. ליבערמאַנען, וועלכער האָט דערקלערט, אַז ער פאָרט אין דער שווייץ, האָט מען דעם 17־טן יאַנואַר 1879 צוגעשטעלט ניט אויפן איטאַליענישן, נאָר אויפן בייערישן גרעניץ, אין זימבאַך,

און דאָרטן האָט מען אים, כלומרשט, באַפרייט, נאָר אין מינכען האָט מען אים לויט דער פאָדערונג פונ׳ם בערלינער געריכט, דעם 18=טן יאַנואַר ווידער אַרעסטירט און אָפּגעשיקט אין בערלינער געפענגעניש. ס׳איז גאַנץ לייכט געווען צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז געווען אַן אָפּגערעדטע זאַך פון פריהער צווישן דער עסטרייכישער און דער פרייסישער פּאָליציי.

ליבערמאַנס נייער אַרעסט האָט געבראַכט דערצו, אַז אויך אין בערלין האָט מען געגן אים פאַרפירט אַ פּראָצעס, צו וועלכן מ׳האָט צוגעטשעפּעט צוויי פון זיינע דאָרטיגע חברים, די סאָציאַליסטן ג. גורעוויטש*) און מ. אַראָנסאָן.

---

## VIII.

די ווינער פּאָליציי גיט איבער אין בערלין די בריוו, וועלכע זי האָט קאָנפיסקירט ביי ליבערמאַנען.—גורעוויטשעס אַ בריוו.—די בערלינער „סעקציע“.—ליבערמאַנס פּראָיעקטן וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון דער רוסיש-יודישער אינטעליגענץ אין איבלאַנד.—דער משפט פון די „דריי רוסישע ניהיליסטן“.—די כאַראַקטעריסטיק, וואָס דער בערלינער פּראָקוראָר טיסנדאָרף האָט געגעבן דעם רוסישן ניהיליזם.—איבצוגן פונ׳ם פּראָקוראָרס רעדע.—וואָס די פאַרטיידיגער האָבן געזאָגט.—דער פּסק-דין.

בשעת מ׳האָט ליבערמאַנען אַרעסטירט אין ווין האָט מען ביי אים געפונען אַ בריוו פון בערלין פון ג. גורעוויטש, אין וועלכן ס׳האָט זיך דערמאָנט דער נאָמען פונ׳ם בערלינער סטודענט מ. אַראָנסאָן. וועגן דעם דאָזיגן בריוו, ווי וועגן אַלע דאָקומענטן, וואָס מ׳האָט געפונען ביי ליבערמאַנען, האָט מען פון ווין מודיע געווען דער בערלינער פּאָליציי, וועלכע האָט אין אַ קורצע צייט אַרום אַרעסטירטביידע סטודענטן און האָט נאָכדעם אומגעדולדיג אָפּגעוואַרט דעם דריטן קרבן—ליבערמאַנען. אין יענע צייט איז שוין אין פרייסן פאַרעפנטליכט געוואָרן דעם זעהר שטרענגער אויסנאַמסגעזעץ געגן די סאָציאַליסטן, און די דריי אויסלענדישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן נאָך דערצו געהאַט באַציהונגען מיט די „שרעקליכע“ רוסישע ניהיליסטן, זיינען געווען אַן אמת׳ע מציאה פאַר דער פּרייסישער פּאָליציע. דער פּראָקוראָר טיסנדאָרף, וועלכער איז געווען דער אָנקלאָגער אין אַלע פּאָליטישע פּראָצעסן פון יענער צייט, האָט דערפון געמאַכט אַ משפט וועגן אַ בונט, וועגן אַ געהיימע געזעלשאַפט און

---

*) זעה „דריי ליטעראַרישע דורות“, ערשטער באַנד זײַטל 65 אין דער הערה.

וועגן נאָך אַזעלכע מיני שרעק און האָט גע‌פּסאָדערט אַן אומגעווייגליך שטרענגן פּסק-דין.

פון דעם דערמאָנטן גורעוויטשעס בריוו זעט זיך אַרויס, אַז נאָכדעם ווי ליי-בערמאַן איז אַנטלאָפן פון רוסלאַנד האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט פאַרשיידע-נע פּראָיעקטן וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון די יידישע סאָציאַליסטן. דאָס איז געווען נאָך איידער ער האָט געגרינדעט אין לאָנדאָן די יידישע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט. אויך ווייזט זיך אַרויס פון בריוו, אַז אין בערלין איז געווען אַ „סעקציע" פון 9 מיטגלידער, צווישן זיי גורעוויטש, אַראָנסאָן און דריי דאַמען. דער פּראָקוראָר האָט אַרויסגעדרונגען פון דעם בריוו, אַז ליבערמאַן איז געווען דער גרינדער פון דער דאָזיגער סעקציע. גורעוויטש, וועלכער האָט זיך אָנגע-געבן אַלס סעקרעטאַר פון דער „סעקציע", האָט געהאַלטן פאַר נויטיג מודיע צו זיין ליבערמאַנען וועגן אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין דער „סעקציע", און אַלץ מיט דעם טאָן פון איינעם, וואָס גיט אָפּ דין וחשבון פאַר אַ העכערן באַ-אַמטן. אין דעם דערמאָנטן בריוו שילדערט גורעוויטש אָפּ דעם מהות פון יעדן מיטגליד אויפן פאָלגענדן אופן:

„אַראָנסאָן און איך האָבן געוואוינט צוויי יאָר אין קיעוו, וואו מיר האָבן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער באַוועגונג. איך האָב געוואוינט איין יאָר אין ווין. דאָ, שוין אַ יאָר אָנדערהאַלבן ווי איך נעם אַ גרויסן אָנטייל אין דער רייטשער באַוועגונג. מיט דעם גרעסטן טייל פירער פון דער באַוועגונג בין איך באַקאַנט און באַפריינדעט. איך האָב פיל געשריבן פאַר'ן „פאָלקסשטאַט", פאַר'ן „נייעם סאָציאַל-דעמאָקראַט" און די „נייע וועלט". דער מאָהליוווער אַראָנסאָן האָט אַגיטירט אין רוסלאַנד צווישן יידן. אונזערע דריי דאַמען האָבן זיך אויך אין רוסלאַנד באַטייליגט אין דער באַוועגונג. אָט דאָס איז אונזער סעקציע. מיר נעמען אַלע אַ גרויסן אָנטייל אין דער אָרטיגער באַוועגונג. אונזער באַציהונג צו דער העברעאישער שפּראַך האָט אייך שוין דערקלערט אַרנסאָן. מיר קלייבן זיך צונויף איינמאָל אין דער וואָך. און אין באַזונדערע פאַלן—נאָך עפטער. איך בין דער סעקרעטער און לייען דורך די אָנגעקומענע בריוו. יעדערער זאָגט אַרויס זיין מיינונג וועגן די פראַגן, וואָס שטייען אויפ'ן סדר-היום. מיר פאָרמולירן אונזערע וואונשן און באַשלוסן, און מיין פליכט איז דורכצושרייבן זיך וועגן דעם מיט אונזערע קאָרעספּאָדענטן. מיר האָבן דאָ פיל פריינד און באַקאַנטע; מיר רעכענען אָבער דערווייל ניט פאַר מעגליך אַריינ-צונעמען זיי אין דער סעקציע, כאָטש מיר האָפן צוצוציהען דעם גרעסטן טייל פון זיי צו נוצליכער אַרבעט"

ווייטער איז גורעוויטש מודיע, אַז ער וויל אַריינטראָגן אַ פאָרשלאָג, דאָס וועגן יעדער חלוקי-דעות „צווישן אונז און אייך (ליבערמאַנען)" זאָל מען זיך דורכשרייבן נאָר אין צוויי בריוו. פון דעם איז קלאָר, אַז לויט גורעוויטשעס

מיינונג האָט ליבערמאַן תמיד גערדאַרפט באַשטעטיגן די באַשלוסן פון דער „סעקציע“.

אין דעמזעלביגן בריוו רעדט זיך וועגן ליבערמאַנס מיינונג, אַז „די אויסלענדישע סעקציעס דאַרפן באַשטיין פון רוסיש־יידישע עמיגראַנטן, וועלכע וואוינען צייטווייליג אין אויסלאַנד“.

אויף דעם אופן האָט ליבערמאַן, ווי עס ווייזט אויס, פּראָיעקטירט צו גרינדן אומעטום „סעקציעס“ און צו אָרגאַניזירן די רוסיש־יידישע אינטעליגענץ אין אויסלאַנד.

די אָנגעקלאָגטע האָבן זיך אָנערקענט פאַר סאָציאַליסטן; זיי האָבן אָבער געטענה'ט, אַז דאָ האַנדלט זיך נאָר וועגן מאָהליווער חברים, און אַז מיט ליבערמאַנען האָבן זיי זיך דורכגעשריבן בלויז וועגן די אופנים, ווי מ'זאָל פונאַנדערשיקן זיין פּראָיעקטירטן זשורנאַל.

אָבער דער פאַקט, וואָס עס עקסיסטירט אין בערלין אַ סעקציע פון רוסישע ניהיליסטן מיט דער מיטגלידס־קאַרטע „Ligue Jnternationale des Socialistes Revolutionaires“, וועלכע מ'האָט געפונען ביי ליבערמאַנען, זיינען דעם פּראָקוראָר טיסנדאָרף גאַנץ גענוג געווען, כדי אָפּצומאָלן זעהר אַ שוואַרצן בילד פון דעם ווי בערלין איז געוואָרן אַ צענטראַל־פּונקט פאַר דער טעטיגקייט פון די „אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָלוציאָנערן“ — די רוסישע ניהיליסטן. „די רוסישע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי — אַזוי האָט זיך געזאָגט אין באַשולדיגונגס־אַקט — וועלכע האָט פאַר זיך דעם צוועק פון דעם אַזויגערופענעם ניהיליזם, האָט זיך צושפּאָלטן אויף עטליכע מער אָדער ווייניגער זעלבסטשטענדיגע גרופּעס. אַלע האָבן זיי אַנטוויקלט אין אויסלאַנד, דורך דער פאַרמיטלונג און אונטער דער אָנפירונג פון פּאָליטישע עמיגראַנטן, אַ גרויסע און אַן ענערגישע אַגיטאַציע, וועלכע גייט אַרויס הויפּטזעכליך פון לאָנדאָן, פּאַריז און זשענעווע“. דער פּראָקוראָר האָט אָנגעוויזן, אַז לאַווראָוו און דראַגאָמאַנאָוו שטייען אין דער שפּיץ פון דער באַוועגונג און אַז איינער פון די הויפּט־צילן פון דער פּאַרטיי איז צו דרוקן און צו פאַרשפּרייטן רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור און אָנצובינדן באַציהונגען מיט נאָהענטע פּאַרטייען פון די אַנדערע לענדער, און באַזונדער מיט דער אינטערנאַציאָנאַלער „ליגע פון סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן“. אַלס כאַראַקטעריסטיק צו דעם רוסישן ניהיליזם ברענגט דער באַשולדיגונגס־אַקט אויסצוגן פון דער פּראָגראַם פון נ י ע צ' אַ י ע וו ס „פּאָלקס־נקמה“ (Народная расправа), וועלכע מ'האָט געפונען אין 1876־טן יאָר בשעת דער הויז־זוכונג ביי פ י נ ק ל ש ט י י ן*) אין קעניגסבערג. דער פּראָקוראָר האָט געוואָלט אויפווייזן, אַז די אַלע שרעקענישן פון דער דאָזיגער

*) פינקלשטיין, געבאָרן אין אַווגוסטאָוו, סובאַלקער גובערניע, איז געווען פון די „נאַראָדאָוואָלצעס“.

פּראָגראַם, באַשטעטיגן זיך דורך לאַוראָווס זשורנאַל „וופּעריאָד“ און דורך דעם „אויפרוף צו דער יידישער יוגנט“, וואָס מ'האָט געפונען ביי ליבערמאַנען, און היות ווי די אָנגעקלאָגטע האָבן געלייענט דעם „וופּעריאָד“, באַווייזט דאָס, אַז זיי האָבן מסכים געווען צו ניעצייעווס פּראָגראַם.

צו דער דאָזיגער כאַראַקטעריסטיק האָט טיסנדאָרף מוסיף געווען פאָלגענדעס: „בשעת איך בין צוגעטראָטן צוזאַמענצושטעלן דעם באַשולדיגונגס־אַקט, האָב איך מיך אַליין געפרעגט: וואָס, אייגנטליך, שטעלן מיט זיך פאָר די ניהיליסטן? אויף דעם איז מעגליך געוואָרן צו ענטפערן נאָר אין דער גאַנצער לעצטער צייט*). דאָס איז אַ פּאַרטיי, וואָס האָט זיך געמאַכט פאַר איר געוויינליכער באַשעפטיגונג צו דערמאָרדן קיסרים און אויסצופירן פון הינטערן ווינקל אויך אַנדערע מיני רציחות. שוין דער נאָמען „ניהיליסט“ באַווייזט אויף דעם, אַז די מענשן האָבן זיך געמאַכט פאַר אַ ציל צו צושטערן אַפריהער אַלץ וואָס עס עקסעסטירט, כדי איבערצולאָזן דאָס ווידער אויפבויען פאַר די קומעדיגע דורות. די רוסישע ניהיליסטן זיינען דאָס דיזעלבע אינטערנאַציאָנאַלע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע שטייען אויף איין באָדן מיט די דייטשע סאָציאַלדעמאָקראַטן און אַנאַרכיסטן. די צענטערס פון דער אַגיטאַציע פון די רוסישע ניהיליסטן געפינען זיך אין לאָנדאָן, פּאַריז און זשענעווע; אונזער שטאָט (בערלין) האָט געדאַרפט דינען אַלס צענטראַלפּונקט פאַר די באַציהונגען פון די איינצעלנע גרופּעס און צום פאַרלייכטערן דעם טראַנספּאָרט פון דער רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור. די עקסיסטענץ פון אַן אָרטיגער געהיימער געזעלשאַפט, אין וועלכער עס באַטייליגן זיך די דריי אָנגעקלאָגטע,—דאָס איז קלאָר דערוויזן פון די בריוו, וואָס זיינען דאָ איבערגעלייענט געוואָרן. פון די בריוו איז צו זעהן, אַז אין דער סעקציע האָבן זיך באַטייליגט אויך דריי דאַמען; טאָמער וועט מען וועלן אין דעם געפינען אַ־ראיה צו דער אומשולדיגקייט פון דער געזעלשאַפט, רעכן איך פאַר נויטיג צו דערמאָנען, אז אין רוסלאַנד קענען זיך פּרויען אויך באַנוצן מיט געווער“. די איינציגע זאַך, וועלכע קען פאַרלייכטערן די שולד, זעט דער פּראָקוראָר אין דעם, וואָס די אָנגעקלאָגטע האָבן ניט געפירט זייער אַגיטאַציע צווישן די דייטשן. דורך דעם וואָס ליבערמאַן דערקלערט, אַז ער האָט זיך באַשעפטיגט מיט פּראָפּאַגאַנדע צוליב די נוצן פונ'ם יידישן פאָלק, איז ער דאָך ניט געוואָרן קיין קלענערער ניהיליסט. „דערצו נאָך—האָט גיפטיג מוסיף געווען טיסנדאָרף—איז דער אָנגעקלאָגטער אַ גרויסער באַרימער און שטאָלצירט מיט דעם, וואָס ער איז באַקאָנט מיט די פירער פונ'ם רוסישן ניהיליזם“.

די פאַרטיידיגער (גורעוויץ און מונקל) האָבן אָנגעוויזן אויף דער אָנגעבלאָזנקייט פון דער גאַנצער באַשולדיגונג און אויך אויף דעם, אַז די רוסישע

---

*) אַ רמז צו דעם אַטענטאַט, וואָס סאָלאָוויאָוו האָט אין יענער צייט געמאַכט אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטן.

רעגירונג, וועלכע איז מער פון אַלעמען פאַראינטערעסירט אין דער זאַך, האָט אינ'ם משך פון פיר חדשים אפילו ניט געפונען פאַר נויטיג צו ענטפערן אויף דער אָנפראַגע, וואָס מ'האָט איר געמאַכט וועגן די אָנגעקלאָגטע. די טענות פון די פאַרטיידיגער האָבן אָבער אויף די ריכטער קיין איינדרוק ניט געמאַכט. ליבערמאַן און גורעוויטש זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צו 9 חדשים געפענגעניש און אַראָנסאָן צו 4 חדשים, אַראָפּרעכענענדיג דערפון די צייט, וואָס זיי זיינען געווען אַרעסטירט ביז צום פּראָצעס.

---

## IX.

נייע שטריכן צו ליבערמאַנס כאַראַקטעריסטיק.—צוגעקומענע פּרטים בנוגע דעם פּראָצעס פון די דריי רוסישע ניהיליסטן אין בערלין.—ליבערמאַנס פּאַפּירן און פאָטאָגראַפיעס אין פאַרשיידענע רעוואָלוציאָנערע פּאָזעס.—אַן אַראָפּגענומענע פאָטאָגראַפישע גרופּע פון אַ סאָציאַליסטישן צוזאַמענפאָר.—נאָך וועגן דער געפונענע ליבערמאַנס קאָרעספּאָנדענץ.—ווי אַזוי מ'האָט ליבערמאַנען אַרויסגעגעבן אין די הענט פון דער פּרייסישער רעגירונג.—אַראָנסאָנס יאוש און ליבערמאַנס מוטיגקייט.—ליבערמאַנס תשובות.—אַ ראיה פון געטעס „פויסט".—ליבערמאַנס לעצטער וואָרט.—ליבערמאַנס באַשעפטיגונג אין בערלינער געפענגעניש.—דער איינדרוק פונ'ם פּראָצעס אין דער בערלינער פּרעסע.—וואָס דאָס וויץ-בלאַט „קלאַדעראַדאַטש" האָט געשריבן.

כדי צו געבן דעם לעזער אַ ריכטיגן בילד פון דעם, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אויפ'ן פּראָצעס פון ליבערמאַנען מיט זיינע חברים אין בערלין, געפין איך פאַר נויטיג צו ברענגען דאָ עטליכע זעהר אינטערעסאַנטע אויסצוגן פון אַן אַרטיקל, וועלכער איז דאָ גאָר ניט לאַנג פאַרעפנטליכט געוואָרן דורך דעם אויבנדערמאָנטן ג. גורעוויטש אונטערן נאָמען „דער פּראָצעס פון די יידישע סאָציאַליסטן אין בערלין*).

ה' גורעוויטש דערציילט אין זיין אַרטיקל פאָלגענדעס:

„אין איין צייט מיט מיר האָט מען אַרעסטירט מיינעם אַ בן-עיר, אַ סטודענט פון מעדיצין משה אַראָנסאָן. דער באַשולדיגונגס-מאַטעריאַל געגן אונז צווייען איז באַשטאַנען אין די פּאַפּירן און פאָטאָגראַפיעס, וואָס מ'האָט געפונען אין ווין ביי ליבערמאַנען, וועלכער איז דאָרט אַרעסטירט געוואָרן אין פעברואַר 1878 און אַרום נאָוועמבער אינ'ם זעלבינן יאָר איז פאָרגעקומען זיין פּראָצעס.

ליבערמאַן האָט געהאַט זעהר ניט קיין גוטע געוויינהייט פאַר אַ קאָנספּיראַטאָר—זאָרגזאַם אָפּצוהיטן אַלע בריוו, אַלע צעטעלאַך און אפילו די קלענסטע

*) „יעווריעסקאַיאַ סטאַרינאַ" 10-טער באַנד.

שטיקלאַך פּאַפּיר, און אויף פאָטאָגראַפיעס, וועלכע ער האָט פון וועמען עס איז באַקומען. און צו פאָטאָגראַפירן זיך האָט ער ליב געהאַט אין די עקסטע רעוואָלוציאָנערע פּאָזעס. ס׳איז געווען אַ פאָטאָגראַפיע, אויף וועלכער ער איז געווען אַרונטערגענומען מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט און צילנדיג זיך צו אַ ברעטל, אויף וועלכער ס׳איז געווען אָנגעשריבן: „נידער מיטן קיסר!” דאָס הויפּט-מאַטעריאַל, מיט וועלכן דער אויספאָרשער האָט זיך באַנוצט, איז געווען אַ גרויסע פאָטאָגראַפישע גרופּע, אויף וועלכער עס זיינען געווען אַראָפּגענומען אַ מאַן דרייסיג בערלינער יידישע סטודענטן פון רוסלאַנד, וואָס האָבן געהערט צו אונזער קרייזל. אין דער דאָזיגער גרופּע האָבן זיך געפונען אויסער מיר מיט מיין כלה שור: אהרן זונדעלעוויטש, אהרן-שמואל ליבערמאַן, וולאַדימיר יאָכעלסאָן, משה אַראָנסאָן, גרשון ראָם און אַנדערע. די דאָזיגע גרופּע האָט געהאַט אַ באַציהונג צו אַ געוויסן מאָמענט, בעת ביי אונז איז פאָרגעקומען ווי אַ מין צוזאַמענפאָר. ליבערמאַן איז דעמאָלט געקומען צו פאָרן פון לאָנדאָן, און זונדעלעוויטש מיט ראָמען פון רוסלאַנד. אויפ׳ן דערמאָנטן צוזאַמענפאָר איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצוגעבן אין ווין אַ זשורנאַל אין דער העברעאישער שפראַך מיטן נאָמען „ה א מ ת” אונטער ליבערמאַנס רעדאַקציע מיט דער מיט-אַרבעטערשאַפט פון לייזער צוקערמאַן, און אַנדערע. אויפן זעלביגן צוזאַמענ-פאָר איז לויט דער באַזונדערער השתדלות פון ליבערמאַנען מיט זונדעלעוויטשן, געווען ביי מיר תּנאים מיט סאַשע שור*). די דאָזיגע תנאים, וואָס לכתחלה האָט זי געזאָלט פירן צו אַ פאַלשע חתונה מיטן צוועק צו באַקומען פון דעם באַוואוסטן מיליאָנער שורס פאָטער געלט-מיטלען אויף די הצטרכותן פון דער רעוואָלוציע, איז אין אַ קורצער צייט אַרום פאַרוואַנדלט געוואָרן פון אַ פיקציע אין אַ רעאַלן פאַקט.

צווישן אַנדערע פּאַפּירן האָט מען ביי ליבערמאַנען געפונען מיט מיין האַנט געשריבענע און צוזאַמענגעשטעלטע פּראָטאָקאָלן פון די זיצונגען פון אונזער קרייזל און מיינע ראַפּאָרטן צו ליבערמאַנען וועגן אַלץ, וואָס עס איז ביי אונז פאָרגעקומען. אויסצוגן פון מיינע פּראָטאָקאָלן און בריוו האָבן פיגו-רירט אין דער באַשולדיגונגס-אַקט און אויפ׳ן פּראָצעס. אַ באַזונדערע אויפ-מערקזאַמקייט האָבן אויף זיך געצויגן יענע ערטער, וואו איך האָב מיך באַרימט, אַז איך שטיי אין נאָהענטע באַציהונגען מיט די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע לידערס פון דייטשלאַנד: ליבקנעכט, בעבל און אויער. צו דער באַשולדיגונגס-אַקט איז צוגעלייגט געוואָרן אויך אַן אויפרוף צו דער יידישער יוגנט, וואָס איז פאַר-פאַסט געוואָרן דורך ליבערמאַנען. אויף וויפל איך געדענק האָבן מיר אין בער-לין וועגן דעם דאָזיגן אויפרוף קיין שום אַנונג ניט געהאַט. ליבערמאַן האָט

*) אַ טאָכטער פון איינעם אין יענער צייט באַוואוסטן מאָהליווער גביר, וועלכע איז אַנ-טלאָפן געוואָרן פון די עלטערן אין דער צייט פון דער אַנטלויפונגס-עפּידעמיע אין מאָהילעוו. (זעט „דריי ליטעראַרישע דורות” זייטל 64).

געפירט אַ גרויסע קאָרעספּאָנדענץ מיט אַ מאַסע מענשן פון גאַנץ אייראָפּע, און באַזונדערס פון רוסלאַנד. ס'זיינען געווען בריוו פון קאַרל מאַרקס'ן, פון ענגלס'ן, פון לאַווראָוון און דראַגאָמאַנאָוון, פון פיל עמיגראַנטן און מיטאַרבעטער פון „וופּעריאָד" צוזאַמען מיט בריוו פון אומבאַוואוסטע גימנאַזיסטן, סטודענטן און סתם יונגע לייט פון רוסלאַנד. ווי איך האָב שוין דערציילט האָט ליבערמאַן ביי זיך אָפּגעהיט אַלע בריוו און געהאַלטן זיי אין אַ שיינער אָרדענונג, ווי אין אַ גוטער קאָנטאָר, און אַ חוץ דעם זיינען ביי אים געווען פאַרצייכנט אַלע אַדרעסן. ווען דער דאָזיגער גאַנצער מאַטעריאַל וואָלט אַרויסגעגעבן געוואָרן דער רוסישער רעגירונג, וואָלט די זשאַנדאַרמעריע געהאַט זעהר אַ גרויסע אַרבעט אויף פיל חדשים, און עטליכע הונדערט מאַן פון דער יידישער אינטע-ליגענץ וואָלטן פאַרפוילט געוואָרן אין געפענגעניש און אין סיביר.

די צייט האָט זיך געצויגן, און די אויספאָרשונג האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. אַז איך האָב אַמאָל געפרעגט דעם אויספאָרשער, פאַרוואָס האַלט מען אונז אַזוי לאַנג, האָט ער מיר געענטפערט, אַז מ'האָט אַוועקגעשיקט עטליכע אָנפראַגן קיין רוסלאַנד, און מ'האָט פון דאָרטן קיין תשובה ניט. אויסערדעם ערוואַרט ער, אַז עסטרייך וועט אַרויסגעבן ליבערמאַנען, און דאַמאָלסט וועט דער פּראָצעס באַקומען זיין געהעריגע באַדייטונג. ווי עס ווייזט אויס האָט די אויספאָרשונגס-מאַכט גערעכנט, אַז אויף מיר מיט אַראָנסאָנען אַליין איז שווער אויפצובויען אַ סאָלידן פּאָליטישן פּראָצעס. ליבערמאַן האָט געדאַרפט צוגעבן דעם ענין אַ מער קלערערע און בולט'ערע רעוואָלוציאָנערע פאַרב.

אַרום סוף דעצעמבער יאָר 1878 האָט מיר דער אויספאָרשער דערציילט מיט אַ צופרידענער מינע, אַז ליבערמאַן איז שוין אַרעסטירט געוואָרן דורך דער דייטשער מאַכט, און אַז די טעג דאַרף ער אָנקומען אין בערלין. ווי ס'האָט זיך נאָכדעם אַרויסגעוויזן האָט עסטרייך געשפּילט אַ נידערטרעכטיגע ראָל אין איר באַציהונג צו ליבערמאַנען. ס'האָט גאָר ניט געקענט דערוועקט ווערן די פראַגע וועגן אַרויסגעבן ליבערמאַנען דער פּרייסישער רעגירונג, ווייל לויטן געזעץ האָט מען ניט געטאָרט אַרויסגעבן איינעם אַן אָנגעקלאָגטן אין אַ פּאָ-ליטישן פאַרברעכן, וועלכן דאָס געריכט האָט אָנערקענט פאַר אומשולדיג. די פּרייסישע פּאָליציי האָט זיך אָבער צונויפגערעדט מיט דער עסטרייכישער און דער ביירישער, און נאָכדעם ווי ליבערמאַן איז באַפרייט געוואָרן פון ווינער גע-פענגעניש, איז ער אַרויסגעשיקט געוואָרן צום ביירישן גרעניץ, וואו ס'האָבן אים געכאַפּט די פּרייסישע באַאַמטע און אָפּגעפירט קיין בערלין. נאָכדעם ווי מ'האָט ליבערמאַנען געבראַכט אין בערלין, האָט מען נאָך אונז געהאַלטן אין געפענגעניש. ווי עס ווייזט אויס, האָט דער אויספאָרשער די גאַנצע צייט גע-ניסטערט ליבערמאַנס פּאַפּירן, אין וועלכע ער האָט פאַר זיך געפונען אַ גרויסן אוצר.

אָנפאַנגס אַפּריל 1873 האָט מען אונז איבערגעגעבן דעם באַשולדיגונגס-אַקט, וועלכער איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן הויפּטזעכליך אויפן יסוד פון די

מאַטעריאַלן, וואָס מ׳האָט צוגענומען ביי ליבערמאַנען בשעת די הויז־זוכונג. מ׳האָט אונז באַשולדיגט אין גרינדן אַ געהיימע געזעלשאַפט מיטן צוועק צו צושטערן די מלוכה, די פאַמיליע און דאָס אייגנטום. כּדי צו באַגרינדן די דאָזיגע באַשולדיגונג, האָט דער פּראָקוראָר געבראַכט אויסצוגן פון מיינע און פון ליבערמאַנס בריוו און אַ רשימה פון געלט־סומעס, וואָס פאַרשיידענע מענשן האָבן אַריינגעטראָגן אַלס פאָנד אויף אַרויסצוגעבן דעם זשורנאַל „האמת״. די הויפּט־ראיה געגן אונז איז געווען דער אויפרוף, וועלכן מ׳האָט געפונען ביי ליבערמאַנען, וואָס אין באַשולדיגונגס־אַקט האָט ער געהייסן: „צו דער איראָפּייאישער יוגנט״. אינ׳ם דאָזיגן אויפרוף איז די יוגנט גערופן געוואָרן אַריינצוטרעטן אין די רייען פונ׳ם אינטערנאַציאָנאַל און אַוועקצושטעלן זיך אויף דער זייט פון די אַרבעטנדע מאַסן אין דער מלחמה מיט דעם אַלמעכטיגן קאַפּיטאַל. די דאָזיגע פּראָקלאַמאַציע איז געווען פאַר אונז אַן אומגעריכטע נייס. אַז מיר האָבן זיך אָבער גוט צוגעקוקט, האָבן מיר דערזעהען, אַז די פּראָקלאַמאַציע האָט געהייסן: „צו דער יידישער יוגנט״. די אומבייטונג פון יידישער יוגנט אויף „איראָפּעאישער״ אין אָפיציעלן דאָקומענט האָט אינגאַנצן פאַרדרייט דעם ציל און דעם כאַראַקטער פון אונזער אַגיטאַציע.

ס׳איז געקומען דער טאָג פון אונזער פּראָצעס. מ׳האָט אונז געבראַכט אין געריכט און דאָרטן האָבן מיר זיך אַלע דריי באַשולדיגטע באַגעגנט צום ערשטן מאָל נאָכ׳ן אַרעסט. מיט ליבערמאַנען האָבן מיר זיך ניט געזעהען אָנדערהאַלבן יאָר; אַראָנסאָנען האָב איך ניט געזעהען פון אַרעסט אָן. אַ שוואַכער פון דער נאַטור און אַ נאָכגעגעבענער בן־יחיד איז אַראָנסאָן געווען, און דעריבער האָט ער זיך געפונען אין זעהר אַ געדריקטער שטימונג; ער איז געווען זיכער, אַז מ׳וועט אונז פאַרמשפּט׳ן צום טויט. אַראָנסאָנס פאַרטיידיגער איז געווען דער באַוואוסטער אַדוואָקאַט און פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטליכער טוער מונקל. ליבערמאַן איז געווען, ווי געוויינליך, פעסט און מוטיג. איך האָב גוט פאַרשטאַנען, אַז לויט דעם פאַראַגראַף פון געזעץ וועגן אַ געהיימער געזעלשאַפט קען מען אונז פאַרמשפּט׳ן העכסטנס צו אַ יאָר געפענגעניש. דעריבער האָב איך מיך געסטאַרעט צו באַרוהיגן אַראָנסאָנען.

ס׳האָט זיך געעפנט די זיצונג פון געריכט: אין זאַל איז געווען אַ גרויסער עולם. אונזערע דריי אָדער פיר ריכטער זיינען געווען אַלטע לייט מיט זעהר בייזע פּנימ׳ער. דאָס געזיכט פון פּאָרזיצער, אַ דיקער ביוראָקראַט, האָט אויך געמאַכט ניט קיין איבעריגס גוטן איינדרוק. אַלס אָנקלאָגער איז אַרויס דער באַקאַנטער טיסנדורף, אַ ספּעציאַליסט אין פּאָליטישע פּראָצעסן פון יענער צייט, אַ הויכער און אַ מאָגערער, לויט זיין אויסזעהען אַ פינסטערער און אַ טעמפּער פּרייס, וועלכער איז געגרייט צו יעדער אכזריות.

דער פּאָרזיצער האָט זיך געווענדט צו ליבערמאַנען מיט אַ פראַגע וועגן זיין נאָמען, זיין פאַמיליע און זיין גלויבן. ליבערמאַן האָט זיך אָנגערופן און האָט אויף דעם מוסיף געווען, אַז ער האָט קיין רעליגיע ניט, אָבער צו זיין

באַדויערן איז געבאָרן געוואָרן אין יידישן גלויבן. אויף דער פראַגע וועגן זיין פּאָליטישער ריכטונג, האָט ער געענטפערט:

— סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער.

אַלס מ׳האָט מיך געפרעגט די זעלביגע פראַגן, האָב איך געענטפערט, אַז איך בין אַ ייד און אַ סאָציאַליסט, נאָר איך געהער ניט צו קיין פּאַרטיי.

בשעת דער הפסקה, בעת די ריכטער זיינען אַריין פרישטיקן, האָט מיר מודיע געווען מיין פּאַרטיידיגער, האָראָוויץ, אַז אין זאַל געפינט זיך אַ פּאָרשטייער פון דער רוסישער געזאַנדשאַפט, וועלכער האָט אים דערציילט, אַז די רוסישע רעגירונג אינטערעסירט זיך לגמרי ניט מיט דער פראַגע וועגן אַרויסגעבן אונז רוסלאַנד. דאָס האָט אונז, געוויינליך, פיל באַרוהיגט.

דער פּראָקוראָר האָט געפּאָדערט, אַז מ׳זאָל אונז, באַזונדערס מיך מיט ליבערמאַנען, שטרענג באַשטראָפן. אונזערע פּאַרטיידיגער האָבן געהאַלטן זעהר מיטלמעסיגע רעדעס. מונקל, איינער פון די בעסטע בערלינער יוריסטן האָט זיך געפּרובט פּאַרטיידיגן אַראָנסאָנען מיט דעם, וואָס דער ניהיליזם איז אַזאַ אידייע, וועלכע באַהערשט די גרעסטע דענקער. דערביי האָט ער ציטירט פון „פויסטן״ די פּאָלגנדע מעפיסטאָפלס ווערטער:

„אונד אַללעס וואַס בעשטעהט

איזט ווערטה, דאַסס עס צו גרונד געהט״.

בעת מ׳האָט אונז פּאָרגעלייגט צו זאָגן אונזער לעצטן וואָרט, האָט ליבערמאַן אויסגערופן מיט אַ חוצפה׳דיגן טאָן: „וואָס איר זאָלט מיט מיר ניט טאָן, איך בין געווען אַ סאָציאַליסט־רעוואָלוציאָנער, און וועל דאָס פּאַרבלייבן. אייער געריכט אַנערקען איך ניט!״... ביי די ווערטער האָב איך אים גענומען ציהען ביי דער פּאָלע, און ער האָט געענדיגט. איך מיט אַראָנסאָנען האָבן אונז פון לעצטן וואָרט אָפּגעזאָגט.

אויפן צווייטן אָדער אויפן דריטן טאָג האָט מען אונז אַוועקגעפירט אין דער געפענגעניש פּאַר אָפּגעמשפּט׳ע. די פּראָצעדורע פון דעם אָפּשיקן האָט שוין אויף אונז געמאַכט זעהר אַ שווערן איינדרוק. אין הויף זיינען געווען אויסגעשטעלט צוויי ציילן שוצלייט*), און בשעת מיר זיינען דורכגעגאַנגען דורך די דאָזיגע ציילן צו דער גרינער קאַרעטע, אין וועלכער מ׳האָט אונז אַריינגעזעצט, האָבן די שוצלייט אונז געזידלט און נאָכגעשריען: „אָט גייען די פּאַרפלוכטע זשידעס, וואָס שיסן אויף די קיסרים און פּאַרלייקענען גאָט!״ „אָט זיינען זיי, די הויפּט־פּירער!״ — האָבן זיי אָנגעוויזן אויף מיר און אויף ליבערמאַנען.

אויפן דריטן אָדער פערטן חודש האָט מיר דער אויפזעהער געבראַכט אַ האַנט־אַרבעט, מיט וועלכער איך זאָל מיך באַשעפטיגן, כדי ניט אומצוגיין

---

*) פּאָליציאַנטן.

ליידיג. מ׳האָט מיר געגעבן מאַכן קינסטליכע בלומען. יעדן טאָג האָט מען מיר געבראַכט שטיקלאַך דראָט און אַ געוויסע צאָל קליינע געפאַרבטע בלעטלאַך פּאַפּיר. מ׳האָט פון מיר געפאָדערט, אַז איך זאָל נעמען אין דער לינקער האַנט אַ שטיקל גראָבן דראָט און אָנטשעפּן אויף אים פון ביידע זייטן צו דריי, פיר בלעטלאַך פון פּאַפּיר. אַז איך האָב דאָס געטאָן איז אַרויסגעקומען ווי אַ מין צווייגל, מיט וועלכע די בערלינער אָרימע פרויען האָבן באַפּוצט זייערע וואָל=וועלע היט. די זעלביגע צווייגלעך האָבן געדינט אויך אַלס קינסטליכע בלומען אין וואַזאָנעס=טעפּלאַך. אַז איך האָב געדאַרפט האָבן נאָך בלעטלאַך, האָט מיך דער אויפזעהער אַוועקגעפירט צו דעם אַרעסטאַנט, וועלכער האָט די דאָזיגע בלעטלאַך פּאַרפאַרטיגט. דער דאָזיגער אַרעסטאַנט איז ניט געווען קיין אַנדע=רער ווי — ליבערמאַן. ליבערמאַן איז, ווי באַוואוסט, געווען זעהר פייהיג צו אַלערליי האַנט=אַרבעטן. ער איז געווען זעהר אַ גוטער זעצער, אַ ליטאָגראַף, אַ קאַליגראַף, און זיינע דאָזיגע אַלע מעלות האָט ער אויסגעצייכנט אויסגענוצט אין דער רעדאַקציע פון לאַווראָווס זשורנאַל „וופּעריאָד". דאָ אין געפענגעניש האָט ליבערמאַן מיט פיל געשמאַק אָפּגעפאַרבט שטיקלאַך קאַרטאָן, צוקלייענ=דיג זיי צו אַ דינעם דרעטל, און דאָס זיינען געווען יענע בלעטלאַך, וועלכע איך און אַנדערע אַרעסטאַנטן האָבן אָנגעטשעפּעט אויפן גראָבן דראָט, אויס=אַרבעטנדיג דערפון די צווייגלאַך. ליבערמאַן האָט דאַן אויסגעזעהן ניט שלעכט. איך האָב מיך מיט אים געזעגנט, ווייל אינגיכן האָב איך שוין געדאַרפט באַ=פרייט ווערן. דאָס איז געווען מיין לעצטעס זעהען זיך מיט ליבערמאַנען: פון דעמאָלט אָן האָב איך מיך שוין מיט אים מער ניט באַגעגנט.

די דייטשע בורזשואַזע פּרעסע האָט פּאַרעפּנטליכט גאַנץ אָנשטענדיגע און אומפּאַרטייאישע באַריכטן וועגן אונזער פּראָצעס. אין די סאָציאַליסטישע, דעמאָלט אומלעגאַלע (צוליב דעם אַנטי=סאָציאַליסטישן געזעץ) אָרגאַנען, האָט זיך אָפּגעדרוקט געגן אונז זעהר אַ בייזער אַרטיקל פון ווילהעלם ליבקנעכט, וועלכער האָט אונז געהאַלטן, און באַזונדערס מיך, פאַר באַקוניסטן, ד. ה. פאַר אַנאַרכיסטן.

די רוסישע צייטונגען, וועלכע האָבן געזוכט חנפה׳נען דער רעגירונג, האָבן זיך צו אונז פאַרהאַלטן גאַנץ איינזייטיג און פיינדליך. ביי דער „נאָוואָיע ווערמיאַ" האָבן מיר געהייסן די „אינטערנאַציאָנאַלע שייקע".

אין דעם „קלאַדעראַדאַטש" זיינען פאַרעפנטליכט געוואָרן וועגן אונז די פאָלגנדע הומאָריסטישע פערזן:

„ליבערמאַן אונד אַראָנסאָן
ביידע ניהיליסטן;
אָן דען נאַמען זיעהט מאַן שאָן,
דאַסס זי קיינע קריסטען.

אַלס דריטער אים בונדע
איז דער גורעוויטש דאַבײַ,—
אויף איין גוטער קונדע"...
מיט דעם פאַרענדיגן זיך גורעוויטשעס זכרונות וועגן ליבערמאַנען.

---

X.

ליבערמאַנס לעצטע טעג.—פאַרשיידענע ווערסיעס וועגן זײַן זעלבסט-מאָרד.—
די אמת'ע סבה.—ליבערמאַן ווערט מעלאַנכאָליש צוליב די אַנטיסעמיטישע
שטרעמונגען צווישן די „נאַראָדאָוואָלצעס".—אַ צוטרעפנדיגע אָפּשאַצונג פון לי-
בערמאַנס מהות אין באַדוויטונג.

די צוואַנציג חדשים, וואָס ליבערמאַן איז געזעסן אין געפענגעניש האָבן ניט געבראָכן זײַן ענערגיע, און האָבן אים ניט אַראָפּגעפירט פון דעם איינמאָל אויסגעקליבענעם וועג. זיצנדיג אין געפענגעניש האָט ליבערמאַן אויפגעשריבן אין העברעאיש אַ גרויסע ווערק מיטן נאָמען „מ ש א ת נ פ ש נ ו" (אונזער ציל און האָפענונג). אין'ם דאָזיגן ווערק דערציילט ליבערמאַן ווי דער סאָציאַ-ליזם האָט זיך אַנטוויקלט פאַר מאַרקסן און לאַסאַלן. אויסערדעם ווייזט ער אויף, אַז די יסודות פון דער סאָציאַליסטישער טעאָריע געפינען זיך שוין אין דער ביבל. נאָך ליבערמאַנס טויט האָט מען דעם דאָזיגן כתב-יד ניט געפונען. ער איז ערגעץ-וואו פאַרלאָרן געגאַנגען. וועגן ליבערמאַנס לעבן פון דעם טאָג אָן, וואָס ער איז באַפרייט געוואָרן ביז זײַן טויט, זײַנען קיין קלאָרע ידיעות ניט געבליבן. וועגן דעם גייען אַרום פאַרשיידענע ווערסיעס, וועלכע איך גיב דאָ איבער אַ ל ע.

איינער פון ליבערמאַנס פריינד שרייבט:

„אין יאָר 1879, תיכף נאָך זײַן באַפרייאונג, איז ליבערמאַן נאָכאַמאָל געקומען צו פאָרן קיין לאָנדאָן. דאָרט איז געגרינדעט געוואָרן מיט זײַן הילף אַ נייע געזעלשאַפט, וועלכע האָט אָבער אויך ניט פיל עקסיסטירט. מיר האָבן באַשלאָסן מער אויף העברעאיש קיין זאַך ניט אַרויסצוגעבן און אָנהויבן צו שרייבן יידיש. אויף דעם אופן איז פאַרעפנטליכט געוואָרן די בראָשור „זאל זײַן ליכט!" ליבערמאַן אַליין האָט עפּעס אויך געוואָלט אָנשרייבן אין יידיש, נאָר אין יענער צייט האָט ער זיך פאַרליבט אין אַ פרוי, און צוליב דער דאָ-זיגער אומגליקליכער ליבע האָט ער זיך אין אַ האַלב יאָר אַרום דערשאָסן אין אַמעריקע".

ווינטשעווסקי דערציילט וועגן ליבערמאַנס לעצטע חדשים פאָלגנדעס:

נאָכדעם ווי ער האָט פאַרענדיגט אָפּצוזיצן זיין צייט אין בערלינער גע־פענגעניש, איז ליבערמאַן געקומען קיין לאָנדאָן און האָט זיך גאַנץ ענערגיש גענומען צוגרייטן וועגן אָפּפאָרן קיין רוסלאַנד, כדי צו באַטייליגן זיך דאָרטן אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. נאָר ווייל אין ווין האָט זיך אין אים אַרויסגעוויזן, אַז ער באַזיצט ניט די נויטיגע מעלות פון אַ קאָנספּיראַטאָר, האָבן זיינע פריינד באַשלאָסן ניט צו דערלאָזן אים אָנטייל צו נעמען אין דער טעטיגקייט פון די רוסישע סאָציאַליסטן. דאַן איז ליבערמאַן אָפּגעפאָרן קיין ניו־יאָרק, און באַלד ווי ער איז אַהין געקומען, האָט ער זיך דערשאָסן. די סבה פונ׳ם דאָזיגן זעלבסטמאָרד איז נאָך ניט אויפגעקלערט געוואָרן. אַנדערע האָבן געזאָגט, אַז דאָ איז געווען אַ מעשה מיט אַ ליבע; אַנדערע ווידער האָבן דערציילט, אַז ליבערמאַן האָט זיך גענומען דאָס לעבן פון גרויס עגמת־נפש איבער דעם, וואָס דורך זיין אומפּאַרזיכטיגקייט זיינען אומגעקומען פיל פון זיינע חברים. אַ בערלינער סאָציאַל־דעמאָקראַט, דער באַוואוסטער האַסעלמאַן, וואָס האָט דאַן געוואוינט אין ניו־יאָרק, האָט געזאָגט אויף זיין קבר עט־ליכע ווערטער, אין וועלכע ער האָט אונטערשטריכט די צווייטע ווערסיע. ס׳איז מעגליך, אַז דאָ האָבן ביידע סבות געווירקט צוזאַמען"*).

צו דעם געפין איך פאַר נויטיג אויפצוקלערן, אַז לויט ווי מיר איז באַ־קאַנט פון אַ פּערזאָן, וואָס איז געשטאַנען נאָהענט צו ליבערמאַנען ביז זיינע לעצטע מינוטן, זיינען די ב י י ד ע ווערסיעס ניט ריכטיג. ליבערמאַן האָט ביז זיין לעצטן טאָג ניט אויפגעהערט צו קאָרעספּאָנדירן מיט זיין פרוי, וועלכע איז דאַן געבליבן וואוינען מיט אירע קינדער אין סובאַלק. ליבערמאַן איז תמיד געווען אַ טרייער מאַן און אַ הייסער פאָטער צו זיינע קינדער. דערצו דאַרף מען נאָך באַמערקן, אַז בשעת ליבערמאַן איז געקומען פון לאָנדאָן קיין ניו־יאָרק איז ער שוין דאַמאָלסט געווען אין זעהר אַ געדריקטער, רעזיגנירטער שטימונג און נוטה צו מעלאַנכאָליע. אין ניו־יאָרק האָט זיך זיין מרה־שחורה פאַרשטאַרקט פון טאָג צו טאָג. ביי אַזאַ געזונט־צושטאַנד האָט דאָ וועגן אַ וועלכער ס׳איז ליבע קיין רייד ניט געקענט זיין.

די סבה, וועלכע האָט אַרויסגערופן ביי ליבערמאַנען זיין מעלאַנכאָלישע שטימונג איז געווען די אַנטיסעמיטישע שטרעמונג, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט ביי די „נאַראָדאָוואָלצעס". נאָך אין לאָנדאָן האָט זיך ליבערמאַן דערוואוסט, אַז צווישן די „נאַראָדאָוואָלצעס" האָבן זיך גענומען מערקן יידנפיינדליכע טענדענ־ציעס און אַ שטילער הסכם צו די פּאָגראָמען אַלס פּראָטעסט־אויסדרוק געגן די עקספּלאָאַטאַטאָרן, און דאָס האָט אויף אים געמאַכט אַ גוואַלטיג שווערן איינ־דרוק. אין ליבערמאַנען האָט זיך דערוועקט דער הייסער נאַציאָנאַליסט, און דער געדאַנק, אַז דער סאָציאַליזם זאָל האָבן כאָטש אויף וויפיל עס איז מיט־

*) „צוקונפט", דעצעמבער 1931.

געטראָגן צו דער פיזישער פאַרניכטונג פונ'ם יידישן פאָלק, האָט אים אינ־גאַנצן נידערגעשלאָגן און צושמעטערט. ער האָט אָנגעהויבן צו ווערן טרויעריג, איז אַרומגעגאַנגען אַ צוטומלטער, אַ צומישטער, פון טאָג צו טאָג איז ער געוואָרן מרה־שחורה'דיגער, פינסטערער. לאַנג האָט ער דאָס אָבער ניט געקאָנט אַריבערטראָגן, און אין איין פרימאָרגן האָט ער זיך דערשאָסן — — — — — — —

---

אָט אַזוי האָט זיך פאַר דער צייט איבערגעריסן דאָס לעבן פון דעם „יידישן לאַסאַל", דער באַשעפער פון דער היינטיגער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג.

אין קורצן איז ליבערמאַן אָפּגעשאַצט געוואָרן דורך איינעם פון זיינע פאַרערער אין די פאָלגנדע צוטרעפנדיגע ווערטער:

„די וועלט פון דער אַלטער טראַדיציאָנעלער יידישקייט מיט דער וועלט פון די פאַרפלאָנטערטע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערע פאָרשטעלונגען פון די 70־ער יאָרן האָבן זיך אויף אַ מערקווירדיגן אופן אַיינגעלעבט אין ליבערמאַנען. די נייע וועלט האָט אין אים ניט פאַרשטויסן אינגאַנצן די אַלטע, און האָט זיך מיט איר ניט אויפגעגאָסן סינטעטיש; ליבערמאַנס וועלט־אָנשויאונג האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ הורבע פון שטיקלאַך, וועלכע האָבן זיך אָפּגעבראָכן דורך דער צוזאַמענשטויסונג פון צוויי פרעמדע וועלטן. פון איין זייט איז געווען אַ שטאַרקע איבערצייגונג, אַז פאַר אונז, סאָציאַליסטן, זיינען ניטאָ קיין נאַציאָנאַליטעטן, און פון דער אַנדערער זייט האָט געלעבט דאָס באַוואוסטזיין, אַז די יידישקייט איז רייך מיט קולטורעלע־נאַציאָנאַלע ווערטן, וואָס זייער קיום איז זעהר נוצליך פאַר דער גאַנצער מענשהייט, און עפּעס ווי אַן אינסטינקטיווע, פאַרבאָרגענע נייגונג צו די דאָזיגע ווערטן. די ערשטע איבערצייגונג האָט געהייסן אָפּצולייקענען און צוצושטערן אַלץ וואָס עס איז אַלט, און האָט באַפויל'ן די יידן זיך אויפצוגיסן מיט דער אַרומיגער ניט־יידישער באַפעלקערונג, און דאָס צווייטע, דאָס נאַציאָנאַלע זעלבסט־באַוואוסטזיין האָט געצויגן צו דער פאַרצייטיגער, גרויער עלטער מיט אירע טראַדיציעס, מיט די ביבלישע שמיטות און יובל'ען. די אייראָפּייאישע בילדונג האָט זיך אין אים צוזאַמענגעגאָסן מיט דעם גמרא־פּלפּול, און די דעמאָקראַטישע איבערצייגונגען מיט דעם באַזונדערן ישיבה־בחור'שן אַריסטאָקראַטיזם. זייענדיג פון דער נאַטור זעהר אַקטיוו און טעטיג און אַ גוטער אָרגאַניזאַטאָר, וועלכער האָט געקענט אונטערטעניג מאַכן צו זיך מענשן, האָט ליבערמאַן שטענדיג באַשאַפן יידישע אָרגאַניזאַציעס, אָבער קיינמאָל האָט ער אויף ריכטיג ניט געוואוסט דעם צוועק, צו וועלכן ער באַשאַפט זיי.

אָבער די דאָזיגע שפּע פון געגנזאַצן, די הורבעס פון די צובראָכענע שטיקער זיינען באַהעפט געוואָרן צוזאַמען דורך זיין הייסער, אומבאַגרעניצטער איבערגעבנהייט צום געזעלשאַפטליכן אידעאַל, דורך זיין פעסטן גלויבן אין דעם ענדליכן נצחון פון גוטסקייט און גערעכטיגקייט, און אין דער נאָהענטקייט פון דער סאָציאַלער איבערקערעניש, און דורך זיין טיפער ליבע צו דער „מענשהייט" און צו זיין פאָלק"*).

---

*) „יעוורייסקאיא סטארינא" 1911, זייטל 225.

# אליעזר צוקערמאַן.

**(געבאָרן—1848; געשטאָרבן—1886).**

## I.

צוקערמאַנס עלטערן.—צוקערמאַן אַלס וואוילערנער.—אַ ביכל „השחר" עפנט אים אויף די אויגן.—צוקערמאַנס חשק צו שירים.—צוקערמאַן באַשליסט צו שטודירן ראַבינער.—ער אַנטלויפט פון די עלטערן.—מ׳כאַפּט אים אין וועג און מ׳ברענגט אים צוריק קיין מאָהילעוו.—די השכלה-באַוועגונג אין מאָהילעוו.—צוקערמאַן אַלס נעזעלשאַפטליכער טוער.—ער ווערט אַ פּריוואַטלערער לערער אין תלמוד-תורה.—ער ווערט אַ קאָרעספּאָנדענט אין „המליץ".—מ׳רעדט אים שידוכים.—זיינע נייע פּלענער.—וואָס ס׳האָט אים געטריבן צו ווערן אַ סאָציאַליסט.—זיין העברעאישע ערציילונג.—צוקערמאַן קאָרעספּאָנדירט מיט סמאָלענסקינען.—צוקערמאַן פאַלט אַריין אין גרוים יאוש.

אליעזר צוקערמאַן איז געבאָרן געוואָרן אין מאָהילעוו ביי אומפּאַרמעגלעכע, פאַנאַטישע עלטערן, וועלכע האָבן אים פון זיין פריסטער יוגנט אָן געשטאָפּט נאָר מיט תורה, פון אָנפאַנג אין חדרים, און דערנאָך אין ישיבות. זייענדיג ערשט 15 יאָר אַלט האָט שוין צוקערמאַן אַליין געלערנט אינ׳ם בית-מדרש פון זיין נאָהענטן קרוב, שמעריל צוקערמאַן, און האָט געהאַט אַ שם אין שטאָט פאַר אַן עילוי. האָט זיך אַמאָל געדאַרפט מאַכן, אַז איינער זיינער אַ באַקאָנטער בחור׳ל האָט אים געבראַכט צו טראָגן אַ ביכל „השחר", וועלכן ער האָט איבערגעלייענט מיט גרויס חשק. נאָכדעם האָט ער שוין געזוכט און באַקומען צום לייענען אַנדערע השכלה-ביכלאַך, און אַזוי אַרום איז ער געוואָרן אַ משכיל, ביי וועלכן סמאָלענסקין, דער רעדאַקטאָר פון „שחר" איז געווען אַ נביא און אַ וועג-ווייזער. אַ באַזונדער שטאַרקן איינדרוק האָבן אויף דעם יונגן צוקערמאַנען געמאַכט די שירים פון יהודה ליב גאָרדאָן, וועלכע ער פלעגט לייענען מיט גרויס התפעלות און מיט אַ האַרציגן ניגון. יעדער נייער שיר, וואָס האָט זיך געדרוקט אין „שחר", האָט אָנגעצונדן אַ פייער אין זיין נשמה, און פאַרבאָרגענערהייד האָט ער אַליין אָנגעהויבן צו שרייבן שירים.

די השכלה-ספרים האָבן אַרויסגערופן אין צוקערמאַנען אַ גרויסע איבערקערעניש. ער האָט זיך ביסלאַכווייז אָפּגעריסן פון לערנען, האָט אָפּט גענומען

צוועקלייגן די גמרא אָן אַ זייט, און האָט אָנגעהויבן אין דער שטיל צו לערנען אַלגעמיינע למודים. זיין אידעאַל איז געווען אַוועקצופאָרן אין זשיטאָמיר און אָנצוקומען דאָרטן אין ראַבינער־שול. אין אַ געוויסן טאָג האָט ער באַקאָנט געמאַכט די עלטערן מיט זיין באַשלוס. די עלטערן און די גאַנצע פאַמיליע זיינען אויף אים געוואָרן שטאַרק אויפגעבראַכט, און זיין פאָטער האָט אים געסטראַשעט מיט די שטרענגסטע רעפּרעסיעס. אויף צוקערמאַנען האָבן אָבער די אַלע סטראַשונקעס קנאַפּ־וואָס געווירקט; ער איז נאָך, פאַרקערט, געוואָרן פעסטער אין זיין באַשלוס, און אין איין זומערדיגן פאַרנאַכט האָט ער פאַרלאָזן דאָס עלטערנ־הויז און איז אַנטלאָפן קיין זשיטאָמיר. מיט צוקערמאַנס אַנטלויפן האָט געקאָכט גאַנץ מאָהילעוו. דער פאָטער האָט גענומען פּאָסט און האָט זיך געלאָזן לויפן נאָך אים, ביז ער האָט אים אָנגעיאָגט אין האָמעל, און דאָרטן האָט ער אים מיט פּאָליציע גענויט צוריקקערן זיך אַהיים קיין מאָהילעוו.

זעהר דערצאָרנט און דערביטערט אויף די עלטערן האָט זיך צוקערמאַן צוריקגעקערט קיין מאָהילעוו. וואָס זיין פאָטער האָט זיך צומאַטערט איבערצורעדן אים, אַז ער זאָל אַוועקוואַרפן זיינע נאַרישע געדאַנקען, וועלכע ער האָט זיך אַריינגעשלאָגן אין מוח, און זאָל זיך צוריק נעמען צו דער גמר״א, איז אַלץ געווען אומזיסט. צווישן צוקערמאַנען מיט די עלטערן האָט זיך פון יענער שעה אָן אַוועקגעשטעלט ווי אַן אייזערנע וואַנט. צוקערמאַן איז פאַרבליבן ביי דאָס זייניגע, און האָט געוואַרט אויף אַ פּאַסיגן מאָמענט ווען ער וועט קענען אַ צווייטן מאָל אַנטלויפן.

אין יענער צייט האָט זיך צווישן דער מאָהילעווער יידישער אינטעליגענטער יוגנט אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן דער סאָציאַליסטישער געדאַנק. אַ באַזונדערע קליינע גרופּע פון יידישע בחורים הייסע חסידים פון־ מאַפּ־ן און סמאָלענסקינען, האָבן זיך אָנגעפאַנגען אָפּצוגעבן מיט געזעלשאַפטליכער, קולטורעלער אַרבעט, אָדער ווי ס'האָט דעמאָלט געהייסן — „גיין אין פאָלק אַריין״, אָבער אויפ'ן יידישן שטייגער. די דאָזיגע בחורים האָבן זיך גענומען אויסבעסערן די אָפּגעלאָזענע מאָהילעווער תלמוד־תורה, צו מאַכן אין איר נייע, מאָדערנע אָרדענונגען און אַוועקשטעלן איר אויף דער געהעריגער הויך. צו דער גרופּע האָט געהערט אויך יעקב דינעזאָן. צוקערמאַן האָט זיך איבערגעגעבן צו די אינטערעסן פון די אָרימע קליינע קינדער מיט לייב און לעבן, האָט מיט זיי געלערנט און האָט אַוועקגעלעגט פיל כחות אויף זייער ערציהונג.

אין דערזעלביגער צייט האָט צוקערמאַן אַ פּאָר מאָל קאָרעספּאָנדירט פון מאָהילעוו אין „המליץ״, און דאָס האָט אים צוגעגעבן מוט צו פּרובן שרייבן גרעסערע זאַכן. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט ער פאַרעפנטליכט אין „המליץ״ אַ געזעלשאַפטליכן פעליעטאָן וועגן דער פאַרדאָרבענער יידישער קינדער־ערציהונג. דער פעליעטאָן האָט אין זיין צייט געמאַכט אַ רושם.

דערווייַלע האָט מען צוקערמאַנען אָנגעהויבן צו ריידן שדוכים. ס'האָבן זיך אויף אים געפונען בעלנים אין מאָהילעוו גופא און אויך אין די אַרומיגע

שטעט, וואו מ׳האָט וועגן אים געוואוסט. קיין שדכנים זיינען ניט אַרויס פון שטוב, און מיט אַלעמען האָט געראַדט נאָר צוקערמאַנס פאָטער; ער, דער חתן אַליין, האָט זיך פּאַסיוו צוגעקוקט און האָט געשוויגן. ער האָט זיך שוין דעמאָלט אַרומגעטראָגן מיט אַ נייעם פּלאַן, און אַלץ וועגן אַנטלויפן. וועגן ראַבינער־שול האָט ער שוין אויפגעהערט צו טראַכטן. איצטער האָט אים שוין געצויגן ניט קיין זשיטאָמיר, נאָר אין אויסלאַנד. ווייט, זעהר ווייט האָט זיך אים געוואָלט זיין פון דער היימישער סביבה, פון די עלטערן, וועלכע באַטראַכטן אים פאַר אַ חפץ, וואָס מ׳גיט איבער פון האַנט צו האַנט ניט אינטערעסירנדיג זיך מיט זיין ווילן, און פון דער פאַנאַטישער מאָהילעוו. גראָד דאַמאָלסט האָט פּאַסירט אין מאָהילעוו די געשיכטע, אַז אַ געבילדעט יונג מיידל, וואָס די עלטערן האָבן זי געצוואונגען חתונה צו האָבן מיט אַ יונגנמאַן, וועלכן זי האָט ניט געוואָלט האָט זיך פון עגמת־נפש אויפגעהאַנגען. די דאָזיגע געשעהעניש האָט אויף דער מאָהילעווער יידישער אינטעליגענטער יוגנט געמאַכט אַ געוואַלדיגן איינדרוק. אַנ־דערע פון זיי זיינען אונטער דעם דאָזיגן רושם אַוועק צום סאָציאַליזם, וועל־כער וויל באַפרייען דעם יחיד פון אַלערליי קייטן, וואָס ווערן אויף אים אַרויפגעלייגט פון וועלכער זייט ס׳זאָל ניט זיין. צווישן זיי איז געווען אויך צוקערמאַן.

אויפ׳ן יסוד פון דער אייבנדערמאָנטער פּאַסירונג האָט צוקערמאַן אָנגע־שריבן אין דער פאָרם פון אַ טאָג־ביכל אַן ערציילונג מיטן נאָמען „עולם הפוך״ (אַן איבערגעקערטע וועלט), וועלכע האָט זיך באַלד אָפּגעדרוקט אין „השחר״, און האָט ביי די דאַמאָלסטיגע העברעאישע לעזער זעהר אויסגענומען*).

אין דער דאָזיגער ערציילונג האַנדלט זיך אפילו ניט וועגן דעם קאַמף פון אַרבעט מיט קאַפּיטאַל, וועגן רייבונגען צווישן אַרבעטער און בעלי־בתים, און ס׳ווערן אין אים ניט דערמאָנט אפילו פון אויבנאויף די אויסערע לאַגע, דער מלוכה׳שער רעזשים וכדומה, און פונדעסטוועגן איז גאַנץ לייכט צו געפינען אין אים פיל סימנים פון דער השפעה, וואָס ס׳האָבן געהאַט אויפ׳ן שרייבער די סאָציאַליסטיש־מאַטעריאַליסטישע טעאָריעס. פון אָנהויב ביז צום סוף ציט זיך דורך דער ערציילונג ווי אַ רויטער שניר אַ שטאַרקער פּראָטעסט געגן די עקסעסטירנדיגע צופוילטע לעבנס־אָרדענונגען, געגן די קהל׳שע רעדלפירער, וואָס דעמאָראַליזירן דאָס געזעלשאַפטליכע לעבן, און דער עיקר געגן דעם, וואָס דער רשע לעבט אַ גוטן טאָג און דער צדיק ווערט אויסגעריסן. דער וואָס פאַרשטייט צו לייענען צווישן די שורות קען אויסגעפינען אין דער דאָזיגער ערציילונג אויך אַ פּראַקטישע באַציהונג צו די רייכע און אַ באַגייסטערונג פאַר׳ן פאָלק, פאַר׳ן המון. יונגע לערער, פריינד פון דער עלנדער מאַסע— אַזעלכע זיינען די העלדן פון דער ערציילונג—ווילן ברענגען צו אַ תכלית די אָרימע קינדער, די תלמידים פון דער שטאָטישער תלמוד־תורה, זיי ווילן זיי

*) זעה „דריי ליטעראַרישע דורות״ זייטל 69.

אויסבילדן און מאַכן פאַר מענשן, וואָס זאָלן מיט דער צייט קענען ווערן נוצ־ליך זיך אַליין און דער געזעלשאַפט; קומען אָבער צוגיין די דיק־בייכיגע קהל'ס־לייט, די זאַטע און אָפּגעפרעסענע גבירים, און שטערן זיי אין זייער אַרבעט. אַ אינטעליגענטער יונגערמאַן, אַ ענערגישער געזעלשאַפטליכער טוער, פאַרליבט זיך אין אַ מיידל, וועלכע איז איינשטימיג מיט זיינע אידייען און איז אויך איבערגעגעבן מיט'ן גוף און מיט דער נשמה דער געזעלשאַפטליכער אַר־בעט; געפינען זיך אָבער שלעכטע, גרויזאַמע עלטערן, וואָס דערלאָזן ניט ד' יונגע נשמות זיך צוזאַמענצובינדן, און צושיידן זיי איינער פון דעם אַנדערן מיט געוואַלד.

דורך דער דאָזיגער ערציילונג איז צוקערמאַן געוואָרן אַ גרויסער מקורב צו סמאָלענסקינען, און האָט אָנגעהויבן מיט אים צו קאָרעספּאָנדירן. אין זיינע בריוו צו סמאָלענסקינען האָט ער פון אים פאַרבאָרגן זיינע סאָציאַליסטישע געדאַנקען; ער האָט זיך נאָר פאַר אים באַקלאָגט אויף דעם, וואָס אין מאָהילעוו גייען זיינע פעהיגקייטן אַוועק לאבוד און ער קען זיך צו קיין צוועק אין לעבן ניט דערשלאָגן; ער וואָלט זיך וועלן אַרויסרייסן פון זיינע ענגע ד' אמות אין דער ברייטער וועלט אַריין, ווייס ער אָבער ניט ווי אַזוי מ'טוט דאָס, און וואוהין ער זאָל זיך קערן און ווענדן. סמאָלענסקין האָט אין זיינע תשובות באַדויערט צוקערמאַנס לאַגע, און האָט אים אבער ניט געגעבן קיין עצה וואָס צו טאָן. דאָס האָט צוקערמאַנען זעהר אויפגערייצט און אַריינגעבראַכט אין גרויס יאוש און אָפּהענטיגקייט.

---

## II.

צוקערמאַן מאַכט די נויטיגע הכנות אַ צווייטן מאָל צו אַנטלויפן.—די עלטערן היטן אים, און ער קען ניט אויספירן זיין פּלאַן.—צוקערמאַן פאַלט אַריין אין גרויס יאוש.—זיין נייער געדאַנק.– צוקערמאַן האָט חתונה.—ער אַנטלויפט פון שווערס שטוב.—זיין וואַנדערן צופוס איבער וואָלין.—ביים עסטרייכישן גרעניץ ווערט ער ניצול פון אַ סכנה.—זיין גאַנג דורך גאַליציע.—ביים קראָקער רב.—ער זאָגט, אַז ער פאָרט קיין פּרעסבורג, און פאָרט קיין ווין.—דער קבלת־פנים ביי סמאָלענסקינען.—צוקערמאַן נעמט זיך פאַר בילדונג און האָט באַלד חרטה.—די מאָהילעווער סאָציאַליסטן־קאָלאָניע אין בערלין.—צוקערמאַן אין בערלין.—דער באַשלוס, אַז צוקערמאַן זאָל זיך לערנען זעצעריי.—צוקער־מאַן קערט זיך אום קיין ווין.—ער קומט אָן אין סמאָלענסקינס דרוק, און לערנט זיך אויס פאַר אַ זעצער.

פון טאָג צו טאָג איז ביי צוקערמאַנען אַלץ מער געוואָרן פעסטער זיין באַשלוס צו אַנטלויפן. אין דער שטילן האָט ער אָנגעהויבן מאַכן דערצו די נויטיגע הכנות. דאָס איז געווען אָנפאַנגס ווינטער, און לויט זיין רעכענונג האָט

ער ביז פסח געדאַרפט ווערן פאַרטיג, און צו פרילינגס־צייט, ווי ס'וועט נאָר עפּעס ווערן וואַרימער, אַוועקלאָזן זיך אין וועג אַריין צו פוס. ער איז אָבער געווען אַזוי אומפּאַרזיכטיג, אַז זיינע עלטערן האָבן אין אים באַמערקט, אַז ער גרייט זיך צו פון זיי אַ צווייטן מאָל צו אַנטלויפן, און האָבן פון דאַמאָלסט אָן גענומען היטן זיינע טריט. ס'איז געקומען אַזוי ווייט, אַז ווען צוקערמאַן איז אַוועק אין גאַס, האָט אים דער פאָטער באַלייט צי פון דער נאָהענטן צי פון דער ווייטן, אָבער אין דער אונטערסטער שורה האָט ער פון אים זיין אויג ניט אַראָפּגענומען. ס'איז שוין אַריבער שבועות, ס'איז שוין געווען נאָך תשעה־באב, און צוקערמאַן האָט נאָך אַלץ ניט געקאָנט געפינען פאַר זיך די פּאַסנדי־גע געלעגנהייט צום אַנטלויפן. אַזוי איז אַוועק דער זומער, און צוקערמאַן איז געבליבן זיצן אין מאָהילעוו.

אין זעהר אַ געדריקטער שטימונג האָט זיך צוקערמאַן דאַן געפונען. ער האָט פאַרלאָרן אינגאַנצן דעם מוט, און ס'האָט געהאַלטן דערביי, אַז ער זאָל ווערן מעלאַנכאָליש. מיט אַ מאָל האָט אין אים אויפגעבליצט אַ געדאַנק, און אָט דער געדאַנק, וועלכער האָט אים לכתחלה אויסגעוויזן פרעמד און ווילדלאַך, האָט אים סוף, סוף אויסגעלייזט פון מאָהילעוו.

אין אַ געוויסן טאָג אינדערפריה, אַז זיין פאָטער איז געקומען פון בית־מדרש, איז ער צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט, אַז ער האָט זיך אַרומגעזעהן, דאָס ס'איז קיין תכלית ניט אומצוגייען אַ בחור, און האָט דעריבער באַשלאָסן חתונה צו האָבן. דער פאָטער איז דערפון געווען מלא שמחה, און שוין אויף מאָרגן האָט ער זיך געזעהן מיט שדכנים. ס'האָט לאַנג ניט געדויערט, און צוקערמאַן איז געוואָרן אַן איידים פון אַ מאָהילעווער רייכען בעל־הבית, וועל־כער האָט אים גענומען צו זיך אויף קעסט. זיין בעשערטע איז געווען אַן איינ־פאַך מיידל גוט און פרום, טוט „וואָס גאָט הייסט און וואָס טאַטע און מאַמע זאָגן", אַן אמת'ע „ערליכע יידישע טאָכטער".

ביי זיין שווער אין שטוב האָט זיך צוקערמאַן געפילט אַ סך פרייער. קיינער האָט אים ניט נאָכגעקוקט און ניט געהיט, קיינער האָט אויף אים קיין השגחה ניט געגעבן און ניט געציילט זיינע טריט. און מער ווי דאָס האָט ער ניט געדאַרפט. אַ חדשים דריי נאָך דער חתונה האָט ער זיך גאָר פון דאָס ניי גע־נומען מכין זיין צום אַנטלויפן, און דעם מאָל האָט ער אין אַ פּאָר וואָכן אַרום זיין פּלאַן פאַרווירקליכט. אין אַ געוויסן פרייטאָג נאָך האַלבן טאָג איז ער אַרויס פון שטוב, און איז ניט געוואָרן. ער האָט מיט אַ כיון אויסגעקליבן דעם טאָג, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אום שבת וועט מען אים ניט לויפן נאָכיאָגן. און אַזוי איז טאַקי געווען.

מיט גאַנץ וועניג געלט אויף הוצאות איז צוקערמאַן אַוועק פון דערהיים. ער האָט זיך גלייך אַ קער געטאָן אויף וואָהלין. געגאַנגען איז ער צופוס; וואו ניט וואו פלעגט ער אונטערפאָרן אויף פויערשע וועגלאַך, אָדער מיט יידישע בעלי־עגלות, וועלכע פלעגן אים אַרויפנעמען צו זיך אין זייערע בוידן פאַר

רחמנות. אין יעדער שטאָט און שטעטל פלעגט ער אויסרוהען, און איבער־נעכטיגן, געוויינליך, אין בית־המדרש. אומעטום פלעגט ער זיך פונאַנדעררעדן מיט די שטאָט־לומדים אין תּורה, פלעגט באַווייזן זיינע עָלוי׳שאַפט, און דאָס האָט אים געהאָלפן צו בעקומען כּמעט אין יעדער אָרט קליינע געלט־שטיצעס, מיט וועלכע ער האָט זיך אויסגעהאַלטן אין וועג. אַזוי איז ער אָנגעקומען ביז צום עסטרייכישען גרעניץ.

ביי דער לעצטער גרעניץ־שטעטל, אין פּאָדוואָלטשיסק, איז צוקערמאַן שיער ניט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער דאָרטיגער זשאַנדאַרמעריע. לויט דער עצה, וואָס עמיצער האָט אים געגעבן אין וועג, איז ער דאָרטן אַריין צו אַ יידן אין אַ שיינקל, וואו עס קומען זיך צונויף די מענשן, וועלכע באַשעפטיגן זיך מיט אַריבערפירן יונגע לייט דעם גרעניץ. ס׳איז געווען אַ דאָנערשטאָג אָוונט־צייט, און צוקערמאַן האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און אַרויסגענו־מען פון זעקל עפּיס וואָס צו עסן. גראָד איז דעמאָלט אַריין אין שיינקל דער שטעטלדיקער זשאַנדאַר, און דערזעהענדיג צוקערמאַנען, איז ער צו אים תּיכּף צוגעגאַנגען און געפרעגט אַ פּאַס. צוקערמאַן, וועלכער האָט ביי זיך געהאַט בלויז אַ רוסישן פּאַס, האָט געזאָגט, אַז ער איז געקומען אַהער קיין פּאָדוואָ־לאָטשיסק אויפצוזוכן אַלטע קרובים. דער זשאַנדאַר האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז ניט ריכטיג, און האָט אים געוואָלט אַרעסטירן. דערזעהענדיג, דאָס ס׳איז שלעכט, האָט זיך צוקערמאַן געפּרובט ווענדן מיט אַ בקשה צום יידל דעם שיינקער, אַז ער זאָל אויף אים רחמנות האָבן און ראַטעווען פון „גוי׳אישע הענט״. די דאָזיגע בקשה האָט צוקערמאַן אויסגעדריקט אין העברעאיש, און האָט זיך דערביי באַנוצט מיט אַ תּלמודישער מימרה וועגן דער גרויסער מצוה פון „פּדיון־שבוים״. דער שיינקער, וועלכער איז גראָד געווען אַ ייד אַ בר־אורין, האָט דערזעהן, אַז ער האָט דאָ פאַר זיך אַ יונגענמאַן אַ למדן, און דאָס האָט אים באַוואויגן אָפּצורופן דעם זשאַנדאַר אָן אַ זייט און דורכקומען מיט אים פאַר עטליכע רובל, אַז ער זאָל דעם יונגענמאַן לאָזן צורוה. אָט אַזוי איז צוקערמאַן ניצל געוואָרן פון סכּנה אָפּגעשיקט צו ווערן מיטן עטאַפּ קיין מאָהילעוו. דער זעלביגער שיינקער האָט דאַן אָפּגעהאַלטן ביי זיך צוקערמאַנען איבער שבת, און שבת צו נאַכטס האָט ער באַשטעלט אַ באַקאַנטן פויער, וועלכער האָט אים פאַרטאָג אַריבערגעפירט אויף יענעם זייט גרעניץ.

אויפ׳ן זעלביגן שטייגער ווי אין רוסלאַנד האָט זיך צוקערמאַן אויך אין גאַליציע געלאָזן גיין צו פוס. אַ חדשים דריי האָט ער אַזוי געוואַנדערט איבער גאַליציע ביז ער איז צום סוף אָנגעקומען אין קראָקע. מיד און אויסגעמאַטערט און קוים מיטן לעבן האָט ער זיך פאַרשלעפּט קיין קראָקע. ער האָט געפילט, אַז מער קען ער שוין ניט גיין, און גייט ער, וועט ער געוויס פאַלן אין וועג. ער איז אַריין צום רב און האָט אים דערציילט, אַז אַזש פון רוסלאַנד פאָרט ער לערנען אין דער גרויסער פּרעסבורגער ישיבה פון חתם־סופר. דער רב האָט זיך מיט אים פונאַנדערגערעדט אין לערנען און האָט דערזעהן, אַז דער יונגער־

מאַן איז עלול צו ווערן אַ גדול בישראל. זייענדיג אַליין פון דעם חתם-סופר׳ס פאַמיליע, איז אים צוקערמאַנס פלאַן וועגן פרעסבורג זעהר געפעלן געוואָרן. דער רב האָט זיך משתדל געווען און האָט פאַר אים באַקומען פון דער קראָ-קער קהלה אַ געוויסע סומע געלט אויף די הוצאות פון דער נסיעה קיין פרעסבורג דורך ווין. דערצו האָט ער נאָך אים אויך געגעבן אַ גאַנץ וואַרים אויפגעשריבענע רעקאָמענדאַציע צו זיין נאָהענטן קרוב דעם פרעסבורגער ראש-ישיבה.

צוקערמאַן האָט גענומען דאָס געלט מיט דעם בריוו, און איז באַלד אַוועקגעפאָרן מיטן באַן קיין וויען, וועלכע איז געווען באמת דאָס ענד-ציל פון זיין נסיעה. אָנגעקומען קיין ווין איז ער גלייך פון וואַקזאַל אַוועק צו סמאָלענ-סקינען. ס׳איז דאַן געווען אַ שטיק אין דער נאַכט, און ביי סמאָלענסקינען האָט מען שוין לאַנג געשלאָפן. דעריבער איז צוקערמאַן מיט זיין פעקל געבליבן זיצן אויף די טרעפּ ביז מאָרגן פריה.

סמאָלענסקין האָט אויפגענומען צוקערמאַנען זעהר פריינדליך, כאָטש אין האַרצן איז ער פון זיין קומען ניט גאַנץ צופרידן געווען. אַזעלכע רוסישע-יידי-שע יונגע לייט ווי צוקערמאַן זיינען דאַמאָלסט געווען אין ווין ניט ווייניג; איטליכער איז אַהין געקומען צו זוכן אַ צוועק אין לעבן, און קיינער פון זיי האָט דערווייליע ניט געהאַט מיט וואָס אַ טאָג איבערצוקומען, און אַלע זיינען זיי געקומען צו סמאָלענסקינען, און פאַר אַלעמען האָט ער זיך געדאַרפט משתדל זיין, און ניט שטענדיג האָט זיין השתדלות געהאַט ערפאָלג, און אַנדע-רע יונגע לייט האָט ער געמוזט אָפּזאָגן, און דורך דעם זיינען זיי אים אומ-פריינד געוואָרן.

צוקערמאַן איז געקומען קיין ווין מיטן צוועק, צו נעמען זיך פאַר ביל-דונג. קיין ראַבינער האָט ער שוין ניט געוואָלט זיין. איצטער האָט ער געשטרעבט צו שטודירן אַ וועלכן ס׳איז פאַך. האַלטנדיג זיך פאַר באַזונדערס פייהיג צו מאַטעמאַטיק, האָט ער געהאַט בדעה צו שטודירן אינזשענער. סמאָ-לענסקין האָט דאַן פאַר אים פון ערגעץ-וואו באַקומען אַ מאָנאַטליכע סובסידיע און ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לערנען.

ניט לאַנג איז אָבער צוקערמאַן איינגעזעסן אויפ׳ן ביכל.

אין יענער צייט האָט זיך אין מאָהילעוו דער סאָציאַליזם שטאַרק פאַר-ברייטערט. פיל יידישע יונגע לייט זיינען צוגעשטאַנען צו דער אַזויגערופענער „נאַראָדאָוואָליער" באַוועגונג. באַזונדערס זיינען דאָס געווען בחורים און מיידלאַך פון די רייכסטע פאַמיליעס. די מאָהילעווער פּאָליציי איז אויף דעם אויפמערקזאַם געוואָרן, און צווישן דער יידישער סאָציאַליסטישער יוגנט האָבן זיך אָנגעהויבן גרויסע אַרעסטן. דאַן האָבן אָנגעהויבן די הויפּט-אָנפירער צו אַנטלויפן איינציגווייז פון מאָהילעוו. און געלאָפן זיינען זיי אַלע, לויט אַ פריער אָפּגערעדטן פלאַן, קיין בערלין. אַזוי האָט זיך ביסלעכווייז אָנגעקליבן אין בערלין אַ היבשע קאָלאָניע פון מאָהילעווער פּאָליטישע עמיגראַנטן, וועלכע

האָבן זיך דאָרטן באַשעפטיגט מיט סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע. די דאָזיגע קאָלאָניע איז געשטאַנען אין אַ קאָרעספּאָדענץ מיט די גרעסטע סאָציאַליסטישע טוער אין רוסלאַנד און אין אַלע אַנדערע לענדער. אירע אינסטרוקציעס האָט זי דאַמאָלסט באַקומען פון ליבערמאַנען, וועלכער האָט נאָך דאַן געוואוינט אין לאָנדאָן, וואו ער האָט אָנגעפירט מיטן יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד.

אַז צוקערמאַן האָט דערהערט וועגן דער דאָזיגער מאָהילעווער עמיגראַנטנ-קאָלאָניע אין בערלין, האָט אים באַלד גענומען ציהען אַהין. צום סוף האָט ער זיך ניט געקאָנט איינהאַלטן, האָט געוואָרפן די ביכער, און איז אַוועק אין בערלין. דאָרטן האָט מען אים גלייך אַריינגענומען אין סאָציאַליסטישן קרייזל. אויף איינער פון די באַראַטונגען איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז צוקערמאַן זאָל אויפגעבן זיין פּלאַן וועגן שטודירן, און זאָל זיך זעהן בעסער אויסלערנען אַ וועלכע ס'איז מלאכה. ס'איז געבליבן, אַז ער זאָל זיך לערנען זעצעריי, מיט וואָס ער זאָל קענען נוצן דער זאַך, און ניט אין בערלין, וואו דאָס איז פאַר-בונדן מיט גרויסע קאָסטן, נאָר אין ווין, וואו סמאָלענסקין האָט אַ דרוק, און ער וועט אים געוויס זעהן העלפן צו דערגרייכן זיין ציל. אויסערדעם האָט שוין דעמאָלט געהאַלטן נאָהענט דערביי, אַז ליבערמאַן זאָל קומען קיין ווין אַרויסצוגעבן דאָרטן זיין העברעאישן סאָציאַליסטישן זשורנאַל, און דעריבער האָט מען פאַר אים געוואָלט באַשטעלן באַצייטנס אַ גוטן מיטאַרבעטער.

צוקערמאַן איז צוריק אַוועקגעפאָרן קיין ווין. אַז ער האָט דערציילט סמאָלענסקינען, דאָס ער זאָגט זיך אָפּ פון שטודירן, און וויל זיך בעסער אויסלערנען אַן אַרבעט, האָט אים סמאָלענסקין ווילד אָנגעקוקט. פונדעסטוועגן האָט ער אים אַריינגענומען צו זיך אין דרוק, און האָט געטאָן אַלץ וואָס ס'איז בעגליך צו פאַרלייכטערן אים די פאַרווירקליכונג פון זיין שטרעבן. סמאָלענסקין האָט זיך אויך געסטאַרעט און האָט געפועל'ט, אַז ס'זאָל אַרויסגעגעבן ווערן צוקערמאַנען זיין פריערדיגע סובסידיע ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס פון לכתחלה האָט מען אים באַשטימט די שטיצע אויף צוצוגרייטן זיך צו אַ וועלכן ס'איז שטודיום.

צוקערמאַן האָט זיך גענומען צו דער זעצעריי מיט גרויס פלייס, און האָט-געמאַכט אין דער אַרבעט גרויסע פאָרטשריט. אין אַ האַלב יאָר אַרום איז ער שוין געווען פאַררעכנט ווי איינער פון די דרוק-זעצער, און האָט באַקומען וועכנטליכע שכירות גלייך מיט אַלעמען. דאַמאָלסט האָט ער מודיע געווען סמאָ-לענסקינען, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון דער סובסידיע.

# III.

מײן ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט צוקערמאַנען.—װי צוקערמאַן האָט דאַן אױס־נעװיזן.—זײנע באַציהונגען צו די דיספוטן צװישן סמאָלענסקינען מיט ליבער־מאַנען.—צוקערמאַנס באַזונדערע ליבע צו העברעאיש.—זײנע העברעאישע עפיגראַמען.—צוקערמאַנס י י ד י ש ע שירים.—זײן פּאָעמע „מאָטל דער שוס־טער".—זײן שיר „די װעלט מ'ז איבערגעשאַפן װערן נאָכאַמאָל".—אַ פערז פון זײנעם אַ דריטן ייִדישן שיר.—זײן העברעאישע פּאַראָדיע צו נעקראַסאָװס „Контрасты".—צוקערמאַנס אומגעדרוקט פאַרבליבענע כתבים.—צוקערמאַנס העברעאישע רײן סאָציאַליסטישע סקיצע װערט געדרוקט אין „השחר".

אין יענער צייט—דאָס איז געווען אין יאָר 1876—האָב איך געוואוינט אין ווין. זיינענדיג אַן אָפּטער איינגייער ביי סמאָלענסקינען, האָב איך מיך דאָרטן באַקאַנט מיט צוקערמאַנען. נאָך עד היום איז מיר פאַרבליבן זיין אויס־זעהן אין זכרון. דאָס איז געווען אַ הויכגעוויקסיגער יונגערמאַן, אַ בלאָנדין, מיט טיפע, בלויע אויגן. אויף זיין פּנים איז אָבער תמיד געלעגן אַ באַזונדער פאַרביסנקייט, באופן, אַז מ'האָט געקאָנט מיינען, אַז דער מענש טראָגט זיך אַרום מיט אַ כעס אויף דער גאַנצער וועלט. ביי סמאָלענסקינען איז ער שטענ־דיג געזעסן אַן אומצופרידענער, האָט כמעט קיינמאָל קיין אָנטייל ניט גענו־מען אין געשפּרעך. ביי די הייסע דיספּוטן, וואָס פלעגן אין זיין געגנוואַרט פאָרקומען צווישן סמאָלענסקינען מיט ליבערמאַנען, איז ער געווען נאָר אַ בלויזער צושויער, מער ניט ווי אָן זיינע מינעס איז לייכט געווען צו דער־קענען, אַז ער איז אינגאַנצן מסכּים מיט ליבערמאַנען, און אַז סמאָלענסקינס איינווענדונגען רופן ביי אים אַרויס אַ שטאַרקע ערביטערונג. איך געדענק, אַז בשעת די דאָזיגע שמועסן פלעגט ער זיצן מיט פאַרביסענע ליפּן; ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַזוי ווי ער וואָלט עפּעס וועלן אַרויסזאָגן אַ גאַנץ שטאַרקן וואָרט, נאָר ער האַלט זיך איין, און ער דערשטיקט עס אין זיך...

צוקערמאַן האָט דעמאָלט געוואוינט אין דער אויגאַרטן־שטראַסע אויף איין קוואַרטיר מיט זיינעם אַ בן־עיר, מ ש ה ק אַ מ י אָ נ ס ק י—אַ היינט באַקאַנ־טער העברעאישער זשורנאַליסט און ציוניסטיש־נאַציאָנאַליסטישער עסקן, אַ זון פון רייכע עלטערן, וועלכער האָט באַזוכט אין ווין אַ האַנדלס־שול, און האָט סימפּאַטיזירט מיט די סאָציאַליסטישע אידייען. באַקומענדיג פון זיינע עלטערן צום לעבן גרויסע געלט־סומעס, האָט ער געהאַט די מעגליכקייט צו שטיצן צו־קערמאַנען, וועלכער האָט זיך תמיד זעהר באַנויטיגט, ווייל אַ טייל פון די שכירות, וואָס ער האָט באַקומען אין דרוק, האָט ער געשיקט זיין פרוי אין מאָהילעוו. איך פלעג צו קאַמיאָנסקין גאַנץ אָפט אַריינגיין און געדענק, אַז זיי האָבן ביידע געלעבט ווי ברידער. פאַרבונדן צוזאַמען האָט זיי אויך זייער ביידנס שטאַרקע ליבע צו דער העברעאישער שפּראַך. צוקערמאַן, שוין זיינענ־

דיג אַ פאַרברענטער סאָציאַליסט, האָט ניט אויפגעהערט צו שרייבן העברעאיש, ווען ער האָט נאָר געהאַט אַ לעדיגע שעה, איז ער געזעסן און געשריבן. אַם ליבסטן האָט ער געהאַט צו שרייבן עפּיגראַמען, דאָס רוב סאַרקאַסטיש־שפּיציגע מיט וועלט־ברעכערישע טענדענציעס. די מער געלונגענערע עפּיגראַמען פלעגט ער ברענגען סמאָלענסקינען ער זאָל זיי דרוקן אין „שחר". סמאָלענסקין האָט אָבער אָנגענומען נאָר גאַנץ ווייניג פון זיי, און אפילו די שוין אָנגענומענע עפּיגראַמען האָט ער פאַרעפנטליכט ניט אינ׳ם „השחר" גופא, נאָר אין אַ הוספה, און אַמאָל אויך אויף דער צווייטער זייט פונ׳ם שער*). צוקערמאַנען האָט דאָס זעהר אויפגעקאָכט, און האָט אויפגעהערט פאָרצולייגן סמאָלענסקינען זיינע עפּיגראַמען.

צוקערמאַן האָט דעמאָלט געשריבן ניט בלויז העברעאיש, נאָר אויך יידיש. אין יידיש האָט ער געשריבן באַזונדערס שירים, וועלכע ער פלעגט געבן צוערשט איבערלייענען קאַמיאַנסקי׳ן, און דערנאָך דעם מאָהילעווער קרייזל**). איך געדענק, אַז אַמאָל האָט צוקערמאַן פאַר דעם דאָזיגן קרייזל אי־בערגעלייענט זיינע אַ יידישע פּאָעמע, וועלכע האָט געהייסן „מאָטל דער שוסטער". כ׳האָב מיר ביי אים דאַמאָלסט די דאָזיגע פּאָעמע אָפּגעשריבן. ביי היינטיגן טאָג איז מיר פאַרבליבן אין מיין געדעכעניש בלויז די פאָלגנדע ווייניגע פערזן פונ׳ם ערשטן בית:

„ניט קיין מיוחס איז מיין העלד, ניט קיין בעל־הבית קיין יוסטער,
נאָר אַ געמיינער ייד: מאָטל דער שוסטער.
געהאָרעוועט כל ימיו ווי אַן אָקס אין דער סאָכע,
דאָס שטיקל ברויט צו פאַרדינען פאַר זיין משפחה.
אַכט קינדערלאַך מיט אַ ווייב אַ חלושה,
אַ טשאַכאָטעצניצע—פון דער מאַמען בירושה.
געוואוינט האָט ער אין שכנות ביי יודל דעם שמש,
אין אַ דירה׳לע אַ קליינס פון ד׳ אמות,
אויפן בוידים־שטיבל אין דער הויך;
תמיד פול מיט טשאַד און רויך,
וואו ווינטער האָט געגאָסן פון די ווענט
און זומער האָט געסמאַליעט און געברענט.
בקיצור: אַ פּאַלאַץ, אַ פּראַכט.
דאָרט פון גאַנץ פריה ביז אַ שטיק אין דער נאַכט
איז מאָטל צוגעשמידט צום שוסטער־שטול
געזעסן איינגעבויגן אין דרייען איבער׳ן קאָפּול".

---

*) זעה, למשל, „השחר" 7 יאָרגאַנג אין דער הוספה צום 11-טן ביכל.

**) וועגן דעם דאָזיגן מאָהילעווער קרייזל אין ווין — זעה „דריי ליטעראַרישע דורות" זייטל 65.

אַ צווייטן מאָל האָט צוקערמאַן אָנגעשריבן אַ שיר אונטערן נאָמען „די וועלט מוז איבערגעשאַפן ווערן נאָכאַמאָל“. אויך פון דעם שיר געדענק איך נאָר דעם ערשטן בית:

„איך פרעג: וואָרום
איז אַזוי קרום
געבויט די וועלט?
פאַרוואָס דער בעל־מלאכה
מיט זיין גאַנצער משפּחה
ליידט הונגער און קעלט?
און דער לעדיג־גייער, דער פּוסטשאַק,
דער הולטאַי, דער ליידאַק,
וואָס שלעפּט זיך אַרום אין גאַס
פּוסט און פּאַס
האָט רייכקייט, כּבוד און גדולה?
פאַרוואָס האָט דער גאַרנישט, און יענער אַ פולע?
וואו איז די גערעכטיגקייט? וואו איז דער יושר?
דער אָרימאַן זאָל האָרעווען און שפּייזן דעם עושר?
שרייען דאַרף מען אָן אַן אויפהער אויפן קול:
„די וועלט מוז איבערגעשאַפן ווערן נאָכאַמאָל!“

איך געדענק אויך דאָס, אַז מיט די לעצטע צוויי שורות האָט זיך פאַר־ענדיגט יעדער בית.

און נאָך פון צוקערמאַנס אַ יידישן שיר, פון וועלכן איך האָב שוין פאַר־געסן דעם נאָמען, זיינען ביי מיר פאַרבליבן אין זכּרון די פאָלגנדע שורות:

„אַלץ דאַרף ווערן צובראָכן, צושטויסן,
און פון קאָסמאָס דעם גרויסן
דאַרף אַרויס אַ נייער בנין.
ניטאָ קיין קבצן, קיין גביר;
כ׳וויים ניט: וואו דער אויבנאָן, וואו די טיר.
ניטאָ קיין פּריצים, קיין שררות,
יחוס איז אויפ׳ן בית־הקברות;
ניטאָ מיין, דיין, קיין אייביגער קנין.
נאָר אין פאַבריק, אין זאַוואָד,
ביי דער מאַשין, ביי דער ראָד,
פון דעם קומען, פון דעם רויך
לעבט
און שוועבט
אין דער הויך“ — — —

אַמאָל האָט צוקערמאַן אָנגעשריבן אויף העבעריש אַ שיר, וועלכער

איז געווען אַ פּאַראָדיע צו נעקראַסאָווס „Контрасты“. פון דעם דאָזיגן שיר געדענק איך גאַנץ עד היום מער ניט ווי דעם ערשטן בית:

„עַל כָּל צַעַד בַּחַיִּים לֵב אִם נְשִׁימָה —
זָרוֹת, תַּהְפֻּכוֹת עֵינֵינוּ צוֹפִיּוֹת:
עַוְלָה פּוֹרַחַת, גַּם רֹאשָׁהּ הֵרִימָה
ונכֹ֗ה וֶאֱמֶת יֵרְדוּ תַּחְתִּיּוֹת.
אִם שְׁנַיִם יַעֲשׂוּ עָוֶל וּרְמִיָּה,
עַל אֶחָד יִתְנַפְּלוּ כְּשַׁחַל בַּדֶּרֶךְ,
וְלַשֵּׁנִי יַבִּיטוּ, יַאַרְמוּ דוּמִיָּה,
כִּי אִישׁ נִכְבָּד הִנֵּהוּ, אִישׁ רַב־הָעֵרֶךְ.
מַעֲשִׂים כָּאֵלֶּה מוּל עֵינַי שַׁתִּי,
לִבִּי יֵלֵךְ תֶּמֶס, גַּם רוּחִי סוֹעֶרֶת,
וּמֵעִמְקֵי לֵב כּוֹאֵב קוֹל רָם נָתַתִּי:
תַּהְפֻּכוֹת־הַתֵּבֵל, צָרַעַת מַמְאֶרֶת!“*)

צוקערמאַן האָט געהאַט גאַנצע העפטן אָנגעשריבענע אין העברעאיש און יידיש. צייטנווייז, ווען ער איז געווען אין אַ גוטע שטימונג, פלעגט ער זיך אַליין אָנשלאָגן פאַרצולייענען זיינע שריפטן פאַר באַקאַנטע, און פרעגן נאָך דעם אַ מיינונג. אַז די מיינונג פלעגט אויספאַלן גוט, פלעגט ער דערפון שטאַרק הנאה האָבן; ווען ניט, פלעגט ער פאַרבייסן די ליפּן און גאָרנישט ריידן. ווי מיר איז באַקאַנט זיינען זיינע כתבים פאַרבליבן אומגעדרוקט ביזן היינטיגן טאָג.

נאָר איין קליינע ריין סאָציאַליסטישע זאַך האָט צוקערמאַן אָנגעשריבן אין העברעאיש, און סמאָלענסקין, כאָטש זיינענדיג אַ גרויסער געגנער פון סאָציאַליזם, האָט עס אָפּגעדרוקט אין „השחר“. די זאַך איז געווען אָנגעשריבן אין זעהר אַ גלענצנדן העברעאיש, און דאָס איז דער איינציגער טעם, וועלכער האָט דאַמאָלסט באַוואויגן סמאָלענסקינען צו פאַרעפנטליכן איר אין זיין זשורנאַל ניט קוקנדיג אויף דעם, וואָס ער איז ניט מסכים מיטן אינהאַלט.

די דערמאָנטע צוקערמאַנס העברעאישע סקיצע איז העכסט כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם, ווי די ערשטע יידישע משכילים־סאָציאַליסטן האָבן תופס

---

*) אין יידיש הייסט עס: „יעדער טריט אין לעבן אויב מיר באַטראַכטן, זעהן מיר אַלץ פאַרקערטע, ווילדע זאַכן: אומרעכט בליט, האַלט פאַרריסן דעם קאָפּ. און די אָרנטליכקייט מיט אמת ליגן אין דער ערד. אַז צוויי טוען אָפּ מעשים רעים, פאַלט מען אויף דעם איינעם אָן ווי אַ לייב אין וועג. און וועגן דעם אַנדערן שווייגט מען, מ'שטומט ווי די וואַנט, ווייל ער איז אַ גרויסער, חשוב'ער מאַן. כ'האָב דערזעהן אַזעלכע מעשים און ס'איז דערביטערט געוואָרן מיין האַרץ אין אויסגעקאָכט אין מיר האָט מיין גייסט, און פון דער טיפעניש פון מיין צו־ווייטאָגט האַרץ האָב איך אויסגעשריען: אַ פאַרקערטע וועלט! אַן אייביגע קרענק!“

נעוואָן אין זייער צייט דעם סאָציאַליסטיש־מאַטעריאַליסטישן געדאַנק, און דעריבער געפין איך פאַר צוועקמעסיג צו ברענגען איר דאָ אין אַ יידישער איבערזעצונג.

---

## .IV

צוקערמאַנס העברעאישע סקיצע.—די צוויי תלמודישע מאַטאָס.—דער אינהאַלט פון דער סקיצע.—אַ דיאַלאָג צווישן אַ רייכן מיט אַן אַרבעטער.—אַ פרק פּאָליטישע עקאָנאָמיע.

געהייסן האָט די סקיצע „רעיון מעולם הזה ומעולם הבא“, ד. ה. אַ געדאַנקען וועגן דער וועלט און וועגן יענער וועלט. אַלס מאָטאָ האָט צוקערמאַן געבראַכט צוויי מימרה׳ס, איינע פון מדרש רבה אויף שיר השירים, און די צווייטע פון דער גמרא בבא בתרא. די ערשטע מימרה זאָגט: „שחורה אני ונאוה (כ׳בין שוואַרץ און שיין)—שחורה בעולם הזה ונאוה בעולם הבא: שוואַרץ אויף דער וועלט און שיין אויף יענער וועלט“. די אַנדער מימרה זאָגט: „לא כחלוקה של עולם הזה חלוקה של עולם הבא“—ניט ווי ס׳איז איינגעטיילט די וועלט, איז איינגעטיילט יענע וועלט“.

„יעדעס מאָל ווען איך גיי אַרויף אויף מיין געלעגער, הויב איך אָן צו באַקלערן די פירונג פון דער וועלט. אין יענע מינוטן שווימען אַרויף אין מיין געדאַנקען פיל פראַגן און אַנטוואָרטן, איך וואַרף איין וועלטן און בוי אויף, איך וואַרף און בוי, בוי און וואַרף... „פאַרוואָס זיינען דאָס דאָ אַזוי פיל אומגליקליכע אויף דער וועלט?—וועגן דעם האָב איך נעכטן פיל געטראַכט—וועט דען תמיד אַזוי זיין? אויב יע, טאָ צו וואָס איז דאָס לעבן?!“... אַזוי האָב איך געטראַכט און געטראַכט ביז איך בין שטאַרק איינגעשלאָפן...

ערשט איך האָב דערזעהן פאַר מיר אַ גרויסן באַרג. אויפן שפּיץ באַרג שטייט אַ געזונטער און אַ דיקער מאַן, זיין געזיכט איז רויט ווי בלוט, און זיין בליק דריקט אויס שטאָלץ; געקליידט איז ער זעהר רייך, מיט בריליאַנטענע פינגערלאַך, און עפּעס ווי אויף זיין שטערן וואָלט געוואָן אויסגעקריצט „עולם־הזה׳ניק“. גיין—גייט ער אַראָפּ באַרג... צו פוסן פון באַרג שטייט אַ שוואַכער, אומקראַפטיגער מענש, אַ דאַרער, אַ מאָגערער, מיט איינגעפאַלענע באַקן און איינגעגראָבענע אויגן; אָנגעטאָן איז ער אין סמאַטעס, אויף זיינע אַקסלען טראָגט ער אַ שווערע משא, און זיין האַלז ווערט געדריקט פון אַ יאָך; אויפן שטערן איז בייַ אים אויסגעקריצט „בן עולם־הבא׳ניק“. זיינע פיס זיינען געשמידט אין קייטן, אָבער ער שטאַרקט זיך און פרוּוט באַרג אַרויף...

זיי האָבן זיך ביידע באַגעגנט. דער „עולם־הזה׳ניק״ האָט געוואָרפן אויפ׳ן „עולם־הבא׳ניק״ אַ שטאָלצן בליק, און יענער האָט אים געענטפערט מיט אַ בליק פון פאַראַכטונג. דער „עולם־הזה׳ניק״ האָט אַזש אויפגעציטערט פון צאָרן, און דער „עולם־הבא׳ניק״ האָט קוים אויפגעהויבן זיין קאָפּ און האָט אים אַ שפּיי געטאָן אין פּנים.

— ווער ביסטו, דו אומפאַרשעמטער קנעכט?—האָט געפרעגט דער „עולם־הזה׳ניק״.

— און דו ווער ביסט? גאַלעגוטסקער האָן!

— איך? מיר געהערט די גאַנצע וועלט; אַלץ וואָס דו זעהסט, איז מיינס: איך בין אַן „עולם־הזה׳ניק״!

— און איך—אויף דער וועלט פאַרמאָג איך גאָרנישט, אָבער עס דער־וואַרטן מיר גוטע טעג אין דער צוקונפט, ווייל איך בין אַן „עולם־הבא׳ניק״.

— זאָג! ווען איך וואָלט געוואָלט—איך וויל דאָס ניט, אָבער לאָמיר זיך פאָרשטעלן, אַז איך וואָלט דאָס געוואָלט—וואָלטסט דו אויסגעביטן דיין וועלט אויף מיינע?

— דיין וועלט קען מיר ניט געפעלן.

— וואָרום?

— ווייל ס׳איז אַ וועלט אַ דערווייליגע; אירע פונדאַמענטן זיינען שוואַך, און זי האַלט ביים איינפאַלן...

— דו אוממענטש! די דאָזיגע פונדאַמענטן (ער ווייזט אים אַ פעקל באַנקנאָטן) זיינען ניט קיין שוואַכע! איך קען פאַר זיי אָפּקויפן אי דיר אי דיין וועלט אויף אייביג!

— איך האָב אין דער וועלט קיין חלק ניט; אין איר ביסט דו דער הערשער, און דעריבער קענסטו מיר דריקן וויפל דיין האַרץ געלוסט, קענסט אויך אָפּקויפן מיר מיט מיין הויזגעזינט פאַר קנעכט און פאַר דינסטן, קענסט עסן אונזער פלייש און שמאָקצן אונזער בלוט. אָבער דערפאַר האָסט דו קיין חלק ניט אין יענער וועלט, ווייל אויף יענער וועלט קענען ניט און וועלן ניט זיין קיין מענשן פּיאַווקעס, וואָס זיינען דאָרשטיג צו מענשעסע בלוט, און יאָגן זיך נאָך נאַרישקייטן—

— מיר יאָגן זיך נאָך נאַרישקייטן? האָסטו דען קיין אויגן ניט צו זעהען, אַז וואָס אַ טאָג פאַרפולקומען מיר זיך אַלץ מער אין אַלערליי וויסנשאַפטן? דו זעסט דען ניט ווי עס ווערן וואָס ווייטער אַנטוויקלטער אונזערע געפילן? דו זעסט ניט, אַז מיט יעדער מינוט לערנען מיר זיך זיין אַלץ מער בעסער צו לייטן?

— יאָ! איך זע טאַקי ווי איר פאַרפולקומט זיך אויף יעדער שריט און טריט; איך זע די פאַרפולקומונג פון אייער „בית־דין״, ווי די זאַטע דיינים פאַרמשפּט׳ן די הונגעריגע אָנגעקלאָגטע צו געפענגעניש; איך זעה אייערע פאָרטשריט אין „מעדיצין״, ווי די דאָקטוירים פאַרשרייבן „רעצעפּטן״ אָנשטאָט

צו פאַרשרייבן „ברוית און אַ בגד"; איך זעה אייערע פּאָרטשריט אין „בוי-קונסט", אַז אין די הייזער פון די אָרימע לייט פעלט די נויטיגע לופט, און די פאַבּריקן און די זאַוואָדן, וואו עס זיינען אויפגעפּרעכט פיל אַרבּעטער, זיינען נעסטן פון אַלערליי קראַנקייטן; איך זעה אייער פּאָרטשריט אין דער „אינדוסטרי", אַז איין נייע מאַשין פאַרטרייבט אַ סך אַרבּעטער צום הונגער... איך זעה אויף וויפל עס זיינען „אַנטוויקלט אייערע געפילן", אַז איר יאָגט אייך נאָך גרויסע נדבֿ'ען, און אויף די אָרימע לייט בייזערט איר זיך פאַרוואָס זיי האָבן חתונה; איך זעה אויף וויפל עס זיינען „אַנטוויקלט אייערע געפילן", אַז איר צווינגט פרויען מיט קינדער פאַר אייך צו אַרבּעטן, כדי איר זאָלט פאַרדינען מער געלט.. איך קען אייער „גוטסקייט צו לייטן", איך זעה אייערע פילע געפענגע-נישן, אין וועלכע עס ווערן געפּייניגט די הונגעריגע, וואָס זיינען געפאַלן אין דער מלחמה פאַר זייער עקסיסטענץ; איך קען אייער „גוטסקייט צו לייטן", איך זעה ווי איר ברענגט אויף דער וועלט מלחמות, ווי איינער דעם אַנדערן דערמאָרדעט איר, ווי איינער דעם אַנדערן עסט איר אויף...

— אַלץ, וואָס דו האָסט דאָ געזאָגט איז, ליידער, ריכטיג; מ'קען דאָס אָבּער ניט אומענדערן. דאָס איז אַ געזעץ אין דער וועלט-אָרדענונג פון דער ערשטער מינוט אָן, אַז דער שטאַרקער געוועלטיגט אויפ'ן שלאַפן, און אַז דער גבּור באַהערשט דעם שוואַכן, דאָס איז אַ דאַרווינישער געזעץ, און אויף דעם שטייט און האַלט זיך די וועלט...

— נאָר די וועלט לויט איר סדר און פירונג, אָבּער ניט יענע וועלט—

— די וועלט קען זיך אַנדערש ניט פירן.

— זי קען, זי קען—

— ברענג מיר ניט אַריין אין כעס, וואָרום איך וועל דיר צושפּאַלטן דעם קאָפּ—

— שלאָג מיך, פאַרוואונד מיך, שמיד מיך אין קייטן און שיק מיך אַוועק צום טייוול, און איך וועל דיר אַלץ זאָגן דעם אמת, ווייל אַנדערש קען איך ניט, און דורך מיין אמת וועל איך זוכה זיין צו יענער וועלט.

— דו בּיסט אַ טרוימער, אַ פאַנטאַזיאָר!

— אַזוי ווייז איך דיר אויס, ווייל דו בּיסט ערצויגן געוואָרן אויף די פאַלשע פאַנטאַזיעס פון דער וועלט, און דיין געלט—אָט דאָס איז דיין וועלט; קיין אַנדער וועלט פאַרשטייסט דו ניט און דו קענסט ניט פאַרשטיין, און דיינע גאָלדענע געטער וועסטו ניט אַוועקוואַרפן ביז דער לעצטער מינוט פון דיין לעבּן. דעריבּער איז דיין אָנפאַנג געלט און דיין סוף ווערים, און מיט יענער וועלט בּיסטו קיין מחותּן ניט.

— דו בּיסט אַ פוילער, און דעריבּער ליגסטו אין הבלים.

— ניין, דו בּעל העצה'ניק! די פוילער האָבּן זיך אָפּגעקויפט די וועלט. לייג אַרויף די האַנט אויפ'ן האַרצן און זאָג מיר: דו האָסט עפּיס אין דיין

לעבן אַ סך געהאָרעוועט? אַ סך האָרעוועסט דו דיך אָן אַנטלייענדיג געלט אויף פראָצענט, אָדער האַנדלענדיג מיט סיגגאַציעס און פּאַרמאַטערנדיג דיינע אַרבּע־טער צום טויט?... און נאָכדעם האָסטו נאָך די העזה אָנצורופן „פוילער" אַ מענשן, וואָס פאַרבּרענגט אויף אַרבּעט זיין גאַנצן לעבן, אַ מענשן אַן „עולם־הבא'ניק"? הערנדיג דאָס ווערט מיין בלוט אין מיר אויפגעזאָדן. אָ, דו גאָט פון אמת! זיי זיך נוקם אָן די פוילער, פּאַרטרייב זיי, פאַרלענד זיי, און לאָז קעניגן די אַ ר בּ ע ט אויף יענער וועלט...

— דו אומפאַרשעמטער קנעכט! דו ביסט אַ קנעכט געבאָרן, און דו באַ־גערסט, אַז די קנעכטשאַפט זאָל פאַרבּלייבּן אויף אייביג!

— אָט דאָס האָב איך דאָך געזאָגט, אַז אַן אַנדער וועלט, אויסער דער וועלט פון געלט, קענסטו ניט פאַרשטיין... פון דער נאַטור בּרענגט די אַרבּעט פאַרגעניגן דעם האָרעפּאַסניק, ווען ער האָרעוועט ניט מער ווי עס ערלויבּן אים זיינע פיזישע קרעפטן, ווען די באַדינגונגען פון דער אַרבּעט שטימען מיט די באַדינגונגען פון לעבּן, ווען די לוין פון דער אַרבּעט גיט דעם אַרבּעטער די מעגליכקייט צו שפּייזן זיך ווי עס באַדאַרף צו זיין, צו וואוינען אין אַ גע־ראַמער דירה, צו טראָגן אַ רעכטן מלבוש, צו זיין באַוואָרנט פון קעלט, צו האָבּן צייט אויף רוהען, צו באַרייכערן זיינע ידיעות, צו לעבּן און צו ערציהען די קינדער...

— און וואָס נאָך פאַרלאַנגסטו, איך זאָל דיר געבּן?

— ד ו ווען מיר געבּן? איך פאַרלאַנג פון דיר ניט קיין מתּנות, נאָר גערעכטיגקייט.

— לאָמיר זיך פאַרלאָזן אויף דער „עפנטליכער מיינונג".

— די „עפנטליכע מיינונג" קויפט מען פאַר געלט, און די ליטעראַטור איז נאָר אַ מאַרק.

— אָט לאָמיר אונז, אדרבּה, דורכטענה'ן: קומט איר דען ניט אַרבּעטן בּיי אונז מיט אייער גוטן ווילן און ניט געצוואונגענערהייט פאַר דעם געצאָלט, וואָס מיר באַשטימען אייך? מ י ר קומען דאָך צו אייך ניט בּעטן זיך, נאָר א י ר קומט צו אונז מיט תּחנונים; און וויפל מאָל טרעפט אויך, אַז איר פאַרגיסט פאַר אונז טרערן בּיז מ'ר באַווילגן צו דערפילן אייער בּקשה...

— די נויט און דער הונגער, אָט זיי זיינען דאָס די פאַרמיטלער צווישן אונז; איר אַליין עסט אויף דאָס גאַנצע גוטס פון דער וועלט, און זיי שיקט איר צו אונז פאַר מעקלערס אַרויסצושטויסן אונז פון אונזערע הייזער מיט גוואַלד... די נאַטור האָט אין אונז אַרויסגערופן פיל בּאַדערפעניש, און כּל זמן מיר האָבּן אין זיך אַ נשמה, דאַרפן מיר זי אויפהאַלטן בּיי'ם לעבּן...

— אָבּער אַז איך וועל דיר אָוועקגעבּן מיינס און איך וועל ווערן ד ו ? ! —

— דו וועסט געבּן? אַ מתּנה? ווער פאַראַנגט דען פון ד י ר עפּיס? די נאַטור פאַרמאָגט אַ סך און קען געבּן יעדערן אַלע זיינע נאַטירליכע בּאַדערפע־

נישן, און פיל מענשן זיינען דאָ אויף צו באַארבעטן די ערד... אָבער אויף דער וועלט זיינען די אומנאַטירליכע באַדערפענישן מערער פון די נאַטירליכע, און אַ סך הענט זיינען פאַרנומען מיט די אומנאַטירליכע באַדערפענישן, און דעריבער פעלן הענט אויף אויסצואַרבעטן די נאַטירליכע באַדערפענישן, און צוליב דעם זיינען דאָס דאָ אויף דער וועלט אַזוי פיל אומגליקליכע... וואָס איז אָבער די פּעולה פון די רייד? דו פאַרשטייסט, אַפּנים, וואָס איך זאָג? הערסטו זיך גאָר איין? זיינענדיג פאַרזונקען אין דעם אָפּגרונד פון די ווילדסטע תאוות קענסטו דען זעהען די אמת'ע קלאָרע ליכט? קענסטו דען פאַרשטיין, אַז דאָס רוב מלאָכות, וואָס מענשן טוען אויף דער וועלט, איז אויסער וואָס זיי זיינען אַן איבעריגער לוקסוס, טויטן זיי נאָך אויך אָפּ ביים מענשן דעם גייסט מיט דעם געפיל... דו פוצט דיך, דו קליידסט דיך שיין, דו טראָגסט בגדים פון די טייערסטע מאַטעריעס, איך זעה אויף דיר אויך גאָלד און דימענטן — איצטער נעם און באַרעכן זיך וויפל אומזיסטע מלאכות זיינען דאָ אָפּגעטאָן געוואָרן דורך אַ סך אַרבעטער: דער פאַרבער — צו פאַרבן די מאַטעריע, דער וועבער — צו וועבן די פעדים ווי געהעריג, דער שניידער — צו נייען דעם בגד נאָך דער לעצטער מאָדע. אָט די אַלע מלאכות האָבן צו דער נאַטור פון בגד (אַלס צודעק און אַ באַשיצונג צום גוף) גאָרנישט צוגעגעבן, און דעריבער דאַרף דאָס באַטראַכט ווערן ווי אַ פולשטענדיגע מותרות. און דו האָסט אַוועקגערויבט אַרבעטנדע הענט פון די נאַטירליכע באַדערפענישן, און דורך דעם האָסטו שלעכץ געטאָן מענשן... און דאָס גאָלד? און די בריליאַנטן? וויפל מענשעסע ביינער זיינען שערבלאַך געוואָרן ביז זיי האָבן אַרויסגעבראַכט אָט די דאָזיגע אַלע טייערע זאַכן?!... אַז דו וואָלסט געהאַט אויגן צו זעהן, וואָלסטו דאַן פופציג מיני אַרבעטן פון הונדערט געפונען פאַר לגמרי ניט נויטיג, פערציג — וועלכע מ'דאַרף אפילו האָבן, אָבער אויך אין זיי איז דאָ אַן איבעריגער עלעמענט, און נאָר די איבעריגע צעהן זיינען אַזעלכע סאָרטן אַרבעטן, אָן וועלכע מ'קען ניט אויסקומען. פופציג האָט באַשאַפן די תאוה, פערציג — די נאַרישקייט, און צעהן — דער נוצן. דעריבער פעלן אויס אַ סך נוצליכע זאַכן, און דורך דעם וואַקסן אויס די אָרימקייט און נויט... וואָלט איר קלוג געוועזן, וואָלט איר דאַן געזאָרגט צו מאַכן אַן אָרדענונג אין דער אַרבעט; פריער פאַר אַלץ האָט איר געדאַרפט באַשטעלן אַרבעטער פאַר נוצליכע זאַכן, עס זאָל אין זיי ניט זיין קיין מאַנגל, און ערשט נאָכדעם ווען די נויטיגע באַדערפענישן וואָלטן געוועזן גענוג פאַר אַלעמען, וואָלט איר די איבעריגע אַרבעטער פאַרנוצט צו אַנדערע מלאכות, און אויך דעמאָלט דאַרפט איר זיין תמיד באַרעכנט, איר זאָלט ניט אַראָפּקריכן אָן אַ זייט פון דער נאַטור, און זעהן אַז אַלע זאָלן האָבן אין אַלץ אַ גלייכן טייל, עס זאָלן ניט זיין קיין הערן און קיין קנעכט, ניט קיין בייסער און ניט קיין געביסענע, נאָר אַלע גלייך, אַלע פריינד און ברידער אויף דער וועלט...

דער „עולם־הזה'ניק" האָט פאַרשטאָפּט די אויערן ניט וועלנדיג מער הערן די רייד פונ'ם „עולם־הבא'ניק", און איז גיך אַראָפּ פון באַרג...

— לויף, לויף—האָט נאָך אים נאָכגעשריען דער „עולם־הבא'ניק"—לויף אַראָפּ באַרג, אין דער טיפעניש, אין גרוב אַריין, איך וועל גיין פּאַוואָלע, איך וועל מיך מיה געבן אַרויפצוגיין אויפ'ן באַרג צום לעבן פון דער קומענדיגער וועלט...

אָט דאָס איז דער אינהאַלט פון דער סקיצע, וועלכע איז ווייניגער בילד פון דער ווירקליכקייט און מערער אַ שטיק פּרק פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע.

איך דאַרף דאָ נאָר באַמערקן, אַז צוקערמאַן האָט אויף דער סקיצע ניט אויסגעשטעלט זיין בפירושן נאָמען, נאָר דעם פסעוודאָנים „ע ז ר י ב ן י ו ס פ א ל".

געוויס האָט ער אין דעם געהאַט זיינע טעמים.

---

## V.

פאַרוואָס צוקערמאַן האָט ניט געאַרבעט אין ליבערמאַנס „האמת".—צוקערמאַנס קאָנפליקט מיט סמאָלענסקינען.—די ווירקינג פון ליבערמאַנס אַרעסט אויף צוקערמאַנען.—צוקערמאַן גייט אַריבער אין דער רוסישער אָפּטיילונג פון דרוק.—צוקערמאַן ווערט פּלוצלונג נעלם פון ווין.—ער אַרבעט אין אַ געהיימע דרוק פון די „נאַראָדאָוואָלצעס" אין פּעטערבורג.—וואָס אַ רוסישע „נאַראָדאָוואָלקע" דערציילט אין אירע זכרונות וועגן צוקערמאַנען.—צוקערמאַן ווערט פאַרמשכט אויף קאַטאָרגע—ער גייט אַראָפּ פון זין און דערטרינקט זיך.

אין מאַי 1877 האָט ליבערמאַן אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין ווין דעם העברעאישן סאָציאַליסטישן הדש־זשורנאַל „ה א מ ת". אַלע, וועלכע האָבן וועגן עס איז און וואו עס איז געשריבן וועגן „האמת", האָבן דערביי דערציילט, אַז צוקערמאַן איז געווען ליבערמאַנס הויפּט־מיטאַרבעטער. ווי מיר איז באַקאַנט, איז דאָס אָבער ניט ריכטיג. און די אַלע פיר נומערן „האמת", וואָס זיינען ערשינען, האָט צוקערמאַן קיין איין זעלבסטשטענדיגן אַרטיקל ניט געשריבן. דער גאַנצער מאַטעריאַל פון „האמת", אַ חוץ די שירים, איז געווען ליבערמאַנס אַליין. די סבה דערפון איז געווען אַ גרויסע מיינונגס־פאַרשיידנהייט בנוגע דאָס פּראָגראַם פון זשורנאַל. צוקערמאַן איז געווען לויט זיינע אָנשויאונגען אַ סך עקסטרעמער פון ליבערמאַנען, און ער האָט פאַרלאַנגט, אַז די דאָזיגע עקסטרעמיטעט זאָל זיך אָפּשפּיגלען אין „האמת", און ליבערמאַן האָט עס נאָך געהאַלטן פאַר פריצייטיג. דערפאַר אָבער האָט צוקערמאַן געהאָלפן ליבערמאַנען אַלס זעצער. דער גאַנצער זאַץ פון „האמת" איז געווען צוקערמאַנס אַרבעט.

אויפ׳ן פערטן נומער, בשעת דער „האמת״ איז פאַרבאָטן געוואָרן אין רוסלאַנד און האָט זיך צוליב דעם געמוזט פאַרמאַכן אינגאַנצן, האָט ליבערמאַן, ווי ס׳איז באַוואוסט, אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין סמאָלענסקינס העברעאישן וואָכנבלאַט „המביט. צוקערמאַן האָט אין „המביט״ ניט געשריבן, ווייל אין יענער צייט האָט ער אינגאַנצן איינגעריסן מיט סמאָלענסקינען, כאָטש ער האָט ניט אויפגעהערט צו אַרבעטן ביי אים אין דרוק. צוקערמאַן האָט אין יענער צייט אָרגאַניש ניט געקענט פאַרטראָגן קיין „בעל־הבית״, וואָס האַלט אַרבעטער, און אויף יעדן בעל־הבית האָט ער געקוקט ווי אויף אַן עקספּלואַטאַטאָר, און אַלס אַזעלכן האָט ער באַטראַכט אויך סמאָלענסקינען. ער האָט אויפגעהערט ניט בלויז צו באַזוכן סמאָלענסקינען, נאָר האָט אויך אויסגעווייכט אפילו צו ריידן מיט אים.

ליבערמאַנס אַרעסט אין פּעוורואַל 1878 האָט אויף צוקערמאַנען געמאַכט אַ גוואַלדיג שרעקליכן איינדרוק. אויסער, וואָס ער האָט זיך דורכ׳ן אַרעסט צושיידט מיט אַזאַ טרייען חבר, האָט ער נאָך מורא געהאַט, אַז ער זאָל אויך ניט כאַפּן ליבערמאַנס פּסק. יעדע נאַכט האָט ער זיך געריכט, אַז אָט קומט מען און מ׳אַרעסטירט אים אויך. אויף אַ געוויסע צייט האָט ער אויפגעהערט צו גיין אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קרייזל און איז נאָכאַנאַנד געזעסן אויף זיין קוואַרטיר. ער האָט זיך געוועסט אַרומגעטראָגן מיטן געדאַנק צו פאַרלאָזן ווין און אַריבערצוקלייבן זיך אין בערלין צו זיינע מאָהילעווער חברים, צו אַראָנסאָנען מיט גורעוויטשן, האָט ער אָבער מיט אַמאָל דערהערט, אַז זיי זיינען אויך אַרעסטירט.

אין יענער צייט האָט זיך אין סמאָלענסקינס דרוק געעפנט אַן אָפּטיילונג פאַר ר ו ס י ש. צוקערמאַן איז תיכּף אַריבער אין דער דאָזיגער אָפּטיילונג. ביי וויינע באַקאַנטע איז דאָס געווען אַ שטיקל חידוש, ווייל מ׳האָט געוואוסט, אַז וועגן פאָרן קיין רוסלאַנד קלערט ער גאָר ניט, און זאָגן האָט ער תמיד געזאָגט, דאָס סוף־כּל־סוף וועט ער לאָזן ווין און וועט זיך באַזעצן אין איינער פון די גרעסטע דייטשע שטעט, וואו ער וועט אַריינטרעטן אין אַ דייטשן דרוק.

אינמיטן ווינטער 1879 איז צוקערמאַן פּלוצלונג פאַרשוואונדן געוואָרן פון ווין, און קיינער האָט ניט געוואוסט וואו ער איז אַהין געקומען. אַנדערע האָבן געוואָלט גלויבן, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ סאָציאַליסטישן ענין און איז אַרעסטירט געוואָרן; מ׳האָט זיך אָבער גענומען נאָכפרעגן אין אַלע געהעריגע אינטאַנאַציעס, און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז קיינער האָט צוקערמאַנען ניט אַרעסטירט.

די זאַך איז ערשט אויפגעקלערט געוואָרן אין אַ יאָר אַנדערהאַלבן אַרום בשעת אין פּעטערבורג איז דורך סאָציאַליסטן־טעראָריסטן דערהרג׳ט געוואָרן דער רוסישער קיסר אַלעקסאַנדער דער צווייטער.

אין יענער צייט זיינען געמאַכט געוואָרן דורך דער געהיימער זשאַנ־דאַרמעריע אין פּעטערבורג גרויסע הויז־זוכונגען. ביי איינער פון די דאָזיגע הויז־זוכונגען האָט זיך די זשאַנדאַרמעריע אָנגעשטויסן אין דער סאַפּ־יאָרן־געסל אויף אַ געהיימען דרוק, אין וועלכן ס'האָט זיך געדרוקט דער אָרגאַן פון די „נאַראָדאָוואָלצעס" „זעמליאַ אי וואָליאַ" (ערד און פרייהייט). איינער פון די אַמאָליגע זעצער, וועלכע מ'האָט געכאַפּט בשעת דער הויז־זוכונג אין יענעם דרוק, איז געווען — צוקערמאַן.

איינע אַ רוסישע פרוי, אַ געוועזענע נאַראָדאָוואָלקע, סאָפיאַ איוואַנאָוואַ־באָריישאַ, וואָס האָט דאַן געאַרבעט צוזאַמען מיט צוקערמאַנען אין דעם דערמאָנטן דרוק און איז אינאיינעם מיט אים אַרעסטירט געוואָרן, האָט אין אַ צייט אַרום פאַרעפענטליכט אירע זכרונות וועגן דעם ערשטן דרוק פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ"*), און צווישן אַנדערן דערציילט זי בנוגע צוקערמאַנען די פאָלגענדע אינטערעסאַנטע פּרטים:

„צום סוף סעפּטעמבער, דאַכט זיך, איז געקומען צופאָרן אַ נייער זעצער — לייזער צוקערמאַן. ער איז געווען אַ מייסטער אין דרוק־זאַכן און באַלד אויפן אַנדער טאָג האָט ער זיך שוין געשטעלט ביים קאַסטן. אים איז אויסגע־קומען צו וואוינען אין דעם געהיימען דרוק אַלס אומלעגאַלער קוואַרטיראַנט, און זיצן שטענדיג אין דער היים. מיר האָבן אַפילו געקענט קריגן פאַר אים אַ פאַלשן פּאַס; מיר האָבן אָבער מורא געהאַט, אַז דאָס, וואָס עס געפינען זיך ביי אונז עטליכע יונגע לייט, קען פאַרדעכטיג ווערן ביים דוואָרניק.

דער סדר־היום אין דרוק איז פאָרגעקומען אויפן פאָלגנדן אופן: באַלד אינדערפריה האָט מען זיך גענומען פאַר דער אַרבעט; איינע פון די פרויען, אַ קורסיסטקע, איז ביז מיטאָג געווען באַשעפטיגט מיט דער וואַרשטאַט. די מאַנסביל זיינען געווען זעהר אַרבעטזאַם אין זייער פאַך, אָבער זעהר ניט געררן האָבן זיי זיך פאַרנומען מיט וועלכע ס'איז הויזליכע אַרבעטן. אַן אויסנאַם איז געווען נאָר צוקערמאַך, וואָס האָט זיך, זייענדיג אַ גוטהאַרציגער פון דער נאַ־טור, פון קיין אַרבעט ניט אָפּגעזאָגט און זעהענדיג, אַז די דאַמען האָט שוין די קיך דערעסן, איז ער געווען מוכן ומזומן צו נעמען אויף זיך אויף די ראָל פון אַ קוכער. מיר האָבן אָבער די דאָזיגע גוטהאַרציגקייט זיינע ניט אויסגענוצט אָדער, ריכטיגער געזאָגט, מיר זיינען צופיל ניט געווען איינגעטרויט אין זיין קאָכ־קונסט. אַזוי האָט מען געאַרבעט נאָכאַנאַנד ביז מיטאָג. נאָך מיטאָג האָט מען גערוהט. אין דער צייט פלעגט געוויינליך קומען ווער עס איז פון אונזערע געוויליכע באַזוכער און האָט אונז געבראַכט ידיעות וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אויף דער ווייסער וועלט. ס'זיינען אָבער געווען אויך אַזעלכע טעג, ווען קיינער האָט אונז ניט באַזוכט, און דאַן איז אונז נאָך דער אַרבעט זעהר לאַנגוויילינג און אומעטיג געווען. אַזוי זיינען ביי אונז אַוועק אַ טאָג פאַר אַ

---

*) „Былое" סעפּטעמבער־ביכל פון 1906

טאָג, מיר האָבן ניט געוואוסט פון יום־טובים, פון רוה, פון פאַרווייַלונגען. דערצו זיינען נאָך אונזערע חברים געווען כמעט אַלע מענשן תמיד שווייגעדיגע און אין זיך איינגעשלאָסענע.

„צום גליק האָט דער גורל צוגעשיקט אונזער שווייגעדיגער קאָמפּאַניע לייזער צוקערמאַנען, אָט דעם לעבעדיגן, באַרעדזאַמען און אומגעוויינליך גוט־האַרציגן מענשן. ער איז ניט געווען קיין פּלוידערזאַק, ער האָט זיך קיינעם ניט אָנגעשלאָגן מיט רייד; ער האָט אָבער ניט געקענט זיצן אין דער געזעל־שאַפט פון חברים און שווייגן. ווען אים פלעגט זיך ניט איינגעבן אַרויסצורופן ביי זיינע חברים קיין שמועסן, האָט ער זיי געצוואונגען צו זינגען בשעת דער אַרבעט, און ער האָט אָנגעהויבן דער ערשטער. קיינער פון אונז האָט צוקער־מאַנען פריהער ניט געקאָנט; נאָר מיט איינמאָל איז ער אַריין אין פריינדליכע באַציהונגען מיט אונז אַלעמען, און מ׳מוז מודה זיין, אַז זיין געגנוואַרט האָט באַלעבט אונזער גאַנצע געזעלשאַפט. ער איז געווען פיל עלטער פון אַלע זיינע חברים, ער האָט אָבער באַזעסן אַ קינדערשע ריינע נשמה און איז געווען אַזוי איינפאַך, אַז יעדערן האָט זיך געדוכט עפּעס ווי ער קען לייזערן פון לאַנג.

„צוקערמאַן איז געווען אַ ייד פון מעריב־קאַנט. זיין פאַמיליע איז געווען זעהר אַ פאַנאַטישע, און אין דער היים האָט זיך אים געלעבט אַזוי שלעכט, דאָס נאָך גאַנץ יונג איז ער אַנטלאָפן קיין אויסלאַנד, וואו ער האָט פאַרבראַכט אַ העלפט פון זיין לעבן. ניט האָבנדיג קיין מיטלען צום לעבן איז ער געוואָרן אַ זעצער, און האָט אָפּגעאַרבעט זיין גאַנצן לעבן דאָ אין דייטשע דרוקן און דאָ אין רוסישע—עמיגראַנטישע*).

„אים האָט אָבער געצויגן צוריקצוקערן זיך קיין רוסלאַנד, און בעת מ׳האָט אים פאָרגעלייגט צו פאָרן קיין פּעטערבורג און אַריינצוטרעטן דאָרטן אין אַ געהיימען דרוק, האָט ער אַ סך ניט געקלערט, און איז מרוצה געוואָרן. זיין געבראָכענע רוסישע שפּראַך און זיין אומבאַקאַנטשאַפט מיטן רוסישן לעבן, באַזונדערס אין פּעטערבורג, וועלכע ער האָט פריהער ניט געקאָנט, האָבן גורם געוועזן צו אַ סך קוריאָזן. אין די „דאָנערשטאָגס״, בעת מ׳האָט צוליב געוויסע קאָנ־ספּיראַטיווע סבות אין דרוק ניט געאַרבעט, פלעגט ער גיין באַזוכן זיינע ווייניגע באַקאַנטע פון אויסלאַנד; דערנאָך פלעגט ער זיך לאָזן גיין איבער׳ן שטאָט, אָדער ער פלעגט אַריינגיין אין דער עפנטליכער ביבליאָטעק. אַ היים פלעגט ער מיטברענגען אַ מאַסע ערציילונגען וועגן די מערקווירדיגע פּאַסירונ־גען, וועלכע האָבן אים פּאַסירט אַלס אויסלענדער, און אַ גאַנצן טאָג פלעגט ער אונז אַמוזירן מיט זיינע מעשיות.

---

*) די רוסישע פרוי, די שרייבערקע פון די דאָזיגע מעמואַרן, איז, קענטיג, ניט גע־ניג אָריענטירט געווען אין צוקערמאַנס ביאָגראַפיע

אין זיין רוה־צייט פלעגט ער פלייסיג לייענען צייטונגען און שטאַרק אינטערעסירן זיך מיט פּאָליטיק. דערנאָך פלעגט ער אויף דער טעמע אָנציהען אַלגעמיינע שמועסן, און פלעגט זיך משתדל זיין אַריינצושלעפּן אין זיי זיינע שווייגעדיגע חברים. יענע פלעגן אים גערן אין דעם אונטערהאַלטן, ווייל ס'איז זיי געווען זעהר אינטערעסאַנט צו זעהען ווי צוקערמאַן פלעגט זיך מיט התלהבות פונאַנדערלאָזן אין פאַנטאַזיעס מכח דער אויסלענדישער פּאָליטיק און אַרויסזאָגן פּאַראַדאָקסאַלע מיינונגען וועגן דעם קומעדיגן גורל פון די אייראָפּייאישע מלוכות.

מיט לייב און לעבן האָט זיך צוקערמאַן צוגעבונדן צו זיינע חברים אין דרוק, און צו יענע, וועלכע פלעגן אָפּט קומען באַזוכן אונז. זיין באַוואוסטזיין, אַז ער ברענגט נוצן דער זאַך, האָט אים זעהר באַפרידיגט, און ווי עס ווייזט אויס, איז ער געווען צופרידן מיט זיין נייעד לאַגע. זיין גוטסקייט און זיין רירנדיגע אויפמערקזאַמקייט צו אַלע אַרומיגע מענשן האָבן אים באַשאַפן אַסך פריינד אי דאָ אין דרוק, אי דערנאָך אין דער קאַריער קאַטאָרזשנער געפענ־געניש, וואָהין ער איז פאַרשיקט געוואָרן צוליב דעם דאָזיגן דרוק. נאַכדעם ווי מ'האָט לייזערן אַרעסטירט האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון וועלכע עס זאָלן ניט זיין דערקלערונגען נאָך דערפאַר, ווייל ער האָט מורא געהאַט, אַז דורך אַ וועלכן עס איז אומפאָרזיכטיגן וואָרט קען ער שאָדן ברייגגען זיינע חברים. די אָנקלאָגע געגן אים איז גאָר ניט געווען אויף אַזוי פיל גרויס, אַז ס'זאָל אים ניט האָבן געלוינט אָפּצוגעבן אַן ערקלערונג וועגן זיין ראָל אין דער רעוואָלוציאָנערער פאַרטיי".

* *

פאַר זיין אָנטייל אין דעם געהיימען רעוואָלוציאָנערן דרוק פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" איז צוקערמאַן פאַרמשפּט געוואָרן פאַרשיקט צו ווערן אויף פיר יאָר אין דער קאַריער קאַטאָרזשנער געפענגעניש, וועלכע איז געווען באַקאַנט פאַר איינע פון די שרעקליכסטע לויט איר גרויזאַמען רעזשים.

לויט די ווייניגע און קאַרגע ידיעות, וועלכע זיינען דערהאַלטן געוואָרן וועגן צוקערמאַנס לעבן אויף דער קאַריער קאַטאָרגע, ווייס מען נאָר, אַז ער האָט זעהר פיל געליטן באַזונדערס מאָראַליש. ביסלאַכווייס איז ער געוואָרן גייסטיג געדריקט און פעסימיסטיש געשטימט. זיין איינציגע טרייסט האָט ער געפונען אין תנכ"ל, וועלכן ער האָט ניט אַרויסגעלאָזן פון האַנט ווי טאָג און ווי נאַכט.

אין שטאַרקע זעלישע יסורים זיינען אים אַריבער די פּאָר יאָר פון זיין קאַטאָרגע. נאָכדעם האָט ער באַקומען די ערלויבניש צו באַזעצן זיך אַלס „פּאָסעלענעץ" אין יעניסייער געגנט. ער איז אָבער שוין דאַן געווען אינגאַנצן צובראָכן און געצרירט פון מח. אין וועג צו דעם אָרט, וועלכן די סיבירער

אדמיניסטראַציע האָט פאַר אים באַשטימט, האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין יעניסיי און האָט זיך דערטרונקען.

און עד היום איז פאַרבליבן אומבאַוואוסט, צי מ'האָט צוקערמאַנס קער־פּער ווען עס איז געפונען און צו איז ער געקומען צו קבר ישראל...

מ'וויס נאָר, אַז נאָך זיין טויט האט מען ביי אים געפונען אַ פּעקל שירים אין העברעאיש און יידיש, וואָס ער האָט געשריבן די לעצטע פּאָר יאָר אין דער קאַריער קאַטאָרגע, און אין וועלכע ער האָט באַקלאָגט די טראַגעדיע פון זיין יידישער נשמה...

# העסי העלפמאַן.

(געבאָרן—1852; געשטאָרבן—1882).

העסי (אָדער: העני) העלפמאַן איז געווען איינע פון די *ערשטע* יידישע קרבנות אויפן מזבח פון דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. נאָך זייענדיג גאַנץ יונג, כמעט אַ קינד, איז זי, אַדאַנק פאַרשיידענע השפעות, צוגעשטאַנען צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, און דורך איר איז זי ביסלעכווייז אריינגעצויגן געוואָרן אין דעם גרויסן מעכטיגן רעוואָלוציאָנערישן שטראָם, וואו זי איז פאַרבליבן ביז איר לעצטער טראַגישער מינוט. זי האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין דער באַוועגונג מיט איר גאַנצן יוגנטפייער, און איז פון דער ערשטער מינוט אָן געוואָרן איינע פון אירע אַקטיווסטע און איבערגעגעבנסטע טוערס. אירע רוסישע חברים און חברטעס, וואָס האָבן מיט איר געאַרבעט אויף *איין* געביט, האָבן זיך ניט געקאָנט אָפּוואונדערן, פון וואַנען האָט זיך דאָס גענומען ביי דעם שוואַכן קליינשטעטלדיגן יידישן מיידל אַזויפיל ענערגיע מיט אַזאַ פעסטן מוט און מיט אַ גייסט, וועלכער האָט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָפגעשראָקן, און איז תמיד געווען מוכן ומזומן צו אַלערליי געפאַרן און מסירות־נפשן, ווען ס'האָט זיך נאָר גערעדט וועגן אויפטאָן דאָס אָדער יענץ לטובת דעם אַלגעמיינעם אידעאַל?

און אין אמתן איז העסי העלפמאַן געווען זעהר אַן אינטערעסאַנטע און אָריגינעלע פערזענליכקייט.

---

### I.

מאָזיר אין 1852-טן יאָר.—העסי'ס עלטערן.—העסי'ס פריע גייסטיגע אַנטוויקלונג.—איר אומגעהייער גרויסער חשק צום לייענען.—איר ליבע צו פירן שמועסן און צו חקרה'נען זיך.—צו דרייצן יאָר קומט אין איר פאָר אַ גרויסע פאַרענדערונג.—זי ווערט שווייגעדיג און איינגעשלאָסן אין זיך.—די עלטערן האַלטן, אַז ס'איז אַ קאַפריז.—העסי הויבט אָן צו שרייבן אַ טאָג-ביכל.

העסי העלפמאַן איז געבאָרן געוואָרן אין יאָר 1852 אין *מאָזיר*, מינסקער גובערניע. אין יענער צייט איז נאָך דאָס ליטווישע יידנטום בכלל געווען אָפּגעשטאַנען און פאַרגליווערט אין אומוויסנקייט און פאַנאַטיזם, און באַזונדערס

אין אַזאַ שטאָט ווי מאָזיר, וואָס איז געווען אָפּגעריסן און דערווייטערט פון א וועלכן ס'איז צענטער, און נאָהענט צו אַזאַ פאַרגרעבטן קאַנט ווי פאָלעסיע. אין אָנהויב 50-ער יאָרן פון פאָריגן יאָרהונדערט האָט צווישן די מאָזירער יידן געהערשט ממש חשכת-מצרים, ווילדע פאַנאַטישקייט און אָבערגלויבעריי. די אָפּגעלעבטע טראַדיציע איז געווען א מושלת בכפה אין יידישן הויז, זי האָט אָנגעפירט מיט דער יידישער אַלטעגליכקייט און האָט געזאָגט איר גרויס וואָרט אין דער יידישער קינדער-ערציהונג.

העסיס פאָטער, ר' מאיר העלפמאַן, איז געווען א ייד אַן עושר, לויט די דאַמאָלסדיגע השגות. ער איז געווען אַ האָלץ-סוחר, און זיין ווייב האָט גע-האַלטן אַ מאַניפאַקטור-געשעפט. ביידע, אי דער פאָטער, אי די מוטער, זיינען אַלזוי געווען שטענדיג פאַרנומענע מענשן. ער פלעגט דאָס רוב פאַרברענגען אין וואַלד, און זי פלעגט גאַנצע טעג אָפּזיצן אין קראָם. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז העסי האָט זיך אויסגעהאָדעוועט אָן אַ שום השגחה מצד די עלטערן. קיין חסרון האָט מען אין דעם ניט געזעהן, ווייל די מיידלשע ערציהונג האָט אין יענער צייט ביי יידן בכלל ניט געשפילט קיין ראָלע.

פריי פון יעדער השגחה, האָט זיך העסי גאַנץ פריי אָנגעהויבן גייסטיג צו אַנטוויקלען. שוין אויפן פערטן יאָר האָט זיך ביי איר גענומען מערקן אַ גרויסע נייגעריגקייט אַלץ צו וויסן און אַלץ צו פאַרשטיין. זי פלעגט פשוט ניט לאָזן לעבן קיין אייגענע און קיין פרעמדע, מ'זאָל איר דערקלערן די זאַך אָדער יענע זאַך. און די תירוצים, וואָס מען פלעגט איר געבן, פלעגט זי ניט אָננעמען גלאַט אין דער וועלט אַריין. וועגן יעדער זאַך האָט זי אַליין נאָכ-געראַכט, ניט פאַרלאָזן זיך אויפן צווייטן, און אַלץ נאָכגעפּרובט מיטן אייגע-נעם שכל.

אויפן ניינטן יאָר האָט שוין העסי געלייענט פליסיג יידיש און פויליש אין אַלץ פון זיך אַליין, באַלד האָט איר אָנגענומען אַ שטאַרקער חשק צו לייענען ביכלאַך. די ערשטע צייט האָט זי געלייענט אַלץ, וואָס איר האָט זיך נאָר געמאַכט אונטער דער האַנט. אָנגעהויבן האָט זי פון דער מאַמעס ליטע-ראַטור, און אין משך פון אַ גאַנץ קורצער צייט איז זי באַהאַוועט געוואָרן אין „צאינה וראינה" און אין „קב הישר" און אין „מנורת-המאור". אפילו די תחינות פון שרה בת-טובים האָט זי ניט אויסגעלאָזן. כמעט אַ גאַנצע וואָך פלעגט זי זיך מיט דער מוטער ווייניג וואָס זעהן. דערפאַר אָבער פרייטאָג צו נאַכט און דעם גאַנצן שבתדיגן טאָג פלעגט זי די מוטער ממש פאַרמאַטערן מיט אירע קשיות וועגן די אַלע מעשיות, וואָס ווערן געבראַכט אין די הייליגע ספרים. גאַנץ אָפט פלעגט איר די מוטער ניט וויסן, וואָס צו ענטפערן, און פלעגט קומען אין גרויס פאַרלעגנהייט. גאַנץ אָפט פלעגט איר די מוטער ענטפערן דעם באַוואוסטן תירוץ: „דו ביסט נאָך דערצו צו קליין; אַז דו וועסט עלטער ווערן, וועסטו וויסן". העסי פלעגט זיך אָבער דורך אַזעלכע תירוצים

ניט לאָזן באַרוהיגן, און אַ טופּסטאָנדיג נערוועאיש מיטן פיסל פּלעגט זי אויס־שרייען: „און איך וויל דאָס ש ו י ן וויסן!"

אַמאָל האָט אַ פּאַקנטרעגער אַריינגעטראָגן צו אירע עלטערן אין שטוב אַ גאַנצן קאָשיק מיט יידישע מעשה־ביכלאַך. פאַר העסין איז דאָס געווען אַ גרויסער געווינס. זי איז תיכף מיטן פּאַקנטרעגער אַוועקגעלאָפן צו דער מאַמען אין קראָם, און די מאַמע האָט פאַר איר געטוזט קויפן אַ צענדליג מעשהלאַך, מיט וועלכע העסי איז געפלויגן אַהיים. די ביכעלאַך זיינען געווען אַלערליי סאָרטן בבא־מעשיות, און צווישן זיי אויך די באַשרייבונג פון אַ רייזע, וואָס אַ דייטשער פּרינץ האָט אַמאָל געמאַכט מיט ווייב און קינדער אין מרחקים. די דאָזיגע רייזע־באַשרייבונג האָט אויף העסין געמאַכט אַ גוואַלטיגן איינדרוק. זי האָט זיך אַרומגעזעהן, אַז אַחוץ איר געבורטס־שטעטל מאָזיר איז נאָך עפּעס דאָ אַ גרויסע וועלט מיט מענטשן, פון וועלכע זי האָט נאָך קיין ברעקל השגה ניט, און דאָס האָט איר געגומען שטאַרק באַנג טאָן. בכלל האָבן די מעשה־ביכלאַך געגעבן פיל שפּייז איר גריבלענדיגן מח און אויך איר דערהיצטער פאַנטאַזיע.

קיין חברטעס איר גלייכן האָט העסי ניט געהאַט; האָט זי זיך באַיין־ברירה פאַרשפּאַרט אין איר באַזונדער געדאַנקען־וועלטל. גאַנץ אָפט פּלעגט זי אַריינפאַלן אין אַן אומעט, עפּעס ווי אַ מין מרה־שחורה וואָלט זי באַוועלטיגט. אין איר גאַנצן וועזן איז פאָרגעקומען אַ גרויסע פאַרענדערונג. דיזעלביגע העסי, וואָס נאָך אָט דאָ ניט לאַנג פּלעגט זי ליב האָבן אַריינצולאָזן זיך מיט יעדערן אין אַ שמועס און מיט איטליכן זיך ויכוחענען און חקרענען אָן אַ שיעור, איז מיט אַמאָל, גאָר פון העלער הויט, ווי שטום געוואָרן. זי זוכט שוין גאָר קיינעם ניט מיט וועמען צו ריידן, און טאָמער רעדט ווער צו איר, ענטפערט זי אויף אַ צענטן וואָרט. אירע עלטערן האָבן קיין וועזן ניט געמאַכט דערפון: מאַלע וואָס אַ קינד קאַפּריזעט, — זי וועט עלטער ווערן, וועט דאָס איבערגיין.

ס'איז אַוועק אַ געוויסע צייט, און העסי האָט זיך גענומען פירן אַ טאָג־ביכל, אין וועלכן זי פלעגט זיך כמעט טעגליך דורכריידן מיט זיך אַליין און אויסגיסן אירע געדאַנקען. געשריבן האָט זי אים בעת קיינער האָט ניט געזעהן; עפּעס ווי זי האָט ניט געוואָלט, אַז אַ פרעמדן מענשנס אויג זאָל אים מיטן בליק פאַרשוועכן...

---

## II.

העסי פאָרט קײן בערדיטשעוו.—איר בערדיטשעווער פּטער.—בערדיטשעוו צו יענער צײט.—העסי נעמט זיך לערנען רוסיש.—זי דערזעט צום ערשטן מאָל דעם „קול מבשר“.—העסי'ס ערשטער אַרטיקל אין „קול מבשר“.—איר קאָרעס־פּאָנדענציע פון בערדיצעוו.

אַז העסי איז געוואָרן אַ מײדל אַ יאָר 15—16 האָבן איר די עלטערן אַמאָל געשיקט אויף אַ חתונה צו זײערן אַ קרוב קײן בערדיטשעוו. דער דאָ־זיגער קרוב איז געוועזן אײנער פון די שענסטע בערדיטשעווער בעלי־בתּים: אַ ייד אַ למדן און דערצו אַ געזעלשאַפטליכער טוער, אַ גבאי אין פאַרשײדענע צדקה־חברות און אַ מיטגליד פון דער תּלמוד־תּורה־פאַרוואַלטונג. ער האָט אפילו געפירט אַ שטרענג אָרטאָדאָקסישן שטאַט, ער איז אָבער געווען אַ מעורב עם הבריות, אויסגעמישט מיט לײטן, און האָט פאַרקערט מיט די פאַרשײדנסטע שיכטן פון דער באַפעלקערונג. צוליב קהלשע אינטערעסן פלעגן אים גאַנץ אָפט באַזוכן יונגע לײטלאַך פון די אַזױגערופענע „משכּילים“ און אַנדערע פערזאָנען, וועלכע געהערן ניט צום פרומען קלאַס. אין דעם קרובס שטוב האָט זיך געעפנט פאַר דער יונגער העסין ווי אַ נײע וועלט. באַלד נאָך די ערשטע פאָר טעג איז איר פריערדיגער אומעט פון איר אָפּגענומען געוואָרן ווי מיט די הענט.

דער קרוב האָט געפּועלט בײ אירע עלטערן, אַז זײ זאָלן איר ערלויבן פאַרבלײבן בײ אים אין בערדיטשעוו נאָך אַ געוויסע צײט. זי האָט זיך דער־פילט ווי אַ פויגל, וואָס מ'האָט אָקאָרשט אַרויסגעלאָזן פון שטײגל. זי האָט פאַרפירט באַקאַנטשאַפטן אין פאַרשײדענע בערדיטשעווער הײזער מיט יונגע פרײלינס אין אירע יאָרן, און דורך זײ אויך מיט יונגע לײט. אין יענער צײט האָבן שוין אין בערדיטשעוו אַרײנגעדרונגען די ערשטע שטראַלן פון דער וואָ־לינער „השכּלה“. בערדיטשעוו האָט שוין דאַמאָלסט געהאַט אַ קאַזיאָנע שול. דער יונגער עולם האָט זיך אַ וואָרף געטאָן מיט גרויס חשק אויף דער רוסי־שער שפּראַך. עלטערע האָבן אָנגעהויבן רײדן גוענן אַ קאָרשול... דורך פיל געבעט האָט זי פּועל געווען בײ דעם קרוב, אַז ניט אָנפרעגנדיג בײ אירע עלטערן, זאָל ער איר ערלויבן לערנען רוסיש. אַדאַנק אירע גלאַנצנדיגע פע־היגקײטן איז זי אין משך פון אַ פּאָר חדשים געוועזן ביכולת גוט צו פאַרשטײן אַ רוסיש ביכל. מיט אַ באַזונדער חשק האָט זי זיך דאַמאָלסט גענומען צו דער רוסישער ליטעראַטור, האָט געלײענט אַלץ, וואָס איר האָט זיך נאָר גע־מאַכט, ביז איר איז אײנמאָל אַרײנגעפאַלן אין האַנט אַ באַנד ביעלינסקי. דער דאָזיגער ספר האָט אין איר אויפגעוועקט מחשבות שוין גאָר פון אַן אַנדער מין...

אײנמאָל האָט העסי דערזעהן בײ אַ באַקאַנטע אַ נומער פון דעם יידישן

וואָכנבלאַט „קול מבשר", וואָס איז אין יענער צייט אַרויס אין אָדעס אונטער דער רעדאַקציע פון צעדערבוימען. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין איר לעבן, וואָס העסי האָט דערזעהן אַ צייטונג. זי האָט זיך מיטן „קול מבשר" זעהר פאַראינטערעסירט און איז פון דעמאָלט אָן געוואָרן זיינע אַ שטענדיגע לעזערין. אַמאָל איז איר אַרויף אויפן געדאַנק צו ווערן אַ קאָרעספאָנדענטין פון „קול מבשר". אַ היבשע צייט האָט זי געזוכט אַ טעמע וועגן וואָס צו שרייבן און האָט ניט געפונען. זי האָט געוועסט געוואָלט קריטיקירן די אָפּגעלאָזענע ערציהונג פון די בערדיטשעווער יידישע מיידלאַך. זי האָט אָבער מורא געהאַט פאַר איר פרומען קרוב, און נאָכמער האָט זי דערפון אָפּגעהאַלטן דער געדאַנק, טאָמער פאַלט דאָס בלאַט אַריין צו אירע עלטערן אין מאָזיר (אַז מ'קען אויף דער קאָרעספאָנדענציע ניט אונטערשרייבן דעם אמתן נאָמען, — דאָס האָט זי דאַמאָלסט נאָך ניט געוואוסט). האָט זיך געמאַכט אַ מעשה, און זי האָט באַקומען אַ טעמע גאָר אומגעריכטערהייט. אין אַ נומער „קול מבשר" האָט צעדערבוים אָפּגעדרוקט זיינעם אַן אייגענעם לייט-אַרטיקל, אין וועלכן ער רעדט אַרום באריכות, ווי ביי יידן זיינען פאַרשפרייט אַלערליי אַבערגלויבערייען, און ווי ביי יידן האָט מען מורא פאַר שדים און פאַר טייוואָלים. געענדיגט האָט צעדערבוים זיין אַרטיקל מיט דעם, אַז נאָר דורך בילדונג וועט מעגליך זיין אויסצוראַמען פון יידישן פאָלק די אַלע מיני הבלים און שטותים, וועלכע נעמען זיך פון דער פינסטערניש. דאָס האָט העסין דערמאָנט די רייזע-באַשרייבונג פון דייטשן פרינץ, וואָס זי האָט אַמאָל געלייענט אין איינעם פון די מעשה-ביכלאַך. אין יענער באַשרייבונג איז געווען דערציילט, ווי דער פרינץ האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער רייזע איבערנעכטיגן ערגעץ-וואו אין אַ דאָרף אין אַן איינזאַמען פאַלאַץ, און ווי די פויערים האָבן אים געוועסט דערפון אָפּגעהאַלטן, זאָגנדיג, אַז אין פאַלאַץ זיינען דאָ שדים, און וועלכער מענש ס'גייט אַהין אַריין ביינאַכט, געפינט מען אים אויף מאָרגן אַ טויטן. דער פרינץ, וועלכער האָט געוואָלט אויפווייזן די פויערים, אַז עס זיינען אויף דער וועלט קיין שדים נאָך ניטאָ במציאות, האָט דוקא איבערגענעכטיגט אין פאַלאַץ, און איז פון דאָרטן אַרויס אויף מאָרגן אַ פרישער-אַ געזונטער. אויף די פויערים האָט דאָס געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק און פון דעמאָלט אָן האָבן זיי אויפגעהערט צו גלויבן אין שדים. שטיצנדיג זיך אויף דעם דאָזיגן ספור-המעשה, האָט זי אָנגעשריבן אַ גרויסן אַרטיקל, וואו זי האָט אויפגעוויזן, אויף וויפל צעדערבוימס מיינונגען זיינען ריכטיג. זי איז אָבער געווען אַזוי ווייט נאַאיוו צו גלויבן, אַז אין אַ צייטונג האָבן רעכט צו שרייבן נאָר עלטערע מענשן, און באַזונדערס די, וואָס די וועלט קען זיי, אָבער ניט אַזאַ יונג מיידל, ווי זי איז. זי האָט זיך מישב געווען וועגן דעם מיט אירער אַ חברטע, און יענע האָט איר געגעבן אַן עצה, זי זאָל אין אַ באַזונדער פריוואַטן בריוו שרייבן וועגן זיך דעם רעדאַקטאָר פון „קול מבשר", אַז זי איז אַ דאַמע און אַ באַאיצאַרטע... העסי האָט אַזוי געטאָן, און אין אַ טאָג צעהן אַרום האָט

זי דערזעהן איר אַרטיקל אָפּגעדרוקט וואָרט ביי וואָרט אין „קול מבשר“.

העסי איז ביי זיך געווען ווי אויפן זיבעטן הימל. פון דאַמאָלסט אָן האָט זי אָנגעהויבן עפּטערס צו פּרובן די פּען אויף אַרטיקלען פאַרן „קול מבשר“. די אַרטיקלען האָבן שוין אָבער קיין ערפאָלג ניט געהאַט, און זיינען געבליבן אין קאָרב פון רעדאַקציע. נאָר נאָך איין קליינע זאַך אירע האָט זיך אין אַ צייט אַרום אָפּגעדרוקט אין „קול מבשר“. דאָס איז געווען אַ קאָרעספּאָנדענץ פון בערדיטשעוו וועגן עפּעס אַ צדקה־חברה. אין דער דאָזיגער קאָרעספּאָנדענץ האָט זי דערמאָנט צו גוטן עטליכע פון די אָרטיגע כלל־טוער, און צווישן זיי אויך שלום־יעקב אבראַמאָוויטש (מענדעלי מוכר־ספרים), וועלכער האָט נאָך דאַן געוואוינט אין בערדיטשעוו, און מיט וועלכן זי איז, ווי עס ווייזט־אויס, שוין דאַמאָלסט געווען באַקאַנט.

---

## III.

די עלטערן פאָדערן, אַז העסי זאָל קומען אַ היים — זי לאָזט זיך בעטן, און קומט צום סוף צוריק קיין מאָזיר. — די מוטער זאָגט איר אָן די בשורה, אַז זי איז געוואָרן אַ כלה. — דער איינדרוק פון דער דאָזיגער בשורה אויף העסי׳ן. — איר געשפּרעך מיט׳ן פאָטער. — העסי ווערט פאַסיוו. — די הכנות צו דער חתונה. — איר שלח־מנות פון חתן. — ס׳איז שוין אַכט טאָג צו דער חתונה. — העסי אַנטלויפט קיין קיעוו.

אין דעם משך צייט, וואָס העסי האָט פאַרבראַכט ביי איר קרוב אין בערדיטשעוו, האָבן איר אירע עלטערן וויפיל מאָל גערופן צוריקצוקומען אַהיים קיין מאָזיר. העסי האָט זיך אָבער פאַר דער צייט אַזוי איינגעלעבט מיט בערדיטשעוו און מיט אירע באַקאַנטע און מיטן „קול מבשר“ און מיט אירע ביכער (זי האָט שוין באַוויזן איבערצולייענען די ווערק פון ביעלינסקען און פון דאָבּראָליובאָוון און פון פּיסאַרעוון, און אויך טשערנישעווסקיס „Что дѣлать?“, וועלכן זי האָט באַקומען בגנבה ביי אירער אַ חברטעס אַ ברודער), אַז זי האָט קנאַפּ וואָס חשק געהאַט צו פאָרן אַהיים. אַ געוויסע צייט האָט זיך איר איינגעגעבן אויסצודריידן זיך מיט פאַרשיידענע תירוצים פון די עלטערן. ס׳זיינען אָבער אַריבער נאָך אַ פּאָר חדשים, און די פאָדערונגען פון אירע עלטערן, אַז זי זאָל זעהן וואָס צום גיכסטן קומען אַהיים, האָבן אָנגעהויבן ווערן אַלץ דרינגענדיגער, באופן, אַז צום סוף האָט שוין העסי קעגן דעם גאָרנישט געקענט מאַכן, און זי האָט זיך געמוזט אונטערגעבן. מיט אַ צווייטאָגטן און צובראָכענעם האַרצן האָט זי זיך געשיידט פון בערדיטשעוו און איז געקומען קיין מאָזיר.

דעם ערשטן טאָג נאָך איר קומען, דאָס איז געווען שפּעט ביי נאַכט,

בעת העסי איז שוין געלעגן אין בעט, איז צו איר אַריין די מוטער, האָט זיך לעבן איר אַװעקגעשטעלט און געזאָגט:

— כ'האָב פאַר דיר, מיין קינד אַ גוטע בשורה. דו ביסט זיך געזעסן אין דער פרעמד און האָסט װעגן טאַטע-מאַמען ניט געקלערט, אונז אָבער ביסטו גוט געלעגן אין זינען, און מיר האָבן דיך, גאָט צו דאַנקען, פאַרזאָרגט.

— מיך פאַרזאָרגט? — האָט העסי געפרעגט גאַנץ ערשטוינט — מיט װאָס?

— מיט אַ חתן, מיין קינד; דו ביסט מיט מזל אַ כלה געװאָרן...

— אַ כלה? אונטער די אויגן? מיט װעמען?...

דאָ האָט איר די מוטער גענומען דערציילן גאַנצע גליקן: װי דער טאַטע האָט זיך אויפגעטראָפן אויף אַ יריד מיט נאָך איינעם אַ האָלץ-סוחר פון ערגעץ-װאו אַ קליין שטעטל הינטער באַברויסק, װעלכער האָט אַן איינציגן זון, װאָס זיצט יום ולילה און לערנט און שמ'ט אין גאַנצן קאַנט פאַר אַן עילוי, און זיי האָבן זיך ביידע צונויפגערעדט משדך צו זיין זיך איינער מיט דעם אַנדערן, און תיכף דאָרטן אויפן אָרט אַ תקיעת כף געמאַכט. בקיצור: אַזאַ גליק אויף אַלע יידישע טעכטער געזאָגט געװאָרן.

װי אַ דונער האָט די ידיעה העסין געטראָפן. די ערשטע עטליכע מינוט האָט איר אַזוי פאַרקלעמט אין האַרצן, אַז זי איז ניט געװען ביכולת אויסצוריידן אַ װאָרט. צום סוף האָט זי זיך פונאַנדערגעכליפּעט אויפן קול װי אַ קליין קינד.

די מוטער האָט זי גענומען טרייסטן: סטייטש, אַזאַ קלוג מיידל, װי קומט דאָס צו איר אַזאַ נאַרישקייט? אַלע מאָזירער מיידלאַך זיינען דאָך איר מקנא...

העסי האָט זיך געפּרובט אָפּשלאָגן דער מוטער. זי האָט אָנגעהויבן צו-טענהן, אַז, ערשטנס, איז זי נאָך צו יונג חתונה צו האָבן; צװייטנס, האָט מען קיין חתונה ניט מיט אַ מענטשן, װאָס מ'קען אים ניט און מען האָט אים קיין-מאָל אין די אויגן ניט אָנגעזעהן.

די מוטער האָט אָבער װייניג װאָס פאַרשטאַנען, האָט איר געלאָזן צו רוה און איז אַװעק, זאָגנדיג, אַז דער טאַטע, װעלכער דאַרף די טעג קומען פון װאַלד, װעט איר די זאַך בעסער געבן פאַרשטיין, און געגן אים װעט זי, העסי, געװיס ניט האָבן װאָס צו ריידן.

העסי האָט שוין יענע נאַכט מיט אַן אויג ניט צוגעטאָן. װי פאַרמאַטערט זי איז געװען פון װעג, האָט איר פונדעסטװעגן קיין שלאָף ניט גענומען. זי איז געלעגן און געװיינט. זי האָט גוט געקענט איר טאַטן, װאָס פאַר אַ גרויסער עקשן ער איז, זי האָט געװאוסט, אַז אויף דעמזעלביגן משונה-װילדן שטייגער האָט ער אויסגעגעבן אירע עלטערע שװעסטער און ברידער.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, אַז דער פאָטער איז געקומען פון װאַלד, און די מוטער האָט אים איבערגעגעבן איר געשפּרעך מיט דער טאָכטער װעגן שידוך, האָט ער גלייך אַריינגערופן העסין צו זיך, שטאַרק אויף איר אָנגעבייזערט זיך, פאַרװאָס זי לאָזט זיך בעטן, און האָט פאַרענדיגט זיין געשפּרעך:

-- צי דו ווילסט, צי ניט, דיר וועט קיין זאַך ניט העלפֿן. די זאַך איז שוין אַן אָפּגעמאַכטע. אין אַ חודש אַרום וועט זיין חתונה.

דעם מאָל האָט שוין העסי קיין וואָרט ניט גערעדט. זי האָט געזעהן, ווי מ'הייבט אָן מאַכן הכנות צו דער חתונה, און האָט קיין קרומע מינע ניט גע־מאַכט. פורים צו דער סעודה האָט זי באַקומען צוגעשיקט פון דעם חתנס עלטערן אַ שיינעם שלח־מנות: אַ נאָלדענעם זייגערל מיט אַ דימענטענע פאַר אוירינגלאַך, דער טאַטע מיט דער מאַמען האָבן דערפון שטאַרק הנאה געהאַט, און העסי האָט זיך אויך כלומרשט געפרייט, און האָט זיך ניט אויפגעהערט צו צאַצקען מיט די צירונג. די עלטערן און אַלע שטוביגע האָבן גערעכנט, אַז זי איז שטאַרק צופרידן מיט איר גליק...

ס'איז געקומען אַן אַכטאָג פאַר דער חתונה. אין שטוב האָבן זיך שוין פאַרענדיגט די לעצטע הכנות. העסיס אויסשטייער מיט איר גאַנצער גאַרדעראָבע איז געלעגן אַ פאַרטיגע אין קליידער־אַלמער. מ'האָט שוין אָנגעהויבן פונאַנ־דערצושיקן אין שטאָט איינלאַדונגען צו קרובים און גוטע פריינד צו קומען אין דעם און אין דעם טאָג אויף דער חתונה...

העסי איז אָבער פאַר די לעצטע אַכטאָג ניט געזעסן ליידיג. זי האָט זיך צונויפגערעדט מיט זייערע אַ שכנה, אַ יונגע קריסטין, פאַר וועלכע זי האָט אויסגעזאָגט איר ביטער האַרץ, און יענע, מיטפילנדיג דער אומגליקליכער ייִדי־שער טאָכטער, האט איר געהאָלפן אויספירן איר שוין פון לאַנג אָנגענומענעם באַשלוס צו אַנטלויפן.

אין דער לעצטער נאַכט פאַר דער חתונה, בשעת אַלע האָבן שוין גע־שלאָפן, האָט העסי צונויפגענומען איר גאַנצע גאַרדעראָבע מיט די צירונג און איז מיט פאָסט־פערד אַנטלאָפן קיין ק י ע ו, וואו ס'הייבט זיך אָן אַ נייע תקופה אין איר לעבן.

---

## .IV

העסי זוכט פאַר זיך אַ תכלית.—זי קומט אָן אויף אַקושאָרן־קורסן.—איר באַ־קאַנטשאַפט מיט די ייִדישע סאָציאַליסטישע סטודענטן.—איר בן־עיר נ ת ן ג אָ ל ו ב אָ ו ו.—גאָלובאָוו לערנט מיט העסי'ן העברעאיש.—העסי'ס אַ בריוו צו ראַדקינסאָנען דעם רעדאַקטאָר פון „הקול".—העסי'ס קאָרעספאָנדענציע אין ראַדקינסאָנס ייִדישן וואָכנבלאַט „קול לעם".—אין איר לעבן קומט פאָר אַ קרי־זיס.—זי ווערט אַ סאָציאַליסטישע אַגיטאַטאָרקע צווישן די אַרבעטער.—זי ווערט אַרעסטירט צוזאַמען מיט גאָלובאָוון.—„דער פראָצעס פון די 50".—העסי ווערט באַפרייט.—זי וואוינט אונטער דער השגחה פון פאָליציי אין סטאַראַיאַ רוס.—העסי אַנטלויפט פון סטאַראַיאַ רוס.

אַז העסי איז געקומען אין קיעוו, האָט זי זיך גענומען אַרומקוקן נאָך אַ תכלית. זי האָט איינגעפונען, אַז יעדער מענטש, וועמער ס'זאָל גיט זיין, דאַרף

זיך אויסלערנען אַ וועלכע ס'איז אומנות, וואָס זאָל אים קאָנען מפרנס זיין. גראָד איז די טאָכטער פון דער בעל־הבית'טע, ביי וועלכער זי האָט געוואוינט, געווען אַ שילערין פון אַקושאָרן־קורסן, און דאָס האָט געווירקט אויף העסין, אַז די זאָל אויך אָנקומען אויף די דאָזיגע קורסן. אַלס קורסיסטין, איז זי באַקאַנט געוואָרן מיט איניגע סטודענטן פון קיעווער אוניווערסיטעט, וועלכע האָבן זי צוגעצויגן צו זייערע גרופעס פאַר זעלבסט־אַנטוויקלונג און פרייע דיסקוסיעס.

אין יענער צייט — אין די ערשטע זיבעציגער יאָרן פונם פאָריגן יאָר־הונדערטס — איז דער קיעווער אוניווערסיטעט געווען אַ נעסט פאַרן פרייהייטליכן געדאַנק בכלל און פאַרן סאָציאַליזם בפרט. דער גרעסטער טייל סטודענטן איז געווען סאָציאַליסטיש געשטימט. די יידישע סאָציאַליסטישע סטודענטן האָבן זיך דאַמאָלסט געהאַט זייער באַזונדער צענטער אין הויז פון דעם באַקאַנטן העברעאישן דיכטער ד״ר יצחק קאַמינער (דער שווער פון דעם באַוואוסטן סאָציאַליסטישן טוער אַקסעלראָד). דאָרטן פלעגן זיי אָפּהאַלטן זייערע געהיימע זיצונגען.

איינער אַ שטענדיגער באַזוכער פון די סאָציאַליסטישע אָוונטן אין הויז פון ד״ר קאַמינער איז געווען אַ סטודענט פון צווייטן קורס מיטן נאָמען נתן גאָלובאָוו. גאָלובאָוו, וועלכער האָט געשטאַמט פון מאָזיר, האָט קינדוויז געשמט פאַר אַן עילוי און האָט זיך אויסגעוואַלגערט אין אַלע ישיבות פון מינסקער גובערניע. אונטער דעם איינפלוס פון די העברעאישע מליצה־ביכלאַך האָט ער זיך גענומען דערנאָך צו „השכלה״, אַוועקגעוואָרפן לערנען און איז געוואָרן אַ עקסטערן; אין אַ פאָר יאָר אַרום האָט ער זיך עקזאַמענירט און איז באַלד אַריין אין קיעווער אוניווערסיטעט. דאָרט האָט ער געטראָפן דעם באַ־קאַנטן קריטיקער און פאָפולאַריזאַטאָר פון פיסאַרעווס אידייען איו דער העב־רעאישער ליטעראַטור, אורי קאָוונער. קאָוונער האָט דאַן אָקאָרשט־וואָס פאַרעפנטליכט אין „המליץ״ זעהר אַ שאַרפע קריטיק אויף שלום יעקב אַבראַמאָ־וויטשעס העברעאישער איבערזעצונג פון לענצס געשיכטע פון נאַטורוויסנשאַפט. די דאָזיגע קריטיק האָט אַרויסגערופן אין „המליץ״ קעגן־תשובות פון אַבראַמאָ־וויטשן אַליין און פון אַנדערע שרייבער, וואָס האָבן זיך אָנגענומען זיין קריוודע. קאָוונער האָט געווירקט אויף גאָלובאָוון, אַז ער זאָל זיך אויך אַרויסזאָגן עפענטליך קעגן אַבראַמאָוויטשעס איבערזעצונג. גאָלובאָוו האָט דאָס געטאָן, און אויף אַזאַ אופן איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער העברעאישער פובלי־ציסטיק, מיט וועלכער ער האָט זיך באַנוצט צו פאַרשפרייטן צווישן דעם יידישן פובליקום די אידייען פון דער השכלה און, באַזונדערס, צו פאַרטיידיגן די רוסיפיקאַטאָרישע שטרעמונגען. מיטן סאָציאַליזם האָט נאָך גאָלובאָוו דאַמאָלסט גאַנץ ווייניג געהאַט צו טאָן, און דעריבער האָט ער ביי זיינע חברים, די סטודענטן, געהאַט די ערשטע צייט אַ שם פון אַרעכטן... זייענדיג העסיס אַ בן־עיר, איז ער געוואָרן ביי איר אַ שטענדיגער אַריינגייער. זיין השפּעה האָט געבראַכט צו דעם, אַז כאָטש העסי איז שוין דאַמאָלסט געווען באַהאַוונט

אין די ווערק פון קאַרל מאַרקס און לאַסאַל, איז זי נאָך פונדעסטוועגן אַלץ ניט צוגעשטאַנען צו דער סאָציאַליסטישער שטודירנדיגער יוגנט און איז גע־בליבן שטיין פון ווייטן. אין יענער צייט האָט זי זיך אָפּגעגעבן נאָר מיט ספּעציעל יידישע אָנגעלעגנהייטן. ס'איז אַ סברה, אַז גאָלובאָוו האָט געלערנט מיט העסין העברעאיש, און זי האָט ביי אים געהאַט אַ שטאַרקע פּעולה. דער שרייבער פון די דאָזיגע צייל[ן] האָט אַמאָל אַליין געהערט פון גאָלובאָוון, אַז ער איז „העסי העלפמאַנס אַ רבי געוועזן". אַ ראיה דערצו, אַז אין די מיטעלע 70־ער יאָרן האָט זיך נאָך העסי אָפּגעגעבן מיט ספּעציעל יידישע אָנגעלעגנהייטן און אַז זי האָט דאַמאָלסט גאַנץ גוט געקענט תנ"ך און העברעאיש, איז דער פאָלגנדער פאַקט:

מ. ל. ראַדקינסאָן, וועלכער האָט אין די מיטעלע 70־ער יאָרן אַרויסגעגעבן אין קעניגסבערג דעם העברעאישן „הקול" און דעם יידישן וואָכנ־בלאַט „קול לעם", האָט מודיע געווען זיינע לעזער, אַז לויט דעם אָפּמאַך, וואָס ער האָט געשלאָסן מיט שלום־יעקב אַבראַמאָוויטשן; ווערט דער לעצטער זיינער אַ שותף אין „קול לעם", און אַז פון דעם קומענדיגן נומער אָן וועט שוין די צייטונג רעדאַקטירט ווערן פון מענדעלי מו"ס*).

העסי, וועלכע האָט זיך, קענטיג, שטאַרק אינטערעסירט מיט דער יידי־שער פּרעסע, האָט באַגעגנט די ביים, וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרן אין „קול־לעם", מיט גרויס התפעלות. אירע עכסט באַגייסטערטע געפילן האָט זי אויס־געדריקט אין אַ קליינער קאָרעספּאָנדענץ אין „קול־לעם". די דערמאָנטע קאָרעספּאָנדענץ איז זעהר כאַראַקטעריסטיש, און דעריבער גיב איך זי דאָ אי־בער ווערטליך (און אויך מיט איר אָרטאָגראַפיע).

די קאָרעספּאָנדענץ האָט פאַר אַ מאָטאָ דעם פאָלגענדיגן איבערגעזעצטן פסוק פון ישעיה:

„דאַן עפּפענען זיך דיא אויגען דער בלינדען, און די אָהרען דער טוי־בען ערשליססען זיך".

נאָכדעם קומט דער עצם־בריוו:

„געשעצטער רעדאַקטאָר הערר ראַדקינסאָהן!

נאָך דעם אַז איהר מיט אונזער גוטען בעקאַנטען לשון קודש מחבר און פראָסט יודעשען שרייבער, דעם וועלט בעריהמטען ה' אַבראַמאָוויץ, זענט נאָך דעם ערשטען בעזוך נור וואָס אַ וועק געגאַנגען, איז מיר באַלד אויף דיא גידאַנקען גיקומען דיא 5 ציילע פון דעם קאַפּיטיל 35 מספר ישעיה (אז תפקחנה) און אַן שטאָטט עורים (עבריים). דיא ווערטער האָב איך מיר גיטראַכט האָט אויך גאָט ב"ה אויף אַייערע גידאַנקען פון דעם הימעל געשיקט, נעמליך צו פעראייניגען זיך מיט דעם הערר אַבראַמאָוויץ מיט אים צוזאַממען די 2 זייער ניטצליכע אונענטבערליכע יודעשע בלעטער „קול לעם" און „קול" צו

*) פון דעם דאָזיגן אָפּמאַך האָט זיך גאָרנישט ניט אויסגעלאָזן.

בעאַרבייטען; ווער נאָך עמיצער אונטער אונז יודען בײַ יעצטיגער צייט, חוץ אים, איז אין שטאַנד אַזוי פיהל נוצליכע ערקלערונגען און גוטע ריכטיגע לעהרע, אויס צו בעססערין — פיהל נאַרישע אַבערגלויבערייא (ניט קיין דינים חלילה) ווי למשל צום וועלטליכען לעבען, קינדער ערציאונג אד״ג, וועלכע עקשעסטירען נאָך גאַנץ גינוג אונטער אונזערע אונגעוויסענדע שוועסטער אונד ברידער וואָס מוזין, אונד ווי מיר שייענט ווינשען טאַקע שוין אַליין זיך אויס צו בעססערין, נור זיי ווייסין ניט דעם וועג, זענין נעביך בלינד און בענייטיגען זיך אין ערליכע ערנסטע גוטע לעהרער, פאָלקס פריינדע. בייא דיזען פאַלל אַז איהר מיט אַבראַמאָוויץ וועט ערענסט ענערגיש אַרבייטען לטובת הכלל, וועלין זיך באמת עפענען די אויגען דער בלינדען, און שטאַט קופער וועט איר בריינגען גאָלד, אונד שטאַט דעם אייזענס קופער, שטאַט דעם האָלצעס קופער, אונד שטאַט דער שטיינע אייזען. אַלזאָ בין מיינער זייטטע דאַפאַן זייער צו פרידען, און האָף אַז ניט נור איך בין די איינציגע, זאָנדערין אַללע יודעשע פריינדע וועללען פאַן דער בשורה זייער צוא פרידען בלייבען, ווייל אַזעלכע בלעטער קענען זייער פיהל נוצען בריינגען לאחב״י, וועלכע קענען נאָך דורך קיין אַנדערע שפראַכע גאָר ניט גיאיידילט און געהאָלפען ווערין.

העני העלפמאַן״.

ווי געזאָגט, איז דאָס דאָזיג בריוול זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר העסיס דאַמאָלסטיגער שטימונג.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט נאָך העסי אָפּגעדרוקט אין דעמזעלביגן „קול לעם״ אַ צווייטע קאָרעספּאָנדענץ, אין וועלכער עס הערן זיך שוין נייע קלאַנגען. זי מוסרט די קיעווער כלל־טוער, פאַרוואָס זיי זיינען זיך ניט משתדל אַוועקצושטעלן ווי געהעריג איז די ערציהונגס־אַנשטאַלטן, ווי די תלמוד־תורה און אַנדערע בילדונגס־אינסטיטוציעס, באַזונדערס פאַרן המון־עם, פאַרוואָס זיי זיינען אַריינגעטאָן אין זייערע געלט־זעק און הייבן ניט אָן צו זאָרגן צו פאַר־בעסערן די לאַגע פון דער אָרימער און נויטבאַדערפטיגער יידישער מאַסע, און אַזוי ווייטער.

ס׳איז אַוועק נאָך אַ געוויסע צייט, און ניט קיין לאַנגע, און אין העסיס גייסטיגן לעבן איז פאָרגעקומען אַ קריזיס, וועלכער האָט געהאַט אַ ווירקונג אויף איר גאַנצן ווייטערדיגן לעבן. דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון דער איבערקערעניש, וועלכע איז פאָרגעקומען פריער ביי איר „רבי׳ן״, ביי גאָלו־באָוון, וואָס האָט זיך אַ שטאַרקן בראָך געטאָן פון רעכטס אויף לינקס. גאָלו־באָוו איז אַריבער צום עקסט ראַדיקאַלן פליגל פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, און האָט נאָך זיך נאָכגעשלעפּט אויך העסין...

די קיעווער ראַדיקאַלע סאַציאַליסטן האָבן זיך ניט באַנוגנט מיט טע־אָריעס. זיי האָבן געפירט אַ גרויסע און אינטענסיווע אַגיטאַטאָרישע אַרבעט

אין גאַנץ דרום-רוסלאַנד. אונטער זייער איינפלוס האָבן זיך אויף פיל פאַבריקן געגרינדעט געהיימע גרופּעס פון סאָציאַליסטישע אַרבעטער. די געהיימע אַגענטן האָבן די זאַך אויסגעשפּירט, און אַ סך פון די אַגיטאַטאָרן זיינען אַרעסטירט געוואָרן, צווישן די אַרעסטירטע זיינען געווען אויך גאָלובאָוו און העסי...*).

דער משפט פון די דאָזיגע אַרעסטירטע, אָדער, ווי ער האָט דאַן גע-הייסן, „דער פּראָצעס פון די 50״ איז פאָרגעקומען אין די לעצטע טעג פון 77-טן יאָר. העסי איז פאַרמשפט געוואָרן צו זיצן צוויי יאָר אין פּעטערבורגער אַרבעטער-הויז (Рабочій домъ). זומער 1879 איז זי באַפרייט געוואָרן פון אַרבעטער-הויז און אַרויסגעשיקט געוואָרן אונטער דער השגחה פון פּאָליציי קיין סטאַראָ-רוס. צום סוף יאָר 1879 איז העסי פון סטאַראָ-רוס אַנטלאָפן געוואָרן...

---

## .V

העסי ווערט אַ „נאַראָדאָוואָלקע״.—וואָס אַ רוסישע הבר'טע שרייבט וועגן איר.—העסי ווערט אַ מיטגליד פונ'ם עקזעקוטיוו קאָמיטעט.—זי ווערט אַ בעל-הבית'טע פון קאָנספּיראַטיווע קוואַרטירן.—דער אַטענטאַט אויף אַלעקסאַנדער דעם צווייטן.— העסי ווערט אַרעסטירט.—מ'לייגט אָפּ איר טויט-שטראָף.—זי געבוירט אין געפענגעניש אַ קינד.—איר טויט.

אַ הייסע צייט איז דאַמאָלסט געווען אין רוסלאַנד. אין די סאָציאַליסטיש-רעוואָלוציאָנערישע קרייזן, און באַזונדערס אין זייער אָנפירדיגן אָרגאַן, דעם קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״, האָט געקאָכט די אַרבעט. מ'האָט אָנגעהויבן צו מאַכן הכנות צו טעראָריסטישע אַקציעס. די בעסטע און אַקטיווסטע רעוואָלוציאָנערישע כחות האָבן זיך קאָנצענטרירט אין פּעטערבורג.

צווישן די יונגע קרעפטן, וואָס האָבן זיך אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט פון דער נאַראָדאָוואָלישער פּאַרטיי, איז געווען אויך העסי העלפמאַן.

---

*) גאָלובאָוו איז אין אַ קורצער צייט אַרום באַפרייט געוואָרן. פון דאַמאָלסט אָן האָט ער זיך אינגאַנצן גענומען צו ליטעראַרישער טעטיגקייט. אין די מיטעלע 80-ער יאָרן האָט חברה „מפיצי-השכלה״ אַרויסגעגעבן אויף איר חשבון גאָלובאָווס רוסיש ווערק וועגן דער יידישער באַדייטונג פון די ביבלישע „ערי-מקלט״. אין יאָר 1886 האָט גאָלובאָוו פאַרעפנטליכט אין דעם ערשטן באַנד פון ספר'ס העבּרעאישן זאַמל-בוך „כנסת-ישראל״ אַ גרויסע מאָנאָגראַפיע וועגן יידישער סטאַטיסטיק. אין די סוף 80-ער יאָרן האָט גאָלובאָוו אָפּגעדרוקט אַ העברעאישע גראַמאַטיק.

די ערשטע צייט האָט מען זיך אָפגעהאַלטן אַריינצונעמען העסין אין קאָמיטעט. דעריבער איז זיי אין אָנהייב אַריין אין דעם דאַמאָלסט אַזויגערופענעם „רויטן־קרייץ", וועלכער האָט געדינט ווי אַ צוגרייטונס־קלאַס, אָדער, ריכטיגער געזאָגט, ווי אַ פּירהויז צום רעוואָלוציאָנערישן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט.

העסי העלפמאַן האָט די אַלע שווערע און געפערליכע פונקציעס פון „רויטן קרייץ" איבערגעטראָגן אויף אירע שוואַכע פּלייצעס. קיין זאַך איז איר ניט געווען צו שווער, פאַר קיין זאַך האָט זי זיך ניט אָפּגעשראָקן. איינע אירע אַ חברטע שרייבט אין אירע ערינערונגען וועגן העסי העלפמאַנס אַרבעט אין „רויטן־קרייץ" בזה הלשון: „כ'האָב זיך באַגעגנט מיט העסין נאָך דעם, ווי מ'האָט די אַרויסגעלאָזן פון תּפיסה. זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי פילט זיך זעהר אָפּגע־מאַטערט און אויסגעמוטשעט, און איר וואָלט זיך געוואָלט אַ ביסל אויסרוהען; נאָר דאָס איז געווען אַזאַ הייסע צייט, אַלע זיינען געווען אַזוי מיטגעריסן פון דעם אָנגעשטרענגטן קאַמף, און העסי העלפמאַן איז אויך אַוועקגעשלעפּט געוואָרן מיטן אַלגעמיינעם שטרום... בכלל איז זי געווען אַ פּערזאָן זעער אַ נערוויייאישע און אַ היציגע, תּמיד גרייט זיך מקריב צו זיין. איר גאַנץ לעבן איז געווען אַ קייט פון קרבנות... און ווי האָט זי געקענט ליבן!... *)

העסיס טעטיקייט האָט צו זיך אינגיכן צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די פאַראַנטוואָרטליכסטע רעוואָלוציאָנערישע טוער, און מ'האָט זי באַלד אַריינגענומען פאַר אַ מיטגליד אין עקזעקוטיט־קאָמיטעט פון „נאַראָדנאַיאַ־וואָליאַ". דאָרטן האָט זי זיך באַקאָנט מיט די גרעסטע רעוואָלוציאָנערישע פירערס פון יענער צייט, ווי: זשעליאַבאָוו, סאָפיא פּעראָווסקאַיאַ, קיבאַלטשיטש און אַנדערע. זי האָט איבערגענומען אויף זיך אַ גאַנצע ריי געפערליכסטע רעוואָלוציאָנערישע פונקציעס, וואָס זי האָט, ווי איר שטייגער איז געווען, אויסגעפירט מיט דער גרעסטער פּינקטליכקייט.

אין יענער צייט האָט זיך אין די רעוואָלוציאָנערישע קרייזן אַרומגערעדט די פראַגע וועגן אויספירן אַזאַ טעראָריסטישע אַקציע, וואָס האָט געדאַרפט אויפטרייסלען גאַנץ רוסלאַנד און דעם גאַנצן רוסישן פאָלק. מ'האָט זיך אָפּגע־שטעלט אויף דעם באַשלוס צו מאַכן אַן אַטענטאַט אויפן לעבן פון דעם דאַ־מאָלסטיגן קייסער אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. כדי אויסצופירן דעם דאָזיגן פּלאַן האָט מען געמוזט מאָבילוזירן די בעסטע כּחות, וועלכע די רוסישע רעוואָלוציע האָט דאַן פאַרמאָגט, און צווישן זיי איז געווען אויך העסי העלפמאַן.

העסיס אָנטייל אין דעם פאַרווירקליכונג פון דעם דאָזיגן טעראָריסטיש פּלאַן איז באַשטאַנען באַזונדערס אין דעם, וואָס זי האָט געדאַפט באַזאָרגן אין די פאַרשיידענע צענטערס פון פּעטערבורג עטלעכע קאָנספּיראַטיווע קוואַר־

*) „Былое" יון־ביכל 1906.

טירן, וואו מ׳זאָל קאָנען האַלטן געווער און אַלערליי אויפרייסונגס־מאַטעריאַלן. כּדי צו באַקומען אַזעלכע קוואַרטירן, האָט מען געדאַרפט האָבן אַ סך טאַקט, געניטקייט און גרויס פאָרזיכטיגקייט אין די אונטערהאַנדלונגען מיט די בעלי־בתּים פון די הייזער. און אַחוץ דעם האָט מען דערצו געדאַרפט האָבן אַ פעסטן מוט מיט אַן אײַזערנעם ווילן. די דאָזיגע אַלע מעלות האָט פאַרמאָגט העסי, און דורך דעם האָט זיך איר אײַנגעגעבן צו האָבן אין פעטערבורג עטליכע געהיימע קוואַרטירן, אין וועלכע ס׳האָבן כּלומרשט געוואוינט זי און איר מאַן (תּמיד האָט זי אײַנעם אַ יונגן מענשן פון די חברים אָנגעגעבן דעם בעל־הבית פון הויז פאַר איר מאַן), און אין אמתן האָבן זיי, די וואוינונ־גען, געדינט פאַר דרוקערייען פון „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ״, פאַר סקלאַדן פון געווער וכדומה. אויף איינער פון העסיס קוואַרטירן האָט קיבאַלטשיטש פאַר־פאַרטיגט די באָמבעס, מיט וועלכע מ׳האָט נאָכדעם געטויט אַלעקסאַנדער דעם צווייטן...

דעם ערשטן מערץ 1881 האָט זיך די טעראָריסטן אײַנגעגעבן זייער פּלאַן צו דערהרגענען אַלעקסאַנדער דעם צווייטן. אַ פּאָר פון די, וואָס האָבן אויף אים געוואָרפן די באָמבעס, האָט מען געכאַפּט און אַרעסטירט באַלד אויפן אָרט. נאָכדעם האָט מען זיך געלאָזט זוכן די איבעריגע פּערזאָנען, וואָס האָבן דירעקט צי אומדירעקט אָנטייל גענומען אין אַטענטאַט. העסי האָט זיך געריכט פון טאָג צו טאָג אויף איר אַרעסט. איינע אַ רעוואָלוציאָנערין דערציילט אין „בילאָיע״ פאָלגנדעס וועגן העסיס שטימונג אין די דאָזיגע טעג: „שטענדיג אַ פריילעכע און אַ פריינדליכע, איז זי ד ע ם מאָל געווען אומעטיג און פאַרטרויערט; זי איז געווען צושטרייט און האָט ווייניג וואָס גערעדט. כ׳האָב זיך מיט איר דאַן געטראָפן ביי אַ באַקאַנטע קורסיסטין, בײַ וועלכער ס׳האָט זיך אָנגעקליבן אויפן קוואַרטיר גאַנצע פּעק אומלעגאַלע לי־טעראַטור. פּאָליציי האָט דאַמאָלסט געמאַכט מאַסן הויז־זוכונגען, און באַזונ־דערס אין די וואוינונגען פון סטודענטן און סטודענטינס. די קורסיסטין האָט מורא געהאַט פאַר אַ הויז־זוכונג און האָט געזוכט אַן אָרט ערגיץ־וואו אַהינ־צוטאָן די ליטעראַטור. העסי האָט בײַ איר צוגענומען דעם גאַנצן פּאַק מיט די ווערטער: „בײַ מיר איז דאָ פון דאָזיגן גוטס אַזויפיל, אַז מיר איז שוין אַלץ איינס!״ מיר זײַנען צוזאַמען אַרויס און האָבן זיך באַלד צושיידט. בײַם געזעגענען זיך מיט מיר האָט זי מיר שטאַרק געדריקט די האַנט און געזאָגט מיט אַ שווערן געפיל: זייט געזונט! ווען מיר זיך נאָך זעהן?״—

אויף מאָרגן איז העסי אַרעסטירט געוואָרן אין איינער פון אירע קאָנ־ספּיראַטיווע קוואַרטירן. דער יונגער מענטש (איר אַזויגערופענער „מאַן״), וועל־כער האָט דאָרטן מיט איר צוזאַמען געוואוינט, סאַבלין האָט ער געהייסן, האָט, ווי פּאָליציי האָט נאָר אָנגעקלאַפּט אין טיר, זיך אַליין דאָס לעבן גענומען. העסי האָט זיך געשטאַרקט און געעפנט די טיר...

די אַלע, וואָס זיינען געווען פאַרמישט אין דעם מאָרד פון אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, זיינען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט, און דער דאָזיגער פּסק־דין איז אינגיכן אויסגעפירט געוואָרן. צום טויט איז פאַרמשפּט געוואָרן אויך העסי העלפמאַן; מ'האָט אָבער אָפּגעלייגט איר טויט־שטראָף אויף אַ געוויסער צייט, ווייל זי איז געווען שוואַנגער. העסי האָט פאַר זיך אַליין ניט געזאָרגט; געזאָרגט האָט זי נאָר וועגן דעם גורל פון דעם אומשולדיגן באַשעפעניש, וועלכן זי טראָגט אונטער איר האַרץ...

וועגן העסיס לעבן אין געפענגעניש אין משך צייט פון דער „אָטסראָטשקע" וואָס מ'האָט איר געגעבן ביז זי וועט געבוירן דאָס קינד, דערציילט אירע אַ חברטע די פאָלגנדע אינטערעסאַנטע פּרטים.

„פינף חדשים האָט זי זיך געמוטשעט דורך דעם שרעק פון איר באַלדיגן טויט, און ערשט דעם לעצטן טאָג פאַר איר געבוירן דאָס קינד האָט מען איר געבראַכט די בשורה וועגן איר באַגנעדיגונג. מ'האָט איר געלאָזן געבוירן דאָס קינד, נאָר דערביי האָט מען איר געלאָזן אויסשטיין אַזעלכע שרעקליכע מאָראַלישע יסורים, וואָס די היסטאָריע האָט נאָך ביז אהער ניט געקאָנט זייער גלייכן. מ'האָט זי איבערגעפירט צו האָבן דאָס קינד אין דער טורמע אין וועלכער מ'זעצט אַריין די פאַרש״דענע אַרעסטאַנטן איידער עס ווערט באַהאַנדלט זייער משפּט. דאָרט האָט מען איר אָפּגעגעבן אַ גרויסן און אַ געררוימען צימער, מ'האָט אָבער ביי איר אין דעם דאָזיגן צימער אַוועקגעשטעלט סאָלדאַטן שומרים, וואָס פלעגן זיך בייטן יעדע שעה. ניט איין פרוי, און ניט דוקא אין אַזאַ צושטאַנד ווי העסי, איז משוגע געוואָרן, האָבנדיג נאָכאַנאַנד פאַר די אויגן אין צימער פון טורמע אָט די סאָלדאַטנפּאָסטנס... אַדאַנק די דאָזיגע מיני שומרים איז, למשל, אַראָפּ פון זינען יעליסאַוועטא אָלאָוויאַניקאָוואַ. העסי איז פון זינען ניט אַראָפּ, איר אָרגאַניזם איז געווען זעהר אַ שטאַרקער. זי האָט געבוירן אַ לעבעדיג קינד, זי האָט אים אַפילו געקענט געבן די ברוסט. דאָס קינד איז געווען אירס; קיין געזעץ האָט אים ניט געקאָנט אָפּנעמען ביי איר. ווער האָט דאָס אָבער אין יענער צייט געקלערט וועגן היטן דאָס געזעץ? אין עטליכע טעג אַרום האָט מען איינמאָל ביי נאַכט אַוועקגענומען ביי איר דאָס קינד, און אויף מאָרגן פרי האָט מען עס אָפּגעפירט אין אַ „פריוט", און דאָרטן אים אַוועקגעוואָרפן, ניט אַרויסנעמענדיג ניט קיין נומער און ניט קיין קוויטאַנציע, און דאָס האָט מען אָפּגעטאָן בעת ס'האָבן זיך געפונען אַ סך בעלנים, וועלכע האָבן פאַרגעלייגט נעמען צו זיך דאָס קינד און צו דערציהען עס.

דאָס האָט די מוטער ניט געקאָנט אַריבערטראָגן. פון גרויס האַרצווייטאָג האָט זי אָנגעהויבן שוואַך צו ווערן, ביז דער שטאַרקער אָרגאַניזם האָט עס שוין מער ניט געקענט אויסהאַלטן...

דעם 2 פעברואַר 1882 איז העסי העלפמאַן געשטאָרבן.

* *
*

אַזוי האָט זיך פאַרענדיגט דאָס יונגע ברויזנדיגע לעבן פון דער מאָזי רער יידישער מיידל העסי העלפמאַן, איינע פון די ערשטע יידישע סאָציאַ-ליסטקעס רעוואָליוציאָנערקעס.

נאָך עטליכע ווערטער וועגן גאָלובאָוון:

גאָלובאָוו איז די סוף 70-ער יאָרן ווידער נכשל געוואָרן אין סאָציאַ-ליסטישער אַגיטאַציע און איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. צוליבן מאַניפעסט, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן בשעת דער קרוינונג פון ניקאָלאַי דעם צווייטן, איז ער געקומען צוריק קיין רוסלאַנד. ער האָט זיך דאַן באַזעצט אין וואַרשע, וואו ער איז עטליכע יאָר נאָך דער ריי געוועזן אונטער דער השגחה פון פאָליציי.

# מ. ל. לילנבלום.

(געבאָרן—1843; געשטאָרבן—1910).

## I.

מיין באַשלוס צו שרייבן אַ מאָנאָגראַפיע װעגן דער געשיכטע פון דער ייִדישער סאָציאַליסטישער באַװעגונג אין רוסלאַנד.—איך װענד מיך צו לילנבלומען נאָך מאַטעריאַל.—לילנבלומס ענטפער.—לילנבלומס בריװ צו מרדכי בן הלל הכּהן.—לילנבלומס ערקלערונג שטעלט מיך ניט צופרידן.

אין די באַקאַנטע „פרייהייטס-טעג“ פונ׳ם יאָר 1905 איז מיר אַרויף אויפן געדאַנק אָנצושרייבן אַ מאָנאָגראַפיע װעגן דער געשיכטע פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַװעגונג אין רוסלאַנד. כ׳האָב געװאוסט, אַז צווישן די עלטערע העברעאישע שריפטשטעלער געפינען זיך אַזעלכע, וועלכע האָבן אַליין אַנטייל גענומען אין דער באַװעגונג, אָדער זיינען געשטאַנען צו איר נאָהענט, און האָב מיך דעריבער געװענדט צו זיי מיט אַ בריװליכער בקשה, צוצושיקן מיר אַלץ וואָס עס קאָן דינען אַלס מאַטעריאַל פאַר מיין מאָנאָגראַפיע, דהיינו: עראינערונגען, בריװ, דאָקומענטן וכדומה.

איך האָב װעגן דעם געשריבן אויך מ. ל. לילנבלומען. פון מיין פריסטער יוגנט, זינט איך געדענק מיך אַלס העברעאישער לעזער, איז לילנבלום געװען דער צװייטער נאָך סמאָלענסקינען מיט וועלכן איך האָב מיך באַזונדערס אינ-טערעסירט. פון דאַמאָלסט אָן בין איך אים נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט אין די אַלע פאַרשיידענע גלגולים פון זיינע וועלט-אָנשויאונגען, אויף וויפיל זיי האָבן געפונען זייער אויסדרוק אין דער ליטעראַטור. גאָר פון אָנפאַנג האָב איך אים קענען געלערנט אין דער צייט, ווען ער האָט געקעמפט פאַר „רע-פאָרמעס אין „שלחן-ערוך“. ס׳זיינען אַריבער עטליכע יאָר און איך האָב גלייך תּופס געװען די איבערקערעניש, וואָס איז פאָרגעקומען אין זיין געדאַנקענסגאַנג אונטער דער השפּעה פון די רוסישע מאַטעריאַליסטישע שריפטשטעלער פון די 60-ער יאָרן, אויף דעם סמך פון איינצלנע אַרטיקלען, וואָס לילנבלום האָט פאַרעפנטליכט אין די מיטעלע 70-ער יאָרן, און פון פאַרשיידענע געדאַנקען, וועלכע ער האָט אַרויסגעזאָגט אין זיין „חטאת נעורים“, האָב איך אים געהאַלטן, און אַלס אַזעלכן האָבן אים געהאַלטן אויך אַנדערע, פאַר אַן אָנהענגער פונ׳ם מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם. דער דאָזיגער אַלגעמיינער איינדרוק איז נאָך ביי

מיר פיל שטאַרקער געוואָרן נאָכדעם ווי איך האָב אין געוויסע ליטעראַרישע קרייזן געהערט דערציילנדיק וועגן לילנבלומס באַציהונגען צו די רעדאַקטאָרן פון די צוויי דאַמאָלדיגע העברעאישע סאָציאַליסטישע זשורנאַלן „האמת" און „אספת חכמים", און צו איינינגע פון דער קליינער כנופיא סאָציאַליסטישער „מנהיגים", וואָס זיינען געזעסן אין אויסלאַנד, און האָבן פון דאָרטן אָנגעפירט מיט דער גאַנצער באַוועגונג אין רוסלאַנד.

נעמענדיג דאָס אַלץ אין אַכט האָב איך, דוכט זיך, גאָר ניט אַזוי קרום געטאָן מיט דעם, וואָס כ'האָב געבעטן ביי לילנבלומען מאַטעריאַל פאַר מיין געשיכטע פון דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין רוסלאַנד, און האָב געהאָפט צו באַקומען באַזונדערס פון אים וויכטיגע ידיעות אין דעם פרט. מיין האָפנונג איז אָבער ניט מקוים געוואָרן. ס'זיינען אַוועק העכער דריי חדשים, און לילנבלום האָט מיר ניט געענטפערט. זיין שווייגן איז פאַר מיר געווען זעהר אַ גרויסער וואונדער. שוין פריער האָב איך מיט לילנבלומען אַ לאַנגע צייט קאָרעספאָנדירט וועגן ליטעראַרישע ענינים און מכח פראַגן פון חבת-ציון, און קיין מאָל האָט זיך נאָך ניט געטראָפן, אַז ער זאָל מיר בלייבן שולדיג אַ תשובה. ער פלעגט נאָך מיר, פאַרקערט, תמיד ענטפערן כמעט מיט דער „ערשטער פּאָסט", און אַרויסווייזן מיר ביי איטליכער געלעגנהייט אַ הייסע חבר'שע באַציהונג. נאָר איין מאָל האָט ער זיך מיט מיר עפּענטליך צוזווערטלט צוליב מיין אַרטיקל „וועגן דעם נייעם קורס אין דער העברעאישער ליטעראַ-טור" („על דבר המהלך החדש בספרות העברית"), וועלכער איז געווען געדרוקט אין 3-טן באַנד „פרדס" און וואָס ער, לילנבלום, האָט זיך דורך אים דערפילט עפּיס אָנגעגריפן, און האָט אים געפּרובט אָפּשלאָגן אין „המליץ". אָבער דער דאָזיגער ליטעראַרישער „אינצידענט" האָט ניט געהאַט קיין שום איינפלוס אויף אונזערע געגנזייטיגע באַציהונגען. נאָך מעהר: דוקא אין יענעם יאָר פון אונ-זער פּאָלעמיק האָט ער מיר פאָרגעלייגט צו שרייבן לעוואַנדעס ביאָגראַפיע פאַר'ן לוח „אחיאסף" (8-טער יאָרגאַנג), וועלכן ער האָט רעדאַקטירט, און וועגן איינינגע פרטים פון דער דערמאָנטער ביאָגראַפיע האָבן מיר זיך נאָך דעם דורכגעשריבן אין אַ גאַנצער ריי פון בריוו.

כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָ איז עפּיס ניט גלאַט, און איך האָב אים אָוועקגעשריבן צוויי פאַרסטראַכירטע בריוו איינער נאָך דעם אַנדערן מיט דער דרינגענדער בקשה, ער זאָל מיר ערקלערן די סבה פון זיין שווייגן. צום סוף איז מיר אָנגעקומען פון אים די פאָלגנדע קורצע תשובה (פון 14-טן יול 1905)*).

„ליידער האָט איר ד ע ם מאָל ניט געפונען דעם ריכטיגן אַדרעס. כ'בין אויף מיין לעבן ניט געווען פון אונזערע וועלט-איבערמאַכער, וואָס איר קומט

---

*) דער דאָזיגער בריוו, ווי אויך די אַלע ווייטערדיגע בריוו, זיינען אין אָריגינאַל געשריבן ה ע ב ר ע א י ש.

זיי פאַראייביגן. אַ מאָל איז אפילו אויף מיר אַרויפגעפאַלן עפּיס אַ מין שכרות (אַ רעאַליסטישע און בשום אופן ניט קיין מאַטעריאַליסטישע), אָבער ווי יונה הנביא'ס „קיקיון" איז דאָס דורכ'ן נאַכט אַריבער. אין אַלץ, וואָס כ'האָב וועגן ס'איז געשריבן (דער קורסיוו איז לילינבלומס) וועט איר ניט געפינען קיין שום גרונד צו דעם טעות'דיגן געדאַנק, אָן וועלכן איר האַלט זיך, אַז איך בין אין דער צי אין יענער צייט געווען אַ סאָציאַליסט פון קאַרל מאַרק'ס בית-מדרש. דעריבער איז לא די וואָס איך ערלויב אייך ניט צו שרייבן וועגן מיר וואָס עס איז, פאַרלאַנג איך נאָך פון אייך ניט צו דערמאָנען מיין נאָמען בכלל, און אפילו ברמז. און איך פאַרלאַנג דאָס ניט ווייל כ'האָב מורא פאַר דער אַנטפּלעקונג פון מיין זינד (וועלכע כ'האָב ניט געזינדיגט), נאָר צוליב דעם, וואָס איך האַלט דאָס גאָר ניט פאַר אַ באַזונדער גליק צו זיין פון די, וועלכע „מ'איז חושד אומזיסט".

די דאָזיגע לילינבלומס תשובה האָט מיך אַריינגעבראַכט אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט, און ניט צוליב דעם וואָס ער האָט מיר ניט ערלויבט צו דער-מאָנען אים אין מיין מאָנאָגראַפיע. פון דער מאָנאָגראַפיע האָב איך מיך שוין דאַ-מאָלסט סיי ווי סיי אָפּגעזאָגט, נאָכדעם ווי דער ווילנער יידישער צענזאָר, טיינער אַ גוטער באַקאַנטער, (דאָס איז געווען דער באַוואוסטער שריפטשטעלער און געלערטער יהושע שטיינבערג) האָט מיר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז לויט די „הערשענדע באַדינגונגען" וועט מיין בראָשור מוזן אַרויסגיין פון זיין האַנט אַ „צוקאַלעטשעטע"... מיין פאַרלעגנהייט האָט געשטאַמט גאָר פון אַן אַנדער סבּה, און אַ פיל וויכטיגערע. איך האָב קיין מאָל ניט ערוואַרט, אַז לילינבלום, דער אמת אַליין און דער גרויסער ערליכער מאַן, זאָל וועלן פאַר-לייקענען דעם פאַקט, וועלכער איז אַלעמען באַקאַנט, דאָס אין אַ געוויסער צייט און אונטער דעם איינדרוק פון געוויסע השפעות איז ער געווען באַהערשט פון דער סאָציאַליסטישער אידייע. ס'איז מיר שווער געווען צו פאַרשטיין, וואָס אַזוינס באַוועגט דאָס אים אָפּצומעקן דעם דאָזיקן קאַפּיטל פון זיין גייסטיגן לעבן; ווען מיר זאָלן אפילו אָננעמען, אַז אין דעם מאָמענט טוט ער אים, אפשר, באַנג און ער האָט אויף אים חרטה,—שעמען זיך מיט אים דאַרף ער דאָך אָבער אויף קיין פאַל ניט.

כ'האָב מיך ניט געקאָנט איינהאַלטן און האָב אַרויסגעזאָגט לילינבלומען אין אַ בריוו מיינע געדאַנקען. די פרטים האָב איך שוין פאַרגעסן; איך געדענק נאָר דאָס, אַז קודם כל האָב איך אים אויסגעדריקט מיין גרויס צער זעהענדיק ווי ער אַליין מאַכט צו קליינגעלט אַזעלכע פון זיינע גייסטיגע שאַפונגען, וועלכע זיינען אין זייער צייט געווען דאָס בעסטע און דאָס שענסטע אין אונזער לי-טעראַטור. נאָכדעם האָב איך אים געפּרובט אויפווייזן, אַז גאַנץ אומזיסט באַמיט ער זיך אָפּצולייקענען היינט דאָס, וואָס עס איז שוין לאַנג באַוואוסט דער גאַנ-צער וועלט, און וואָס עס ווייזט זיך אַרויס אַזוי שאַרף בולט אין פילע פון זיינע אַרטיקלען, וועלכע ער האָט געשריבן אין די און אין יענע צייטונגען

און זשורנאַלן. אין מיינע טענות געגן אים האָב איך מיך געשטיצט אויף פּאָר־שיידענע ציטאַטן, וועלכע כ׳האָב אַרויסגענומען באַזונדערס פון זיין „משנת אלישע בן אבויה״, וואָס איז געווען געדרוקט אין דעם סאָציאַליסטישן חדש־זשורנאַל „אספּת־חכמים״. און איז אינגאַנצן אַ פּאַנעגיריק פאַר מאַרקס באַקאַנטע תּורה וועגן „אַרבעט און קאַפּיטאַל״. איך געדיינק אויף דעם פאָלגענדן פּרט: מיין בריוו האָב איך פאַרענדיגט מיט דער פראַגע: פאַרוואָס האָט ער דאָס געלאָזן אָן אַ שום באַמערקונג דעם אַרטיקל, וואָס מרדכי בן הלל הכהן האט געשריבן צו זיין 50־יאָריגן יובילייִ אין ערשטן לוח „אחיאסף״, און אין וועלכן ער האָט וועגן אים געזאָגט אויסדריקליך, אַז אַ געוויסע צייט האָט ער שטאַרק סימפּאַטיזירט מיט דער סאָציאַליסטישער וועלט־אַנשויאונג?.

דעם מאָל האָט מיך שוין לילענבלום ניט געלאָזן לאַנג וואַרטן אויף זיין תּשובה. תּיכּף האָט ער מיר געענטפערט פאָלגענדעס:

„כ׳וועל אָנהייבן מיט וואָס איר האָט פאַרענדיגט. איך דאַנק אייך פאַר דעם, וואָס איר האָט מיר דערמאָנט דעם אַרטיקל, וועלכן ה׳ מרדכי הכהן האָט וועגן מיר פאַרעפענטליכט אין לוח „אחיאָסף״. דורך דעם באַפרייט איר מיר פון אַן איבעריגער אַרבעט, — אַ זאַך וועלכע איז מיר אַנגענעם באַזונדערס איצטער, ווען כ׳בין אַזוי פיל פאַרמאַטערט פון האָרעוואַניע צווישן די לעבעדיקע און די טויטע *). וואָלט איר אין אייער בריוו ניט דערמאָנט מעשה כּהן, וואָלט איך דעם מאָל, כּדי צו דערקלערן אייך די זאַך ריכטיג, געדאַרפט אָנשרייבן אייך אַ גאַנצע מגלה. איצטער קען איך מיך באַגיין מיט ווייניגן, און אייך וועט אַלץ קלאָר ווערן. איך שיק אייך דאָ אַ קאָפּיע פון דעם בריוו, וועלכן איך האָב געשריבן כּהנ׳ן באַלד ווי איך האָב נאָר דערזעהן דאָס, וואָס ער האָט וועגן מיר אַרויסגעזאָגט אין לוח „אחיאסף״. כ׳בין בטוח, אַז ווען איר וועט האָבן דורכגעלייענט מיין בריוו, וועט איר אין אים געפינען אַ תּירוץ אויף אַלע אייערע קשיות. כ׳וואָלט נאָר דאָ געוואָלט מוסיף זיין איין זאַך, וועלכע איך האָב דורכ־געלאָזן אין מיין בריוו צו כּהנ׳ן, כּדי איר זאָלט אייך איבערצייגן, אַז ניט פון סאָציאַליזם אַליין, נאָר אויך פון זיין יסוד, דעם קאָסמאָפּאָליטיזם, בין איך תּמיד געווען ווייט. אפשר, דאָס איר האָט סתּם ניט געלייענט, און אויב איר האָט יאָ געלייענט, קען זיין, אַז איר האָט שוין פאַרגעסן דאָס, וואָס כ׳האָב געשריבן אין מיין ספר „דרך תּשובה״ וועגן דעם גוואַלטיגן איינדרוק, וועלכן ס׳האָט אויף מיר געמאַכט נאָך אין 1876־טן יאָר (היינו אין דערזעלבער צייט, וואָס נאָך אייער מיינונג און נאָך דער מיינונג פון ה׳ מרדכי כּהן בין איך גע־ווען אינגאַנצן פאַרטרונקען אין די סאָציאַליסטישע אידייען) די ידיעה, וועלכע דער פּעטערבורגער „גאָלאָס״ האָט געבראַכט פון לאָנדאָן, אַז חיים גדליה (אַנ־דערע זאָגן, אַז ער איז אַ זון פון ר׳ משה מאַנטיפיאָרעס אַ שוועסטער) האַלט אָפּצוקויפן ביי׳ם סולטאַן גאַנץ ישראל. צי ווייסט איר, אַז איך, דער סאָציאַליסט,

*) ווי ס׳איז באַקאַנט האָט לילינבלום געהאַט אַ שטעל אין דער אָרעסער חברה קדישא.

אָדער דער „ניהיליסט" (ווי מרדכי כהן רופט מיך אָן) האָב מיך תּמיד מצער געווען טאָמער איז שוין ניטאָ קיין עצה צו ראַטעווען דאָס יידישע פאָלק פון דער געפערליכער אַסימילאַציע, וועלכע דאַרף אָנשטיין, און דעריבער האָב איך מיך זהער דערפרייט לייענענדיק די ידיעה פון „גאָלאָס", ווייל כ'האָב געגלויבט צו זעהען אין דעם אַ מאַטעריעלע און אַ גייסטיגע רעטונג, וועלכע איז געקומען אונזער פאָלק גאָר אומגעריכט? איר האָט ווען עס איז באַגעגנט אַ סאָציאַליסט, וואָס זאָל זיך אַרומטראָגן מיט נאַציאָנאַליסטישע אידייען?".

אַזוי האָט מיר געשריבן לילינבלום אין זיין בריף פון 2-טן אַוו־גוסט 1905.

כדי דעם לעזער זאָל ריכטיג אויפגעקלערט ווערן דער אינהאַלט פון לילינבלומס בריוו צו מרדכי בן הלל הכהן, געפין איך פאַר נויטיג צו ברענגען דאָ עטליכע ערטער פון כהנ'ס אויבנדערמאָנטן אַרטיקל, וואָס איז געווען גע־דרוקט אין ערשטן לוח „אחיאסף".

„... אַ גרויסער גלאַטער, אומבאַשריבענער בלאַט שטעלט מיט זיך פאָר לילינבלומס לעבן פון יאָר 1873 ביז 1877. ער האָט אויפגעהערט צו זיין אַ ייד, ער האָט אויך אויפגעהערט צו זיין אַ מענש. ער איז געוואָרן ווי אַ שטיק אייז און ווי אַ בוים, פון וועלכן ס'זיינען אַראָפּגעפאַלן די בלעטער. נאָר איין זאַך איז אים פאַרבליבן אין לעבן — שלילה".

„און דאַמאָלס איז אַראָפּ אַ גייסט איבער דער ערד, וועלכער האָט אויפ־געהויבן אויף זיינע פליגלען פיל פון אונזערע יידישע יונגע לייט, און זיי האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט פוסטע און נאַרעשע פאַנטאַזיעס און האָבן געטרוימט נישטיגע חלומות, און לילינבלום איז אויך געווען פון די טרוימער. ער האָט באַקומען צום לייענען דאָס באַקאַנטע רוסישע בוך "Что дѣлать?", און דער דאָזיגער ספר האָט אים צודולט זיין מח מיט זיינע נייע אידייען. נייע נביאים זיינען אָנגעשטאַנען פאַר דער מענשהייט! אַ נייע ערד מיט נייע הימלען זיינען אַנטפּלעקט געוואָרן פאַר אים גאַנץ אומערוואַרט. אָנשטאָט פאַרוועלקטע בלעטער האָבן אויסגעשפּראָצט געדיכט באַצווייגטע צעדערבוימער. דער מענשליכער וואוילשטאַנד, די באַפרייטע פערזענליכקייט, די אַרבייט און דער קאַפּיטאַל, דאָס קעניגרייך פון דער נאַטור..."

„אַ פּאַרטיי פון „ניהיליסטן" האָט זיך פאַרברייטערט צווישן דער יידישער יוגנט, און די ויכּוחים און די פּלפּולים, וועלכע זיינען אַנטשטאַנען צוליב די נייע אידייען, האָבן געשפּייזט אויך לילינבלומס נשמה אָנשטאָט דער שפּייז, וואָס ס'האָט איר געפעלט זינט ער האָט זיך געשיידט פון דער יידישער טע־אָלאָגיע, און די נייע אידייען האָבן שטאַרק אויפגעטרייסלט זיין פאַנטאַזיע, און האָבן אים אָפּגעלעבט".

„און דעריבער אַרויסגייענדיג שרייבן העברעאיש פאַר זיינע ברידער האָט זיך די ווירקונג פון די נייע אידייען אַרויסגעוויזן גאַנץ שאַרף בולט אין זיינע אַרטיקלען. ניט אין דעם באַהעפטן פון דער רעליגיע מיט'ן לעבן זיינען

איצטער געלעגן זיינע געדאַנקען, נאָר אינ'ם לעבן גופא, אין דער מאַטעריע פון לעבן, אין דעם אמת פונ'ם לעבן, אינ'ם לעבן לויט די נייע באַגריפן און דעם נייעם גייסט... די דאָזיגע אָנשויאונגען זיינע שטראַלן אָפּ צווישן אַלע שורות פון זיין גרויסן אַרטיקל „עולם התהו", וואָס האָט זיך אָפּגעדרוקט אין „השחר" פאַר'ן 1874=טן יאָר, און אויך פון זיינע איבעריגע קליינע אַרטיקלען, וועלכע ער האָט פאַרעפנטליכט אינ'ם משך פון דער דאָזיגער תקופה, און וואָס דאָס וויכטיגסטע פון זיי איז זיין תשובה אויף דער פראַגע: „וואָס איז אַזוינס השכלה?" אין „הצפירה" 1876.

און דאָס איז וואָס לילינבלום האָט געשריבן (לויט דער קאָפּיע, וואָס ער האָט מיר צוגעשיקט) מרדכי כהנ'ן דעם ערשטן טאָג חנוכה 1894:

„אויב אַ גרויסער בלאַט אין מיין לעבן, פון 1873 ביז 1877, גייט אַרויס אומבאַשריבן, איז דאָס געווען ניט ווייל איך האָב אויפגעהערט צו זיין מענש און ייד, נאָר דערפאַר, וואָס כ'האָב ניט געהאַט קיין אָרט וואו צו שרייבן לויט מיין פאַרלאַנג. מיט דעם פאַרשטאָרבענעם רעדאַקטאָר פון „השחר", מיט סמאָלענסקינען, האָב איך קיינמאָל ניט געשטימט בנוגע צו אידייען. ער איז געווען אַ נאַציאָנאַליסט אָן אַ יסוד, אַ נאַציאָנאַליסט, וואָס הענגט אין דער לופט; ער האָט פאַרלאַנגט יידען זאָלען זיין פולשטענדיגע נאַציאָנאַליסטן מיט אַ נאַציאָנאַלער ערציהונג אין די אייראָפּעאישע לענדער, אַ זאַך, וואָס עס איז לגמרי אוממעגליך, און די פראַגע וועגן ישוב ארץ ישראל האָט נאָך דאַמאָלסט ניט געקאָנט אַרויף אויפ'ן זין. דאָס בוך „Что дѣлат"? האָב איך נאָך געלייענט אין 1871=טן יאָר, און מ'קען אויף קיין פאַל ניט זאָגן, אַז ער האָט מיך געמאַכט פאַר אַנ'אַנדער מענשן. ריידנדיק וועגן דעם אין מיין ספר „חטאת נעורים" (צווייטער טייל 69 זייטל) האָב איך ניט אָנגעהויבן אפילו צו דערמאָנען ניט וועגן אַרבייט און קאַפּיטאַל און ניט וועגן דאָס קעניגרייך פון דער נאַטור, פון וועלכער איך בין תמיד געווען גאַנץ ווייט. איך האָב נאָר דאָרטן גערעדט וועגן דער נויטיגקייט פון אַרבייט, וועגן דער פרייהייט פון געפיל און דאָס פערשטענדניש פון דעם ריכטיגן נוצן, און דאָרטן האָב איך מיך אויסגעדריקט: כ מ ע ט בין איך צום צווייטן מאָל אַריינגעפאַלן אין אַ שכרות, ווייל אין אמת'ן בין איך פון די דאָזיגע אידייען גאָר ניט געווען פאַרשכורט, און דעראיבער האָט דער ניהיליסטישער גייסט ניט משפיע געווען אויך אויף מיינע אינעווייניגסטע אידייען. מיין אַרטיקל „משנת אלישע בן אבויה", וועלכן איך האָב געשריבן לויט דער בקשה פון איינעם אַ ווינער שריפטשטעלער*), וואָס האָט זיך דערוווייטערט לגמרי פון דער יודישער וויסנשאַפט, ווייזט, ווי ווייט מיר זיינען געווען ביידע איינער פונ'ם אַנדערן. דעראיבער האָב איך, נאָך איידער ס'איז אַרויסגעשוואומען דער נאַציאָנאַלער געדאַנק, געשריבן אין

*) דאָס איז דער רעדאַקטאָר פון דעם העברעאישן סאָציאַליסטישן זשורנאַל „האמת", װי דער לעזער װעט זעהן װײטער.

יאָהר 1878 וועגן דער רבנישער אסיפה, און דיסקוסירנדיג אין „הקול" מיט ה׳ א ו ר *), וועלכער האָט געוואָלט דוחה זיין אַלע פראַגן פאַר דער פראַגע וועגן אַרבייט און לוין, האָב איך אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג, אַז די דאָזיגע פראַגע פאַרנעמט ביי מיר ניט קיין באַדייטנדן אָרט".

אָבער לילינבלומס תשובות אי צו מרדכי בן הלל הכהן אי צו מיר האָבן מיר נאָך ניט באַפרידיגט. כ׳האָב געפילט, אַז פיל מער פון דעם, וואָס ער האָט אונז געשריבן, איז פאַרבליבן באַהאַלטן ביי אים, און אַז ס׳איז דאָ אַזאַ זאַך, וועלכע דריקט אים אַרויסצורייסן פון זיין לעבנס־געשיכטע דעם משך צייט, וואָס ער האָט איבערגעלעבט פון דעם טאָג אָן וועןעס האָט זיך פאַרענדיגט זיין קאַמף פאַר די רעפאָרמעס אין דער רעליגיע ביז עס האָט זיך דערוועקט די חבת־ציון־באַוועגונג, באופן אַז זי זאָל פאַרזונקן ווערן אין אייביגער פאַרגעסנהייט, ווי קיין מאָל ניט געוועזן און קיין מאָל ניט עקסעסטירט...

---

# .II

איך שרייב די געשיכטע פון דער העברעאישער פרעסע און זוך ידיעות וועגן דער פערזענליכקייט פון ארתור פריימאַן (ליבערמאַן) דער רעדאַקטאָר פון „האמת".—מיין באַגעגעניש אין ווין מיטן ד"ר מ. בערקאָוויטש.—די באַפרייטע ליבערמאַנס מיט 30 יאָר צוריק קאָנפיסקירטע כתבים.—מיין צוזאַמענטרעפן מיט אַן אונגאַרישן רב אויפן ווינער בית־עלמין.—ליבערמאַן און דער געלערנטער מאיר־איש־שלום.

ס׳זיינען אַריבער עטליכע יאָר, און איך האָב ווידער אַ מאָל געדאַרפט זוכן מאַטעריאַל פאַר דער געשיכטע פונ׳ם סאָציאַליסטישן געדאַנק צווישן דער יידישער אינטעליגענץ אין רוסלאַנד. און דעם מאָל האָב איך עס געדאַרפט האָבן ניט פאַר אַ באַזונדער מאָנאָגראַפיע אויפ׳ן דאָזיגן געביט, נאָר צוליב מיינע „נאָטיצן צו דער געשיכטע פון דער העברעאישער פרעסע", וועלכע כ׳האָב געדרוקט נאָך דער ריי אין „העולם". כ׳האָב דערלאַנגט אין מיין שרייבן צו דעם ערשטן העברעאישן סאָציאַליסטישן חדש־זשורנאַל „ה א מ ת", וואָס איז אַרויס אין ווין אונטער דער רעדאַקציע פון ארתור פריימאַן (א. ש. ליבערמאַן), און צוליב דעם איז מיר אויסגעקומען צו זאַמלען פון פאַרשיידענע קוועלן ידיעות וועגן דעם רעדאַקטאָר אַליין, און וועגן די שריפטשטעלער, וואָס האָבן

---

*) די איניציאַלן פון א ל י ה ו  ו ו א ָ ל ף  ר א ַ ב י נ א ָ ו ו י ץ, אַ העברעאישער סאָציאַליסטישער שריפטשטעלער אין די מיטעלע 70־ער יאָרן. פון די 80־ער יאָרן אָן וואוינט ער אין לאָנדאָן. אויפ׳ן לעצטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָב איך אים געזעהן אַלס דעלעגאַט פון אַ לאָנדאָנער ציוניסטישער אגודה.

מיט אים מיטגעאַרבעט. גאַנץ אומערוואַרט האָט זיך מיר געמאַכט די געלעגנ־הייט צו באַקומען צווישן פאַרשיידענע אַנדערע מאַטעריאַלן, אַ פּעקל בריוו, וואָס איינציגע פון די גרעסטע העבּרעאישע שריפטשטעלער, און דעראונטער אויך לילינבלום, האָבן געשריבן ליבערמאַנען בנוגע זיין „האמת“.

די דאָזיגע געלעגנהייט האָט הינטער זיך אַ קליינע היסטאָריע, וועלכע איז אויך ווערט פאַרצייכנט צו ווערן צום אייביגן אַנדענקען.

אין די לעצטע זומער־טעג פונ׳ם יאָר 1913 האָב איך מיך באַטייליגט אַלס קאָרעספּאָנדענט פון „הזמן“ אינ׳ם 11־טן ציוניסטישן קאָנגרעס אין ווין. דאָרט האָב איך מיך באַקענט מיט אַ יונגן מאַן, אַ שריפטשטעלער און אַ געלערנטער, מיט׳ן נאָמען ד״ר מיכל בערקאָוויטש. דער דאָזיגער בערקאָוויטש איז אַמאָל געווען דער סעקרעטער פונ׳ם ד״ר הערצל און ער האָט אי־בערזעצט אין העברעאיש זיין באַוואוסטע בראָשור „יידען־מלוכה“; דערנאָך איז ער אַ משך פון דריי יאָר צייט געזעסן אַלס פאַרטרעטער פון דער חברה „אחיאסף“ אין קראָקע, וואו ער האָט אָנגעפירט מיט אירע צוויי צייטונגען דער „הדור“ און דער „יוד“, וועלכע האָבן זיך דאָרטן געדרוקט. אין פאַרלויף פון מיין שמועס מיט אים איז געקומען צו רייד וועגן מיינע נאָטיצן צו דער גע־שיכטע פון דער העברעאישער פּרעסע. הערנדיג פון מיר, אַז איך זוך מאַטע־ריאַל וועגן ליבערמאַנען מיט זיינע מיטאַרבעטער אין „האמת“, האָט ער אויס־גערופן מיט גרויס צופרידנהייט:

— גראָד האָב איך די מעגליכקייט צו דינען אייך אין דער זאַך!

דערביי האָט ער מיר דערציילט פאָלגנדעס:

אינמיטן ווינטער פון יאָר 1878, בשעת די ווינער פּאָליציי האָט אַרעס־טירט ליבערמאַנען פאַר סאָציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע, האָט זי קאָנפיסקירט אַלע שריפטן און בריוו, וועלכע זי האָט ביי אים געפונען. אין ווינער געפענ־געניש איז ליבערמאַן געזעסן עטליכע חדשים, דערנאָך איז ער אַרויסגעגעבן געוואָרן פּרייסן; דאָרט האָט מען אים געמשפּט אַרויסגעשיקט צו ווערן פון דייטשלאַנד. אַ געוויסע צייט נאָך דעם האָט ליבערמאַן געוואוינט אין לאָנדאָן, דערנאָך איז ער אַוועק קיין אַמעריקע, וואו ער האָט זיך גענומען דאָס לעבן. ווייל קיינער האָט ליבערמאַנס קאָנפיסקירטע כתבים ניט געפאָדערט, זיינען זיי געבליבן ליגן אין דעם אַרכיוו פון דער ווינער פּאָליציי, און אַזוי האָבן זיי זיך דאָרטן געוואַלגערט אַ יאָר 30 אָן ערך. ערשט אין יאָר 1908 האָט זיך די פּאָ־ליציי דערמאָנט אָן די דאָזיגע כתבים, און האָט זיי אָפּגעגעבן דעם באַוואוסטן געלערנטן ר׳ מאיר איש־שלום (פרידמאַן), וועלכער האָט זיי אַוועקגע־שאָנקען דער ביבליאָטעק פון דער קייזערליכער אוניווערזיטעט, וואו זיי געפינען זיך ביז היינטיגן טאָג.

אַזוי האָט מיר דערציילט דער ד״ר בערקאָוויטש. מער האָט ער ניט גע־וואוסט. פאַרוואָס האָט די ווינער פּאָליציי ביי זיך געהאַלטן ליבערמאַנס פּעקל כתבים אַזאַ לאַנגע צייט און פאַרוואָס האָט זי זיי אָפּגעגעבן דווקא ר׳ מאיר

איש=שלומ׳ן, וועלכער האָט זיך שטענדיג באַשעפּטיגט מיט ריין וויסנשאַפטליכע אינטערעסן און האָט, אין פּלוג, קיינמאָל קיין שום שייכות ניט געהאַט מיט סאָציאַליסטן ווי דער רעדאַקטאָר פון „האמת" און זיינע חברים — אויף די דאָזיגע פראַגן האָט ער מיר קיין ענטפער ניט געקאָנט געבן. אָבער אויך אין דעם איז מיר געקומען צו הילף אַן אומערוואַרטעטער צופאַל.

אין איינעם פון די קאָנגרעס=טעג, בשעת עס איז פאָרגעקומען די פּראָצעסיע פון די דעלעגאַטן צו דריי מענשן אין אַ שורה צו הערצלס קבר, איז מיר אויסגעקומען צו גיין צוזאַמען מיט צווי רבנים. איינער איז געווען דער מאָסקווער ראַבינער ר׳ י ע ק ב ב ן י ש ע י ה מ ז א ״ה, און דער צווייטער — איך האָב שוין פאַרגעסן זיין נאָמען — איז געווען ראַבינער און פּריידיגער אין אַן אונגאַרישער פּראָווינציאַל=שטאָט. בשעת׳ן גאַנג האָט אונז דער אונגאַרישער רב דערציילט, אַז ער האָט געענדיגט דעם ווינער ראַבינער=סעמינאַר און איז געווען אַ תלמיד פון ר׳ מאיר איש=שלום, וועלכער איז געווען דער אויבער=לערער אינ׳ם דערמאָנטן סעמינאַר. פּלוצלונג האָט אין מיין מח אַ בליץ געטאָן דער געדאַנק: אַ קשיא אויף אַ מעשה? אפשר וועל איך דורך דעם דאָזיגן אונגאַרישן רב קענען כאָטש עפּיס וואָס דערגיין וועגן דעם, ווי אַזוי ליבערמאַנס כתבים זיינען מגולגל געוואָרן אין די הענט פון דעם סעמינאַר=לערער ר׳ מאיר איש=שלום?

נאָכדעם ווי מיר זיינען אַרויף אויפ׳ן דעבלינגער בית=עלמין און דער עולם האָט זיך צושפּרייט איבער די אַלייען, האָב איך דעם רב אָפּגערופן אָן אַ זייט און האָב אים געגומען אויספרעגן וועגן דעם ענין, און דאָס וואָס מיך האָט אַזוי שטאַרק אינטערעסירט צו וויסן — האָב איך מיך דערוואוסט. אויף מיין עצם פראַגע, ווי אַזוי האָט עפּיס די פּאָליציי איבערגעגעבן ליבערמאַנס כתבים דוקא ר׳ מאיר איש=שלומ׳ן, האָט מיר אפילו דער רב גאָרנישט געקענט ענטפערן. ער האָט מיר אָבער דערציילט אייניגע אינטערעסאַנטע פּרטים, וואָס דורך זיי האָב איך מיך שוין אויף דעם אַליין אָנגעשטויסן, און עס איז שוין מער ביי מיר קיין וואונדער ניט געווען.

דער אונגאַרישער רב האָט אָנגעהויבן זיין ענטפער מיט אַ פראַגע:

— זאָגט מיר אָקאָרשט האָט דאָס אָט ד ע ר ליבערמאַן, וועגן וועלכן איר רעדט, אָנגעשריבן אַמאָל זעהר אַ שיינעם אַרטיקל וועגן די אונגאַרישע יידן בכלל און באַזונדערס וועגן דאָס לעבן פון די בחורים, וואָס לערנען אין די אונגאַרישע ישיבות?

נאָכדעם ווי איך האָב אים געענטפערט, אַז דאָס איז דערזעלביגער ליבערמאַן (כ׳האָב מיך בשעת מעשה דערמאָנט אָן דעם אַרטיקל „די יידן אין אונגאַרן", וועלכער איז געווען געדרוקט אין די ערשטע 2 נומערן פון „האמת"), האָט ער געזאָגט:

— אויב דאָס איז אַזוי, דאַן געדיינק איך גאַנץ קלאָר, אַז אונזער רבי איש=שלום פלעגט אים זעהר אָפט דערמאָנען פאַר אונז סעמינאַריסטן, און

תמיד מיט גרויס ליבע און כבוד. ביי איטליכער געלעגנהייט פלעגט ער זיך אָפּרופן מיט גרויס התפעלות וועגן דעם מאמר איבער דאָס לעבן פון די אונגאַרישע יידן. און דאָס איז גאָר קיין וואונדער ניט נעמענדיג אין אַכט, אַז אונזער רבי איז געווען אַ געבאָרענער אַן אונגאַרער און זיין גאַנצע יוגנט האָט ער פאַרבראַכט אין די אונגאַרישע ישיבות. איך דערמאָן מיך, אַז אַמאָל האָט ער מיט אונז פאַרפירט אַ געשפּרעך וועגן די גרעסטע פייהיגסטע מענשן ביי יידן, און דאַן האָט ער געזאָגט, דאָס ער האָט נאָך קיינמאָל ניט געזעהן אַ מענשן, וואָס זאָל באַזיצן אַזאַ אומגעהייער גרויסע ערודיציע אין יידישער און וועלטליכער בילדונג ווי ליבערמאַן. אויף דעם האָט ער נאָך מוסיף געווען, אַז אַזאַ וואונדער-קינד האָט געקאָנט אויסוואַקסן נאָר אין דער ליטאַאישער געטע,—די וויגעלע פון די באַרימטעסטע גאונים און רבנים.

דער רב איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט זיך אויף אַ ווײלע פאַרטראַכט. דערנאָך האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן קנייטשנדיג דערביי דעם שטערן עפּעס ווי ער וואָלט זיך געוואָלט דערמאָנען אַ לאַנג פאַרגעסענע זאַך, און געזאָגט:

— הערט נאָר; אויב איך האָב קיין טעות ניט האָט ליבערמאַן אַ קורצע צייט געוואוינט ביי ר׳ מאירן אין שטוב.

— און אפשר האָט מען אים אין זיין וואוינונג אַרעסטירט?

— דאָס איז אויך מעגליך—האָט מיר געענטפערט דער רב—קוים וואָס איך געדענק, עפּיס אַזוי ווי דורכן חלום, אַז איינמאָל האָט אונז ר׳ מאיר דערציילט וועגן געוויסע אומאַנגענעמליכקייטן און עגמת-נפש׳ן, וועלכע ער האָט געהאַט צוליב ליבערמאַנען, וועגן גאַנגען און השתדלות׳ן, וואָס ער, ר׳ מאיר און זיין הויז-געזינט, האָבן זיך משתדל געווען פאַר אים ביי דער מאַכט.

— ס׳קען גרייליך זיין—האָב איך געזאָגט—אַז דעריבער האָט דאָס די ווינער פּאָליציי אָפּגעגעבן ליבערמאַנס כתבים אונזער ר׳ מאיר׳ן. די זאַך איז גאַנץ פשוט: זי האָט אָפּגעגעבן דאָס פּעקל כתבים אין יענעם אָרט, פון וואַנען זי האָט עס גענומען.

— דאָס לעגט זיך גאַנץ גוט אויפן שכל—האָט דער רב מיט מיר מסכים געווען—; מ׳דאַרף משער זיין, אַז ס׳איז טאַקי אַזוי די מעשה.

איך האָב מיר מישב געווען מיטן ד״ר בערקאָוויטש ווי אַזוי כ׳זאָל קענען איבערקוקן ליבערמאַנס כתבים. ער האָט מיר דערקלערט, אַז דאָס איז אַן אוממעגליכע זאַך, ווייל ס׳האָט זיך נאָך ניט פאַרענדיגט די צייט פון קאַניקול, און דער אוניווערזיטעט איז צוגעשלאָסן. ער האָט מיר אָבער מבטיח געווען, אַז באַלד ווי עס פאַנגט זיך אָן דאָס נייע לערניאָר און ס׳וועט זיך עפענען דער אוניווערסיטעט, וועט ער איבערשרייבן די נויטיגע בריוו און וועט זיי מיר

צושיקן דורך פּאָסט קיין ווילנע. ער האָט אויך געהאַלטן וואָרט און האָט מיר צוגעשיקט די קאָפּיעס פון עטליכע בריוו, וועלכע פאַרשיידענע שריפטשטעלער האָבן געשריבן ליבערמאַנען וועגן דעם „האמת“, און אין וועלכע איך האָב געפונען פיל אינטערעסאַנטן מאַטעריאַל פאַר מיינע נאָטיצן מכח דעם דערמאָנטן חדש-זשורנאַל, וואָס דאַרפן אינגיכן פאַרעפנליכט ווערן אין אַ באַזונדער אָרט.

---

## III.

לילנבלומס בריוו צו ליבערמאַנען.—דער ויכוח צווישן לילנבלומען מיט ליבערמאַנען צוליב יום-כפּור.—ווי אַזוי מ'קען די זאַך ערקלערן.—ווי דער קומענדיגער היסטאָריקער פון דער ליטעראַטור וועט משפּט'ן לילנבלומען.

איך האָב שוין אויבן געזאָגט, אַז צוויי פון די דערמאָנטע בריוו זיינען געווען לילנבלומס. דער ערשטער בריוו, פון כ״א תמוז תרל״ז, איז קענטיג, געווען אַ תשובה אויף דער איינלאַדונג, וואָס ליבערמאַן האָט אים געשיקט מיטצואַרבעטן אין זיין „האמת“.

לילנבלום שרייבט:

„טרייער פריינד!

שוין לאַנג אַז מיר ווילט זיך וואָס עס איז אָנשרייבן פאַר אייך, אָבער איידער איך בין באַקאַנט מיט אייער פּראָגראַם קען איך מיין רצון גיט ערפילן, ווייל טאָמער שרייב איך וועגן אַזאַ ענין, וואָס פּאַסט גאָר ניט פאַר אייער זשורנאַל. איצטער זיינענדיג צייטווייליג פריי פון מיין פאַמיליע, האָב איך, אייגנטליך, פיל געקאָנט פאַר אייך אַרבעטן, אָבער מיין דאָזיגע פרייקייט (!) האָט גורם געווען, אַז איך זאָל איצטער נעמען אויף מיינע פּלייצעס די משא פון אַ סך גייסטיגע אַרבעטן, כדי מתקן צו זיין, אויף ווי ווייס מעגליך, מיינע יוגנט-זינד. פונדעסטוועגן זאָג איך מיך ניט אָפּ אויך פון אייער אַרבעט, וועלכע דאַרף נוצן ברענגען לייטן, און מיר זיינען גרייט צו פאַרשפּרייטן אַ געוויסע צאָל עקזעמפּלאַרן, ווען זיי וועלן ערלויבט ווערן אָנצוקומען אַהער אין אונזער לאַנד.

זייט אַזוי גוט און גריסט פון מיינטוועגן אונזערע פריינד צוקערמאַן*) און קאַמיאָנסקין, און זייט זיי מודיע, אַז דעם פאַרגאַנגענעם חדש בין איך געווען אין ווילקאָמיר און אין קאָוונע, אין ווילקאָמיר האָב איך אויף אַ געוויסער צייט איבערגעלאָזן מיין פאַמיליע. און זיי זאָלן ניט פאַרבייטן ווילקאָמיר און

---

*) וועגן צוקערמאַנען זעה אויבן זייטלעך 72—50.

קאָוונע אויף לאָנדאָן און האַמבורג, ווייל אויף מיין לעבן איז מיין פוס ניט געווען אַ טריט ווייטער פון רוסלאַנד*).

איך פאַרבלייב מיט דער גרעסטער אַכטונג
צ ל פ ח ד״**).

דער דאָזיגער בריוו באַווייזט אונז קודם־כּל, אַז אין די יאָרן 8—1877 איז לילנבלום געשטאַנען אין זעהר נאָהענטע באַציהונגען צו דעם באַשאַפער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישן דער יידישער יוגנט אין רוסלאַנד, אהרן שמואל ליבערמאַן, אָדער ווי ער האָט דאַן געהייסן: אַרתּור פריימאַן, און אויך צו סאָציאַליסטן־קאָמוניסטן ווי אליעזר צוקערמאַן און צו די אַנדערע פון זייערע חברים, וואָס האָבן געוואוינט אין ווין. ווייטער ווייזט דאָס אונז, אַז לילנבלום האָט געהאַלטן אַ סאָציאַליסטישן חודש־זשורנאַל אין העברעאיש פאַר אַן אַלגעמיין־נוצליכע זאַך, וואָס פאַרדינט מ׳זאָל עס שטיצן און פאַרשפרייטן צווישן פאָלק, און דעריבער האָט ער אויסגעדריקט זיין ווילן צו שטיצן דעם „אמת״ מיט ליטעראַרישער אַרבעט, און אויך צו פאַרשפרייטן אים אונטערן פאָלק.

דער צווייטער בריוו איז געווען געשריבן דעם פערטן אָקטאָבער 1878. כּדי דער לעזער זאָל ריכטיג תּופס זיין זיין אינהאַלט, געפין איך פאַר נויטיג צו געבן דאָ די פאָלגנדע ערקלערונג:

לילנבלומס באַקאַנטער אַרטיקל „משנת אלישע בן אבויה״, וועלכער איז פאַרעפנטליכט געוואָרן אין העברעאישן חדש־זשורנאַל „אספת־חכמים״ (אַרויס־געגעבן אין קעניגסבערג דורך ראַדקינזאָנען אונטער דער רעדאַקציע פון בן־נץ—ווינטשעווסקי), איז געשריבן געוואָרן לכתחלה לויט ליבערמאַנס בקשה

*) די דאָזיגע אומפאַרשטענדליכע ווערטער ווערן אונז דערקלערט דורך די פאָלגנדע שורות, וועלכע מיר געפינען אין איינעם פון די בריוו, וואָס לילנבלום האָט געשריבן צו זיין געליבטער („דרך תשובה״ זייטל 12): „ה׳ ב״ד (ער מיינט מיט דעם: בר־דרורא—ליבערמאַן) שרייבט מיר פון ווין פאָלגנדעס: הערט זיך איין און איר וועט שטוינען: איידער איך האָב פאַרלאָזן לאָנדאָן האָב איך געהערט, אַז איר, דער מחבר פון „חטאת־נעורים״ זייט אַהין געקו־מען; איך האָב אָבער געמוזט אָפּפאָרן און האָב אייך ניט געקאָנט זעהן. דערנאָך בין איך נעקומען קיין האַמבורג׳ און דאָרטן אין האָטעל האָט מען מיר געזאָגט, אַז איר האָט דאָרטן פאַרבראַכט עטליכע וואָכן און חתונה געהאַט מיט דעם בעל־אכסניא׳ס טאָכטער און אַוועקגע־פאָרן ניט באַצאָלנדיג אייערע חובות, וועלכע איר האָט צוגעזאָגט אָפּצושיקן פון לאָנדאָן. מ׳האָט זיך ביי מיר נאָכגעפרעגט וועגן אייך, צי איז דאָס אמת, אַז אייער צוועק איז צו פאָרן קיין אַפריקע אָדער קיין אַוסטראַליע אָנצוקלייבן דאָרט געלט און נעמען זיך פאַר רבנות. אייער ספר האָט ער ניט געהאַט; ער האָט מיר געזאָגט, אַז איר האָט קיין פרוי ניט, און אַז איר זייט נאָך קיין 30 יאָר ניט אַלט. חילט איר מודיע זיין אין די צייטונגען, אַז איינער אַ מענש באַנוצט זיך מיט אייער נאָמען? דורך דעם וועט איר באַשיצן אייער כּבוד. דער מאַן קען העברעאיש.

**) לילנבלומס פּסעוודאָנים אויף זיין „חטאת־נעורים״.

פאַר זיין „האמת". אין זיין ספר „דרך־תשובה" (זייטל 21) דערציילט לילנ־בלום: ה' ב"ד (די איניציאַלן פון די ווערטער בר־דרורא־פריימאַן — ליבערמאַנס פסעוודאָנים) האָט זיך צו מיר געווענדט מיט דער בקשה, אַז איך זאָל פאַר אים אָנשרייבן אַ מאמר וועגן אלישע בן אבויה'ן. כאָטש איך בין געווען באַ־שעפטיגט מיט מיינע לימודים, האָב איך מיך פונדעסטוועגן ניט געקענט אָפּ־זאָגן פון אַ ליטעראַרישער אַרבעט, צו וועלכער איך בין געוואוינט געווען, און האָב פאַר אים אָנגעשריבן אַ גרויסן אַרטיקל, לויט ווי ער האָט פון מיר פאַר־לאַנגט. ער האָט זיך אָבער אָפּגעדרוקט ניט דאָרטן, נאָר אין אַן אַנדער זשור־נאַל, וואָס איז אַרויס אין קעניגסבערג".

כדי פאַרשטענדלעך צו מאַכן דעם ענין האָט לילנבלום אָנגעשריבן אַ הקדמה צו זיין „משניות" אין דער פאָרם פון אַ בריוו, וואָס אלישע בן אבויה האָט געשיקט צו די יידישע יונגע לייט, וואָס רייבן זיך אַרום די תלמידי־חכמים און גרייטן זיך צו צו פאַרנעמען די שטעל פון פאָלקס־לערער. כדי שטאַרקער צו מאַכן דעם רושם האָט לילנבלום אָנגעמערקט פון אָנהויב בריוו, אַז ער איז געשריבן געוואָרן אום יום־כפור. ביי אים איז אויסגעקומען, אַז אַזוי פאַסט פאַר אַ מענטשן ווי אחר, וועלכער האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם יאָך פון תורה און מצוות און האָט געוואָלט דינען מיט דעם אַלס מוסטער פאַר אַנדערע. אָבער ליבערמאַן האָט בשום אופן ניט מסכים געווען צו דער דאַטע. דאַן האָט לילנבלום פאַר אים פאָרגעלעגט אַזאַ מין פשרה: ער וועט ניט שרייבן מפורש „יום־כפור", נאָר ער וועט דאָס מאַכן דורך אַ וואונק, אויף וועלכן דער לעזער וועט זיך אַליין אָנשטויסן. ליבערמאַן האָט זיך אָבער איינגעעקשנ'ט און האָט ניט געוואָלט אַריינלאָזן זיך אין קיין שום פשרה, אין דאָס האָט, ווי עס ווייזט אויס, געווירקט אויף לילנבלומן איבערצוגעבן זיין „משניות" בן נצ'ן, דעם רע־דאַקטאָר פון „אספת־חכמים", וועלכער האָט דערפון ניט געמאַכט קיין וועזן און האָט פאַרעפפענטליכט דעם הקדמה־בריוו אַזוי ווי ער איז מיט דער דאַטע „יום־כפור" אין דער שפּיץ.

און דאָס איז, וואָס לילנבלום האָט געשריבן ליבערמאַנען וועגן דעם דאָזיגן ענין:

„מיין פריינד!

אייער בריוו האָבן מיר ערהאַלטן. וועגן דאַטום קענט איר אייך טאָן ווי איר ווילט. אויב איר ווילט, שרייבט: „יום בו היהודים דומים למלאכים זכים מעוול" (דער טאָג, אין וועלכן די יידן זיינען גלייך צו מלאכים, וואָס זיינען ריין פון זינד) לפ"ק, אָדער אָט דעם פרט: „יום שהיהודים מדומים למלאכי־אל" (דער טאָג ווען יידן זיינען געגליכן צו מלאכים), און דורך דעם וועט איר, ווי מיר דאַכט יוצא זיין געגן אייער חוב אופן בעסטן אויפן! דעם משניות וועל איך פאַרטיג מאַכן און איר קענט שרייבן „משנת", און אויב איר ווילט, קענט איר צו דעם צולעגן: „וואָס געפינט זיך איצט אין די הענט פון די משנה־דערקלערער, כדי צו מאַכן אויף איר אַ פירוש אויפן שטייגער פון דעם גרויסן

משניות, װעלכער געפינט זיך ביי אייך, ווייל די בית־מדרש לערנער ביי אייך זיינען ניט געוואוינט צו בעשעפטיגן זיך מיט הלכות, אויף װעלכע ס'איז ניטאָ קיין פרוש; אַזעלכע הלכות האָבן ביי זיי ניט קיין ממשות", אָדער אין אַנדערע אויסדרוקן.

דעם „משניות" וועל איך פאַרפאַרטיגן ווען כ'וועל באַקומען די מסכת „אבות דר' נתן" און אויך מסכת „קטנות", ווייל די אַנדערע גרויסע מסכתות געפינען זיך ביי מיר.

אייער פלאַן איז מיר געפעלן געוואָרן, און איך האָב אים ניט וואָס אי־בערצומאַכן אָדער וואָס מוסיף צו זיין אויף אים.

אייער פריינד
צ ל פ ח ד".

און דאָ שטייען מיר פאַר אַ פּסיכאָלאָגישער ערשיינונג, וועלכע פאַרדינט אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט. ליבערמאַן, וועלכער האָט אין יענער צייט אי־בערגעריסן זיינע באַציהונגען צום יידישן גלויבן און צו זיינע טראַדיציעס און האָט דאָס באַקאַנט געמאַכט עפענטליך אין זיינע אַרטיקלען, האָט פונדעסטוועגן ניט געוואָלט טאָן אין זיין סאָציאַליסטישן זשורנאַל אַזאַ זאַך, וואָס איז פיליכט אימ־שטאַנד צו באַליידיגן דעם רעליגיעזן געפיל פון דעם העברעאישן לערער, און לילנבלום, וועלכער האָט זיך געסטאַרעט ביי יעדער געלעגענהייט צו באַטאָנען, אַז פון דער נאַטור איז ער אַ קאָנסערוואַטאָר, וועלכער בענקט נאָך דער טראַדיציע *), לילנבלום, וואָס אין זיין „חטאת־נעורים" דערציילט ער, אַז יום־כפור איז ביי אים געווען דער הייליגסטער טאָג, האָט געוואָלט אָפּטאָן אַזאַ פּראָפּאַנאַציע! און נאָכמער: ער האָט דיך איינגעשפּאַרט, אַז עס מוז אַזוי זיין אפילו נאָך דעם ווי דער רעדאַקטאָר פון „האמת" האָט אים אויפמערקזאַם גע־מאַכט אויף דער ווילדער אומפּאַסיגקייט פון דער זאַך.

און עס איז מעגליך, אַז אָט אין דער ערשיינונג דאַרפן מיר זוכן דעם שליסל צו יענער שווערער רעטעניש: פאַרוואָס האָט לילנבלום אַזוי געוואָלט אין דער לעצטער תקופה פון זיין לעבן צו מאַכן פאַרגעסן לייטן דעם פאַקט, אַז אינ'ם משך פון אַ געוויסער צייט — און דאָס איז געווען נאָכדעם, ווי ער האָט זיך מיאש געווען פונ'ם געדאַנק וועגן פאַראייניגן דעם גלויבן מיטן לעבן — איז ער געווען אַן אָנהענגער פון מאַרקסיזם און פון דער טעאָריע מכוח דעם היסטאָ־רישן מאַטעריאַליזם, און ער האָט אויך שטאַרק סימפּאַטיזירט מיט די, וואָס זוכן דעם אידעאַל צו פאַרווירקליכן, און זיי אונטערשטיצט אין זייער אַרבעט. ס'איז צו גלויבן, אַז דער געדאַנק פון דער יידישער אויפלעבונג, וועלכער האָט אים פון די אָנפאַנג 80־ער יאָרן אָן און ווייטער אינגאַנצן באַהערשט, האָט אויף

*) די דאָזיגע באַטאָנונג קען מען געפינען אין פיל ערטער אין זיין ווערק „חטאת־נעורים". אַזוי שרייבט ער מפירש אין איינ'ם פון זיינע בריוו פונ'ם יאָר 18/8 (זעה זיין ספר „דרך תשובה" זייט 23): „בין איך, זייענדיג זעהר קאָנסערוואַטיוו" א. אז. וו.

אים אַזוי פיל געווירקט, דאָס ער האָט זיך ניט געקאָנט מוחל זיין דעם פאַקט, אַז אין אַ געוויסער צייט האָט ער געטאָן אַ זאַך, וואָס איז עלול צו וואַרפן אויף אים־פאַר די קומענדיגע דורות אַ חשד, און ווען אפילו נאָר אַ שאָטן פון חשד, דאָס אין יענער און יענער צייט איז ער געווען אַ קאָסמאָפאָליט מיט אַ גרויסן אָנהאַנג צו אַסימילאַציע, און דעראיבער האָט זיך אים געוואָלט, אַז דאָס, וואָס עס קען כאָטש עפּעס דערמאָנען זיינע אידייען אין יענע עטליכע יאָר, זאָל פאַרגעסן ווערן אויף אייביג. און ס׳איז גאַנץ מעגליך, אַז נאָר דאָס איז געווען די סבה פון דעם, וואָס אין זיינע „זעמטליכע ווערק״, וועלכע ער האָט צורעכט געמאַכט צום דרוק אַ קורצע צייט פאַר׳ן טויט, האָט ער אַרויס־געוואָרפן אַלע שאַרפע ווערטער און אויסדרוקן, וועלכע ער האָט באַנוצט אין זיינע ספרים אין׳ם פאַרלויף פון דער דערמאָנטער תקופה געגן די נאַציאָנאַלע הייליגטימער פונ׳ם יידישן פאָלק, אָדער פאַרבייטן זיי אויף אַנדערע ווייכערע אויסדרוקן.

געוויס קענען מיר ניט האָבן קיין טענות געגן לילנבלומען פאַר די דאָ־זיגע פאַרענדערונגען. ס׳איז דאָ אַ תלמודיש ווערטל: „דער רצון פון אַ מענשן — דאָס איז זיין כבוד״. אויב ביי זיין לעבן איז ער געווען אויף אַזוי פיל נאַאיוו צו גלויבן, אַז אים וועט זיך איינגעבן אָפּצולייקענען דאָס, וואָס ס׳איז אַזוי שטאַרק בולט אין זיינע אַרטיקלען פון יעדער שורה, האָבן מיר ניט דאָס רעכט אים דערפאַר פאָרוואורפן צו מאַכן. מיר וועלן אָבער אויך ניט האָבן קיין טענות געגן דעם היסטאָריאָגראַף פון דער נייער העבּרעאישער ליטעראַטור, אויב ער וועט קומען און אַרויסטראָגן אַ מיינונג וועגן לילנבלומען אַלס מענש און שריפט־שטעלער ניט לויט לילנבלומס „זעמטליכע ווערק״, נאָר לויט זיינע אַרטיקלען און ספרים פון דער ע ר ש ט ע ר אויסגאַבע...

# די ערשטע יידישע סאציאליסטן אין דער העברעאישער ליטעראטור.

.(1875—1880)

די ניי-העברעאישע ליטעראַטור—איך מיין מיט דעם יענע ליטעראַטור, וואָס האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די גאַנצע משא פון דער מיטלאַלטערליכער סכאָלאַסטיק און טעאָלאָגיע און האָט אָנגעהויבן צו באַקומען, אָדער, ריכטיגער געזאָגט: האָט אָנגעהויבן שטרעבן צו באַקומען אַ וועלטליכן פנים,—די דאָזיגע ליטעראַטור איז נאָך גאַנץ יונג בערך. זי איז ערשט אַלט קאַרגע 80 יאָר. און אָט פאַר דעם משך צייט איז אויסער וואָס זי האָט באַוויזן אָפּצושפּיגלען אין זיך די פאַרשיידנסטע קינסטלערישע שאַפונגס-פאָרמען, אָנגעהויבן פון ראָמאַנטיזם און געענדיגט מיט אימפּערסיאָניזם און דעקאַדאַנס, חוץ דעם האָבן נאָך אויך תמיד אין איר אָפּגעקלונגען כמעט אַלע אידייען-שטרעמונגען פון די מאָדערנע ליטעראַטורן. ס'גייט ניט אַריין אין די ראַמען פון מיין אַרטיקל צו באַטראַכטן די פראַגע, אויף וויפיל די דאָזיגע אָפּשפּיגלונג איז געווען אין איר צייט אַ נאַטירליכע, און אויף ווי ווייט די אַלע עטאַפּן, וואָס די יונג העברעאישע ליטעראַטור האָט דורכגעמאַכט אין איר געשיכטליכן גאַנג, איז געווען „נאָרמאַל״, ד. ה. צוגעפּאַסט צו דער גייסטיגער אַנטוויקלונג פון דעם דורכשניטליכן העברעאישן לעזער. ס'איז גריילאַך מעגליך, דאָס גערעכט זיינען יענע, וואָס ווילן האָבן, אַז דאָס איז אַלץ געווען מער ניט ווי געקינצלט, איבערגעניצעוועט און גענומען אויף פּראָקאַט ביי פרעמדע, אָן קיין שום וואָרצל אין אייגענעם י י ד י ש ן באָדן. דער פאַקט בלייבט אָבער, אַז ס'איז נאָך ביז אַהער ניט געווען קיין איין-איינציגע אייראָפּעאישע געזעלשאַפטליכע, סאָציאַלע, שטרעמונג, וועלכע זאָל ניט האָבן געהאַט איר פאָרשטייער אין דער העברעאישער ליטעראַטור.

דער ערשטער שטרוים פון אַ מאָדערנעם געדאַנק, וואָס האָט אַריינגעדרונגען אין דער העברעאישער ליטעראַטור, איז געווען דער מאַרקסיסטישער סאָציאַליזם. די ערשטע טעאָרעטיקער און באַגרינדער פון דעם היסטאָרישן מאַ-

רעאַליזם אויף דער יידישער גאַס האָבן זיך באַוויזן אין דער העברעאישער ליטור. עטליכע פון זיי זיינען מיט דער צייט געוואָרן אָנפירער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער יוגנט; אַנדערע פון זיי זיינען אַריבער צום רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם און האָבן געשפּילט אַ באַדייטנדע ראָלע אין דער אַלגעמיינער באַוועגונג. אָבער כמעט אַלע האָבן זיי ניט געקאָנט לייכט אַריבערטראָגן דעם ריס פון דער טראַדיציאָנעל־נאַציאָנאַליסטישער שטימונג (פון אַ יידיש־נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע האָט מען נאָך דעמאָלט ניט געוואוסט). אַנדערע האָבן געזוכט צו מאַכן צו פשרות און געפינען אַ סינטעז צווישן דער קאָסמאָפּאָליטישער שטרעמונג מיט דעם סבל־הירושה פון זייער יידישקייט, און ניט קענענדיג דאָס דורכפירן, זיינען זיי אונטער דעם דרוק פון שטאַרקן אינווייניגסטן קאַמף אַרומגעגאַנגען כל ימיהם מיט פאַרביטערטע הערצער און צעבראָכענע נשמות, און זיינען אַוועק פון דער וועלט אין גרויס בענקעניש נאָך דעם זיידען, דעם סימבאָל פון גאַנצקייט און האַרמאָניע. נאָר אַ קלענער טייל, אויב ניט דער קלענסטער, האָט זיך באַרוהיגט, אָפּגעשטעלט אויף דעם יידיש־נאַציאָנאַלן געדאַנק, וועלכער האָט זיך פונאַנדערגעשפּראָצט אין אָנהויב 80־ער יאָרן פון פאָריגן יאָרהונדערט.

אין מיין אַרטיקל וויל איך דורכפירן פאַר די לעזער אַ קליינע גאַלעריי פון די מער באַדייטנדערע ערשטע יידישע סאָציאַליסטן אין דער העברעאישער ליטעראַטור.

---

## I.

קאָווּנערס אַרויסטריט נעגן דער ראָמאַנטיק אין דער העברעאישער ליטעראַטור.—לילנבלום אַלס פּאָפּולאַריזאַטאָר פון פּיסאַרעווס און טשערנישעווסקיס אידייען.—שלום־יעקב אַבראַמאָוויטש אַלס קריטיק־רעאַליסט.

אינמיטן די 50־ער יאָרן פון פאָריגן יאָרהונדערט, בעת די נייע העברעאישע ליטעראַטור איז נאָך געווען זעהר יונג, כמעט אַט ערשט פון די ווינדעלאַך אַרויס, האָט אין איר געוועלטיגט אַ אידעאַליסטיש ראָמאַנטישע שטימונג. אברהם מאפו, וועלכער האָט זיך געפונען אינגאַנצן אונטער דעם איינדרוק פון דער פראַנצויזישער ראָמאַנטישער שול, האָט דאַמאָלט געשריבן זיינע היסטאָרישע ראָמאַנען, וואָס האָבן אַריבער געטראָגן דעם לעזער אין דער בליהענדיגסטער עפּאָכע פון דעם יידישן זעלבסטשטענדיגן פּאָליטישן לעבן מיט דריי טויזנט יאָר צוריק; אָדם הכהן לעבנסאָן האָט זיך געגריבלט אין די אייביגע לעבנס־רעטענישן און פאַרטיפט זיך אין די סבות פון דעם גרויסן וועלטשמאַרץ; זיין טאַלענטפולער, צו יונג פאַרשטאָרבענער זון, מיכה יוסף, האָט

מיט אַ שטאַרקער לירישער התלהבות באַזונגען אונזערע היסטאָרישע פאָלקס־העלדן; קלמן שולמאַן און שמחה פּאָזנער האָבן מזכּה געווען דעם העברעאישן לעזער־פּובליקום מיט די איבערזעצונגען פון אייזען סיו׳ס בולוואַר־ראָמאַנען; יידישע פּובליציסטן האָבן מיט גרויס היץ פּאָלעמיזירט מיט קליינשטעטלדיקע רב׳לאַך וועגן פּת עכו״ם, און באַרימטע יידישע געלערנטע, ווי דער פּאַדוער פּראָפעסאָר שמואל דוד לוצאַטאָ (שד״ל), האָבן זיך אָבגעגעבן מיט איינטייטשן שווערע פּסוקים פון תנ״ך,—אין יענער צייט האָבן זיך מיט אַמאָל, גאָר פון העלער הויט, געגומען הערן אין דער העברעאישער ליטעראַטור, פון אָנהויב אין גאַנץ שוואַכע טענער, אָבער וואָס ווייטער אַלס הילכיגער, אַלץ דרייסטער, אָט אַזעלכע סאָרטן טיראַדן: איר מענשן־שרייבער! איר מענשן־אויפקלערער! וואָרום זייט איר זיך עוסק אין אַזעלכע הבלים? ווי קומט איר צו האָבן וואָס צו טאָן מיט קברות־בלעטלאַך? וואָס טויג אונז דער טויטער עבר? גיט אונז עפּיס ניצליכס, ממשות׳דיגס, רעאַלס! לעבן גיט אונז! לעבן! פּאָפּולאַריזירט בעסער פאַרן פאָלק די פאַרשיידענע נאַטורוויסנשאַפטן, מאַכט אים באַקאַנט מיט די יסודות פון דער מאַטעריע. דורך דעם וועט איר אים לערנען לעבן פאַר זיך אַליין און פאַרן צווייטן. מיט די דאָזיגע פאָדערונ־גען צו דער ניי־העברעאישער ליטעראַטור און צו אירע שרייבער איז דאַמאָלסט געקומען דער ערשטער העברעאישער קריטיקער. אורי קאָוונער האָט ער געהייסן. דאָ האָט מען אָבער געהערט מער קאָוונערס קול. די הויפּט־געדאַנ־קען, און אפילו די ווערטער, אין וועלכע זיי זיינען אויסגעדריקט געוואָרן זיינען געווען ניט זיינע, נאָר דעם רוסישן קריטיקערס פון יענער צייט, פּי־סאַרעוו, וואָס שטיצנדיג זיך אויף די טעאָריעס פון ביכנערן, פייערבאַכן, שליידענען און אַנדערע, האָט ער זיך געוועגדט מיט דיזעלביגע טענות, און כמעט וואָרט ביי וואָרט, צו די רוסישע שריפטשטעלער אין זיין עפּאָכע.

מיט זעהר אַ שאַרפן פּראָטעסט געגן דעם ראָמאַנטיזם אין דער ניי־העברעאישער ליטעראַטור און געגן איר אָפּגעריסנקייט פון די ממשות׳דיגע לעבנס־פּראָבלעמען, איז אין אַ פּאָר יאָר אַרום אַרויסגעטראָטן אויך לילנ־בלום. אין איינעם פון זיינע קריטישע אַרטיקלען האָט לילנבלום אויסגעשריען מיט גרויס ביטערניש: ס׳טייטש, ווי קומט דאָס, אַז אין דער צייט, וואָס אין דעם גאַנץ דיינקנדיג אינטעליגענטן רוסלאַנד קאָכט און רעש׳ט מיט די נייע אידייען, וועלכע זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון פּיסאַרעוון און טשערנישעווסקין, ווי אַן ענטפער אויף דער גרויסער פּראָבלעם וועגן אַלגעמיינעם וואוילשטאַנד,— אין דערזעלביגער צייט זיצן אונזערע בכבודע ליטעראַטן און פאַרנעמען זיך מיט הימלשע פאַנטאַזיעס און מיט שטותים. גיט אונז אַ שטיקל טרוקן ברויט! גיט אונז פּרישע לופט! טראַכט וועגן דער רוה און דעם גליק פון אונזערע אומ־גליקליכע שוועסטער און ברידער! ראַטעוועט אונזער יוגנט פון אונטערגאַנג! ווייזט איר אָן דעם ריכטיגן לעבנס־וועג, זי זאָל ניט דאַרפן פטרן אירע כּחות אין פינסטערן אַרומבליאָנדזעניש!

אין נאָך אַ פיל בולט׳ערן אופן האָט זיך אַרויסגעוויזן דער אײַנפלוס פון פיסאַרעוון און טשערנישעווסקען אויף לילענבלומען אין זיין קריטיק וועגן מאַפּוס האַלב רעאַליסטישן ראָמאַן „עיט צבוע״. אין דער דאָזיגער קריטיק האָט זיך לילענבלום אַרויסגעזאָגט בפירוש קעגן די עסטעטיקער וואָס האַלטן, אַז די ריינע קונסט איז אַ צוועק אַליין פאַר זיך, און האָט אונטערגעשטיצט פיסאַרעווס באַקאַנטן פּאַראַדאָקס, אַז „אַ פּאָר שטיוול האָט מער ווערט פון אַלע שעקספּירס שאַפונגען״. קודם כל דאַרפן מיר — אַזוי האָט לילינבלום געשריבן — אַז אונזערע קינסטלער זאָלן שטעלן זייער בליק אויף דער רעאַלער ווירקליכקייט, אַז זיי זאָלן זעהן אַרויסרופן ביים לעזער אַ ניכטערן קוק אויפן לעבן, באופן, אַז ער זאָל אויפהערן צו בלאָנדזיען אין אַ וועלט פון פּוסטע חלומות און פאַנטאַזיעס, און אַז ער זאָל סוף כל סוף פאַרשטיין, דאָס ס׳איז ניטאָ קיין אַנדער צוועק אין לעבן חוץ דעם לעבן אַליין, אַז דער יסוד און דער צענטער פון דעם אַל־געמיינעם וואוילשטאַנד איז נאָר דער יחיד, דער פּרט וואָס שטייט מיט ביידע פיס אויף דער רעאַלער ערד און באַשעפטיגט זיך מיט נוצליכער אַרבעט, וועל־כע ס׳איז אים ליב און וועלכער ער איז טריי ערגעבן.

דעם באַקאַנטן פיסאַרעווס טעזיס, אַז „דער מענטש פאַר זיך אַליין איז טייערער פון אַלץ אין דער וועלט״ האָט לילנבלום טאַלענטפול און ענערגיש דורגעפירט אין אַ שורה אַרטיקלען. אין די זעלביקע אַרטיקלען האָט ער פאַר־טיידיקט טשערנישעווקעס אידייע, אַז די מענטשליכע פּערזענליכקייט, דער אינ־ווידואום, מוז באַפרייט ווערן פון די אַלערליי קייטן, וועלכע ווערן אויף איר אַרויפגעלייגט הן מצד דער פאַמיליע, הן מצד דער געזעלשאַפט, און בכלל, מצד די אַלע פאַרשיידענע באַדינגונגען, וואָס שטערן איר פרייע אַנטוויקלונג. נאָר די פריי אַנטוויקלטע, נאָר די שטאַרקע מענטשליכע פּערזענליכקייט קאָן לעבן מיט נוצן פאַר זיך אַליין און פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, — דאָס איז געווען די לעצטע מסקנה פון לילנבלומס קריטישע מאמרים אין סוף 60־ער יאָרן פון פאָריגן יאָרהונדערט.

צו דערזעלביגער קאַטעגאָריע שריפטשטעלער דאַרף מען נאָך צורעכענען אויף שלום יעקב אבראַמאָוויטשען (מענדעלע מוכר ספרים), וועלכער האָט אין זיין צייט געשמ׳ט ווי אַ בעלינסקי פון דער העבראישער ליטעראַטור. אַבראַמאָוויטש האָט נאָך אַ געוויסע צייט פאַר קאָוונערן באַקעמפט דעם מליצה־זשאַנר און די פאַלשע באַגריפן וועגן דער אמת׳ער השכלה, וועלכע האָבן זיך גענומען אַיינוואָרצלען אין דער העברעאישער ליטעראַטור, האָט שטאַרק אַגי־טירט פאַר דער פאָפּולאַריזירונג פון די אוטיליטאַרע וויסענשאַפטן און האָט דאָס מקיים געווען בפועל ממש אין אַ ריי פאַרשיידענע אַרטיקלען, און באַזונדערס אין זיין זעהר פאָפּולערער העברעאישער באַאַרבעטונג פון לענצ׳ס געשיכטע פון דער נאַטורוויסנשאַפט.

און די אַלע געדאַנקען וועגן קונסט און עסטעטיק, די אַלע מיינונגען וועגן דער גרויסקייט און דער וויכטיקייט פון „רעאַליזם״ און וועגן דער נישטי־

קייט פון פוסטקייט פונ׳ם „אידעאַליזם״ צוזאַמען מיט די פּאָדערונגען בנוגע דער באַפרייאונג פון דער מענטשליכער פּערזענלעכקייט, האָבן ביסלעכווייס פּאַרפּאַרטיגט און צוגעגרייט אין דער נייהעברעאישער ליטעראַטור דעם באָדן פאַר אַ פּיל עקסטרעמערער אידייע,—פאַרן—ס אָ צ י אַ ל י ז ם.

---

## II.

די באַוועגונג פון „נאַראָדניטשעסטוואָ״ אין רוסלאַנד.—דער אָנטייל פון יידישע סטודענטן אין דער באַוועגונג.—די ערשטע קליינע חברות פון יידישע סאָציאַליסטן-קאָמוניסטן.—סאָציאַליסטישע אַגיטאַציע דורך ה ע ב ר ע א י ש.—סמאָלענסקינס „ה ש ח ר״ אַלס צענטער פון דער דאָזיגער אַגיטאַציע.—מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס?—די דריי צענטערס פון דער יידיש-סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע.

ווי באַוואוסט האָט זיך אין די ערשטע 70-ער יאָרן פונם פאָריגן יאָר-הונדערט אַנטוויקלט צווישן אַ געוויסן טייל פון דער רוסישער אינטעליגענטער יוגנט אַ שטאַרקע סאָציאַליסטישע באַוועגונג, וועלכע איז באַקאַנט געווען אין איר צייט אונטערן נאָמען „נאַראָדניטשעסטוואָ״. געציילטע יידישע סטודענטן, וועלכע זיינען מיט דער דאָזיגער רוסישער יוגנט געקומען אין אַ שטענדיגער באַרירונג און זיינען דורך איר שטאַרק פאַראינטערעסירט געוואָרן מיט די אידייען און פּראָבלעמען פון דעם רוסישן אולטראַ-פּראָגרעסיוון געזעלשאַפטליכן לעבן, זיינען אויך צוגעשטאַנען צו דער דערמאָנטער באַוועגונג, און בשעת צווישן דער רוסישער אינטעליגענץ האָבן זיך אָנגעהויבן דאָס אַזויגערופענע „גיין אין פאָלק״, זיינען מיט איר מיטגעגאַנגען אויך קליינע הייפלאַך פון יידישע געבילדעטע יונגע לייט. אין גרויסע צענטערס ווי ווילנע, קיעוו, מאָהליעוו און אַנדערע יידישע שטעט האָבן זיך געגרינדעט קליינע חברות פון יידישע סאָציאַליסטן-קאָמוניסטן, וועלכע האָבן פאַר זייערע אידייען געזוכט צו פירן אַ שטילע אַגיטאַציע אונטערן פאָלק, און די ערשטע צייט באַזונדערס צווישן ישיבה-לייט און קלויזניקעס.

צו ד ע ם צוועק האָבן זיך די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן געמוזט, באין ברירה, באַנוצן מיטן י י ד י ש ן וואָרט. האָבן אָבער די דאַמאָלסדיקע יידישע סאָציאַליסטן איינגעזאַפּט אין זיך פון דער משכיל׳שער שול, אין וועלכער זיי זיי האָבן זיך כּמעט אַלע ערצויגן, אַ שטאַרקע שנאה צו דעם „זשאַרגאָן״. אגב איז אין יידיש דעמאָלט אַרויס נאָר די איינציגע וועכנטליכע צייטונג „קול מבשר״, וואָס האָט געהאַט פאַר אַ רעדאַקטאָר צ ע ד ע ר ב ו י מ ע ן, וועלכער איז געווען אַ פּאָליטיש שוין צופיל כשרער ייד, אַן אויסגעשפּראָכענער געגנער פון יעדער ראַדיקאַלן געדאַנק, און דערצו האָבן נאָך בייזע צינגער אויף אים

מרנן געווען, אַז ער נוצט אַמאָל אויס זיין לאָיאַליטעט אַלס אַ גוטן געשעפט. אָט האָט מען קיין אַנדער אויסוועג ניט געפונען ווי נאָר אָפּצושטעלן זיך אויף ה ע ב ר ע א י ש.

און אָט דאָ שטייען מיר פאַר זייער אַ כאַראַקטעריסטישער ערשיינונג. אין יענער צייט איז ביי די אָנהייגער פונם סאָציאַליסטישן געדאַנק געווען פאַררעכנט אַלס הלכה פסוקה, אַלס אַקסיאָמע, אַז דער נאַציאָנאַלער פאַקטאָר שפּילט קיין שום ראָלע ניט אין דער קולטורעלער אַנטוויקלונג פון דער מענשהייט, און זיי האָבן געזאָגט, אַז נאַציאָנאַליזם איז פונקט דער היפך, פונקט דער קאָנטראַסט פון סאָציאַליזם. אין בעסטן פאַל האָבן זיי געקוקט אויפן נאַציאָנאַליזם ווי אויף אַן אָפּגעשלאָגענע הושענה. דעריבער איז גאַנץ פאַרשטענדליך, אַז די לאָגיק אַליין האָט געטריבן דעם יידישן סאָציאַליסט אָפּצוזאָגן זיך לגמרי פון נאַציאָנאַלן עלעמענט. דער אָנפירער פון דער ערשטער יידישער סאָציאַליסטישער חברה אין ווילנע,—ז ו נ ד ע ל ע ו ו י ט ש, דערציילט אין זיינע זכרונות בזה הלשון: „פאַר אונז אַלעמען האָט די יידישקייט אַלס נאַציאָנאַלער אָרגאַניזם קיין ממשות ניט געהאַט; ביי אונז איז אויסגעקומען, אַז די יידישע נאַציאָנאַליטעט האָט ניט קיין שום עקסיסטענץ-באַרעכטיגקייט, האָט ניט קיין זכות=הקיום. דער הויפּט=עלעמענט, וואָס בינדט צונויף אַלע יידן צוזאַמען, די רעליגיע, איז פון אונז באַטראַכט געוואָרן אַלס אומבאַדינגט רעגרעסיווער פאַקטאָר; אויפן פּשוטן לשון הייסט דאָס, אַז די יידישקייט איז פון אונז באַטראַכט געוואָרן אַלס אַ הייקער, פון וועלכן מ'דאַרף זוכן מיט אַלע מיטלען פּטור צו ווערן. דער יידישער נאַראָדניק האָט געפונען פאַר זיין מאָראַלישן חוב מקריב צו זיין אַלע כחות פאַר דעם וואוילשטאַנד פון די אַרבעטנדיגע קלאַסן, און היות ווי זיין אייגן פאָלק, דאָס יידישע, איז דאָך אַ פאָלק פון לויטער קליינהענדלער און סרסורים, איז דעריבער קיין וואונדער ניט וואָס פאַר אים, פאַרן יידישן נאַראָדניק, האָט דער דעוויז פון „גיין אין פאָלק אַריין" געהייסן אין „ר ו ס י ש ן פאָלק". נאָך איינער פון די ערשטע יידישע נאַראָדניקעססאָציאַליסטן, דער באַקאַנטער העברעאיש=יידישער שריפטשטעלער ו ו י נ ט ש ע ו ו ס ק י, וועגן וועלכן איך רייד אויספירליך אין איינעם פון די ווייטערדיגע קאַפּיטלאַך,—שרייבט אין זיינע עראינערונגען: „מיר זיינען אַלע געווען נאַראָדניקעס, און די פויערים זיינען געווען אונזערע ברידער".

און די דאָזיגע ערשטע יידישע סאָציאַליסטן, וואָס אין זייער פּראָגראַם איז אַריין איבערצורייסן די לעצטע פעדים, וועלכע פאַרבינדן זיי מיט דער יידישער נאַציאָנאַליטעט, און וואָס האָבן דאָס טאַקע אויך מקיים געווען בפועל ממש,—האָבן ניט געפונען קיין אַנדער אָרט פאַר זייער אַגיטאַציע ווי נאָר דוקא אין דעם העברעאישן חדש=זשורנאַל „ה ש ח ר", וועלכער איז געווען דער פלאַמענדיגסטער קעמפער ניט בלויז פאַרן אַ ב ס ט ר אַ ק ט ן יידישן נאַציאָנאַלגעדאַנק, נאָר אויך פאַר דער ר ע אַ ל ע ר יידישער נאַציאָנאַלער אויפלעבונג

פון דער אַנדער זייט איז אין פלוג שווער צו פאַרשטיין, ווי קומט דאָס,

וואָס אַזאַ ברענענדיגער נאַציאָנאַליסט ווי סמאָלענסקין איז געווען, זאָל פראַנק און פריי פּוגאַנדערפענען זיין „השחר" פאַר דער אַגיטאַציע פון דעם סאָציאַ־ליסטישן געדאַנק, וועלכער איז גרונד געגומען, געבויט אויף דער קאָסמאָפּאָ־ליטישער אידעאָלאָגיע, און גראָבט שוין דורך דעם ממילא איגנאַנצן אונטער דעם יידיש־נאַציאָנאַלן געדאַנק? —

די דאָזיגע, אין פלוג, רעטזעלהאַפטע טאַקטיק בנוגע צום ה„שחר" הן מצד די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן און הן מצד סמאָלענסקינען, ווערט אונז דערקלערט נעמענדיג אין אַכט די פאָלגנדע טעמים:

דער „שחר" זייענדיג אין זיין אַרט צערשטערעריש־רעוואָלוציאָנעריש, איז געווען דער באַליבטעסטער אָרגאַן פון דער יידישער אינטעליגענטישער יוגנט, און באַזונדערס האָט ער געהאַט אַן אומגעהייער שטאַרקן איינפלוס אויף די ישיבה־בחורים און וואוילערנער, — די מער דיינקענדערע עלעמענטן אין יידנטום, און דוקא זיי האָבן די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן געזוכט צו גע־ווינען פאַר זייערע אידייען. דערצו דאַרף מען נאָך באַמערקן, אַז כמעט דער גרעסטער טייל פון די דאַמאָלסדיגע יידישע סאָציאַליסטישע אָנפירער, אַליין נעכטיקע קלויזניקעס, האָבן אומבאַוואוסטזיניג סימפּאַטיזירט מיט העברעאיש, אַלס דעם לשון פון דער השכלה.

סמאָלענסקין ווידער האָט ערשטנס געהאַט אַ גרויסע חולשה צו אַ שיינער העברעאישער שפּראַך. צוליב דעם שיינעם לשון האָט ער גאַנץ אָפט מותר גע־ווען אויפ'ן אינהאַלט. און גראָד איז געווען דער פאַל, אַז דוקא די העברעאי־שע אידעאָלאָגן פונ'ם מאַרקסיזם האָבן יעדערער געהאַט זעהר אַ פיין אויסגע־אַרבעטן העברעאישן סטיל. צווייטנס איז סמאָלענסקין אַזוי געווען זיכער אין דער איבערצייגונגס־קראַפט פון זיינע אידייען, — אַ זאַך, מיט וועלכער ער האָט ליב געהאַט צו שטאָלצירן אין זיין אייגענעם „השחר" — אַז ער האָט קיין מורא ניט געהאַט פאַר קיין שום פרעמדן געדאַנק, וואָס אַנדערע האָבן אַריינגעטראָגן צו אים אין זיין מחיצה.

אָבער ווי און פאַר וואָס די מעשה זאָל ניט זיין, — אַ פאַקט איז, אַז סמאָ־לענסקינס „השחר" איז געווען אין זיין צייט דער איינציגער אָרגאַן, מיט וועלכן די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן האָבן זיך באַנוצט אָנצופירן דורך אים זייער אַגיטאַציע צווישן דער יידישער יוגנט.

ווי איך האָב שוין דאָ פריער געזאָגט זיינען די ערשטע יידישע סאָציאַ־ליסטישע חברות געווען צעוואָרפן איבער די דריי גרויסע צענטערס: ווילנע, קיעוו און מאָהילעוו. לויט דער איינטיילונג פון דער אַרבעט האָט איט־ליכער פון די דאָזיגע דריי צענטערס געהאַט אַ באַזונדער פאָרשטייער, וועלכער איז באַפולמעכטיגט געוואָרן פון זיינע חברים אָנצופירן מיט דער סאָציאַליסטי־שער אַגיטאַציע אין „השחר".

מיר ווילן פּרובן איבערגיין צו יעדער איינציגן פון די דאָזיגע דריי צענטערס.

---

## III.

ווילנער ראַבינער־שול אַלס נעסט פון יידיש־סאָציאַליסטישן צענטער.—י. ל. ק אַ נ־ ט אָ ר ס סאָציאַליסטישער שיר אין „השחר״.—ל י ב ע ר מ אַ ן.—זיין ערציילונג „חזות הכל״.—דער איינדרוק פון דער ערציילונג אויך די העברעאישע לעזער.— י. ל. ב ן ־ ד ו ד (דאַווידאָוויטש).

דער נעסט פון׳ם ווילנער סאָציאַליסטישן צענטער איז געווען די ראַבי־נער־שול. די מער אַנטוויקלטערע תּלמידים פון די עלטערע קלאַסן, וועלכע זיינען געווען שטאַרק באַהאַונט אין דער רוסישער ראַדיקאַלער ליטעראַטור און האָבן זיך אָנגעזאַפּט ניט בלויז מיט די געדאַנקען פון פּיסאַרעוון און טשערני־שעווסקען, נאָר אויך מיט די גרונדאידייען פון דאַרווין, מאַרקס, לאַסאַל און די אַנדערע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער, זיינען אַלע געווען איבערגעגעבן דעם סאָציאַליזם. די אַלע שמירה־מיטלען, וואָס די אַדמיניסטראַציע פון ראַבינער־שול האָט אָנגענומען צו פאַרהיטן דער אַנשטאַלט פון דער סאָציאַליסטישער געפאַר, האָבן צו קיין רעזולטאַטן ניט געפירט. אַפילו נאָך דעם ווי די פאַרוואַלטונג האָט ביי עטליכע תּלמידים אָפּגענומען זייער חדש׳דיקע פּענסיע, און עטליכע, די מער פאַרדעכטיגערע, האָט זי פּשוט אַרויסגעטריבן, האָט די ראַבינער־שול ניט אויפגעהערט צו זיין דער מקום־מקלט פון דעם ווילנער יידישן סאָציאַליזם.

בשעת ס׳איז אין אַלגעמיין אָנערקענט געוואָרן די נויטיגקייט פון דער העברעאישער אַגיטאַציע פאַר׳ן סאָציאַליזם, האָט דער ווילנער צענטער דאַמאָלס דערצו באַפולמעכטיגט איינעם פון זיינע חברים די ראַבינער־שילער. דער דאָ־זיגער שילער איז געווען דער גוט באַקאַנטער העברעאיש־יידישער שריפטשטע־לער ד״ר ל. ק אַ נ ט אָ ר. מיר, אין אונזערע צייטן, האָבן שוין געקענט קאַנ־טאָרן אַלס העכט כשר׳ע, לאָיאַלע פּערזענליכקייט; אין די מיטעלע 70־ער יאָרן אָבער, זיינענדיק אַ תּלמיד פון דער ווילנער ראַבינער־שול, האָט ער געשמ׳ט אַלס פאַרקאָכטער סאָציאַליסט, ווייל קאַנטאָר האָט שוין אין יענער צייט גע־האַט אַ נאָמען אַלס באַגאַבטער העברעאישער זשורנאַליסט, דעראיבער האָט מען דאָס א י ם איבערגעגעבן צו אַגיטירן פאַר׳ן סאָציאַליזם אין „השחר״.

צוליב די זעהר שווערע צענזורישע באַדינגונגען פון יענער צייט איז קאַנטאָר ניט געגאַנגען מיט׳ן גלייכן, אָפענעם וועג, און האָט זיין סאָציאַליסטי־שע אַגיטאַציע אַ ר ײ ג ע ש מ ו ג ל ט אין „השחר״ צווישן די פערזן פון אַ ש י ר. אין דעם דאָזיגען שיר, וועלכער הייסט „מ א מ י נ י ם א נ ח נ ו״ („מיר גלויבן״) און איז געשריבן אין דער פאָרם פון אַן אויפרוף צו דער יוגנט („קול לבני

הנעורים"), באַקלאָגט זיך דער דיכטער אויף דער שוואַכער, ביטערער לאַגע פון די אַרבעטער, וועלכע ווערן עקספּלאָאַטירט פון זייערע בעלי־בתּים די ברויט־געבערס. אויסערדעם האָט קאַנטאָר געזוכט אַריינגנב'ענען אין דעם שיר ברעקלאַך כּמעט פון אַלע סאָציאַליסטישע טענדעציעס: אַ פּראָטעסט געגן די זאַטע, די פּאַראַזיטן, וואָס לעבן אויפ'ן חשבון פון דעם אָרימען אַרבעטער, אַ פּראָטעסט געגן דער אומגלייכקייט פון די פאַרשיידענע מענשן־קלאַסן און אַ פּראָטעסט געגן דער אומגערעכטליכער צוריקשטעלונג פון דער פרוי. און פאַרענדיגט האָט זיך דער שיר מיט'ן פעסטן גלויבן, אַז גאָר אינגיכן וועט אָנשטיין די גאָלדענע תּקופה, ווען עס וועלן צובראָכן ווערן די קייטן פון קנעכטשאַפט, פון טיראַניי און דעספּאָטיזם, ווען די מענשליכע פערזענליכקייט וועט באַפרייט ווערן פון אַלע אירע צוואַנגען, און עס וועלן מקוים ווערן די אידעאַלן פון ימות המשיח, ד. ה. פון דעם מאַרקסיסטישן סאָציאַליזם.

איך דאַרף דאָ באַמערקן, אַז דער דאָזיגער שיר איז געווען קאַנטאָרס ערשטער און לעצטער דעביוט אַלס סאָציאַליסטישער אַגיטאַטאָר. מער פון דעם האָט שוין קאַנטאָר אויפן דאָזיגן געביט גאָרנישט אויפגעטאָן. פון דאַמאָלס אָן האָט זיין ליטעראַרישע טעטיגקייט אָנגענומען אַ גאַנץ אַנדער כאַראַקטער.

דאַמאָלס האָט זיך דער ווילנער סאָציאַליסטישער צענטער אָפּגעשטעלט אויף אַן אַנדער חבר, וועלכער איז אויך געווען אַ תּלמיד פון ראַבינער־שול. דער דאָזיגער תּלמיד איז נאָך אפילו דאַן ניט געווען באַקאַנט אַלס זשורנאַליסט, דערפאַר איז ער שוין אָבער געווען באַרימט פאַר אַ גרויסן העבראַיסט. אין אַ קורצער צייט צוּרום האָט זיך אָפּגעדרוקט אין עטליכע ביכלאַך פון "השחר" אַן ערציילונג מיטן נאָמען "חזות הכל" פון אַ נייעם, נאָך גאַנץ אומבאַקאַנטן שריפטשטעלער, וועלכער האָט זיך באַהאַלטן אונטערן פּסעוודאָנים "דניאל איש חמדות". די דערמאָנטע ערציילונג איז אַ מין קאַליידאָסקאָפּ, וואו עס לויפן פאַרביי איינער נאָך דעם אַנדערן בילדער פון די פאַרשיידנסטע סאָציאַלע אומגערעכטיקייטן, וואָס פּאַסירן אין דער וועלט. דערצו איז נאָך די ערציילונג געווען געשריבן אין זעהר אַ שיינעם העבראַיש, אָן מליצות און אָן האַלבע צובראָכענע, צוקאַליעטשעטע פּסוקים, נאָר עפּיס אַזוי לייכט, אַזוי פאַרשטענדליך, אַזוי גלאַט, און אינגאַנצן גענומען אַזוי געשמאַק,—אַלץ אַזעלכע זאַכן, וועלכע זיינען ביי דעם דאַמאָלסדיגען העבראַישן לעזער געווען זעהר אַ גרויסע און אַן אָנגענעמע זעלטנקייט. דעריבער איז קיין וואונדער ניט, אַז אפילו נאָך דעם גרויסן, שרעקליכן חורבן, וואָס דער רויטער בלייפעדער פונ'ם רוסישן צענזאָר האָט אָנגעמאַכט אין דער דאָזיגער ערציילונג, האָט זי אין איר צייט געמאַכט אויפ'ן העבראַישן לעזע־פּובליקום זעהר אַ גוואַלטיגן איינדרוק. אַ לאַנגע צייט נאָך דעם האָט מען נאָך וועגן די נייע געדאַנקען, וועלכע זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרן אין "חזות הכל", זעהר פיל גערעדט און שטאַרק געאַמערט זיך ניט בלויז אין די דאַמאָלסדיגע ליטעראַרישע קרייזן, נאָר אויך

צווישן די בעלי־בתישע לייענער, און באַזונדערס אין די ישיבות און די בתי־מדרשים. דער מחבר פון דער דערמאָנטער ערציילונג וואָס האָט זיך, ווי איך האָב שוין דאָ געזאָגט, פאַרבאָרגן אונטער דעם פסעוודאָנים „דניאל איש חמדות“, איז געווען דער אמתער שעפער, און דער גרעסטער פעהיגסטער אגיטאַטאָר פון דעם יידישן סאָציאַליזם, דער שפּעטערדיגער רעדאַקטאָר פון דעם העברעאישן סאָציאַליסטישן חדש־זשורנאַל „האמת“—אהרן שמואל ליבערמאַן, וועגן וועלכן איך האָב שוין אויבן גאַנץ אויספירליך גערעדט.

אויסער דער אַגיטאַציע דורכ׳ן העברעאישן געדרוקטן וואָרט, האָט דער ווילנער יידישער סאָציאַליסטישער צענטער אָנגעפירט אין העברעאיש אויך אַ שריפטליכע אַגיטאַציע אין דער פאָרם פון פאַרשיידענע אויפרופן, וועלכע זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אין דער פּראָווינץ. בראש פון דער דאָזיגער העברעאישער שריפטליכער אַגיטאַציע איז געשטאַנען אויך איינער, וואָס ערשט אין אַ יאָר 15 אַרום, אין די מיטעלע 80־ער יאָרן, האָט ער אָנגעהויבן נתפרסם צו ווערן אין דער העברעאישער ליטעראַטור אַלס טיכטיגער פּובליציסט און קריטיקער. דאָס איז געווען: י. ל. בן־דוד (דאַווידאָוויטש).

---

## IV.

דער קיעווער צענטער.—ד״ר יצחק קאַמינער.—יהלל.—ווי אַזוי יהלל איז געוואָרן אַ סאָציאַליסט.—זיין שטעל ביי׳ם קיעווער מיליאָנער בראָדסקי.—זיין ערשטער סאָציאַליסטישער שיר „עבד עבדים“.—דער קריזיס אין יהלל׳ס ליטעראַרישער טעטיגקייט.—זיין באַציהונג צום נאַציאָנאַליסטישן גערוואַנג.

די קיעווער גרופּע פון די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן איז באַשטאַנען אין אַ קליינע צאָל סטודענטן פון דעם דאָרטינן אוניווערזיטעט. פון דער דאָזיגער גרופּע זיינען מיט דער צייט אַרויסגעקומען אַזעלכע באַדייטענדע סאָציאַליסטישע פירער ווי לעאָ דייטש און אַקסלראָד. די געהיימע אסיפות פון די קיעווער יידישע סאָציאַליסטן פלעגן פאָרקומען אין דער וואוינונג פונ׳ם באַקאַנטן העברעאישן משורר ד״ר יצחק קאַמינער.

ס׳איז כדאי אָפּצושטעלן זיך אַביסל אויף דער אינטערעסאַנטער פּערזענליכקייט פונ׳ם דאָזיגן ד״ר קאַמינער.

אַליין אַ געבוירענער אין אַ וואָהלינער קליינשטעטל מיט אַן „עילוי׳אישן“ קאָפּ, איז ער דערצויגן געוואָרן פון זיינע אָרטאָדאָקסישע עלטערן אין דער וועג פון תורה און מצוות מיט דער האָפענונג, אַז ס׳וועט פון אים אַרויסוואַקסן אַ „גדול בישראל“, אַ רב אין אַ גרויסער יידישער שטאָט. איז אָבער זייער האָפענונג ניט מקוים געוואָרן. עפּיס ווי פון העלער הויט איז אין דעם יונגן קאַמינער פאָרגעקומען אַן איבערקערעניש. דער ביזאַהעריגער „מתמיד“, וואָס

איז יום ולילה ניט אַרויס פון בית־מדרש, האָט אינדערשטילן אָנגעהויבן צו לערנען וועלטליכע למודים. נאָכדעם איז מען דערגאַנגען, אַז צו דער דאָזיגער איבערקערעניש האָט אים געבראַכט אַן אָנגעפּאָרענער ליטווישער מלמד, וועלכער איז געווען אַ פאַרבאָרגענער „משכיל". דער דאָזיגער מלמד, וועלכער האָט תיכף דערקענט קאַמינערס גלענצנדע פעהיגקייטן, האָט אויף אים משפיע געווען, אַז ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון דער רבנישער קאַריערע און זאָל זיך נעמען צו בילדונג.

קאַמינערס עלטערן האָט דאָס זעהר ניט געשמעקט און האָבן אים נאָכאַנאַנד געמוסרט. אַז זייער מוסר האָט ניט געווירקט, האָבן זיי גענומען דעם זעכצניאָריגן יינגל און האָבן אים מיט גוואַלט חתונה געמאַכט. דאָס האָט אָבער אויך ניט געהאָלפן. דער יונגער בעל־הביתל האָט די „ספרים חיצונים" ניט אַרויסגעלאָזן פון האַנט. זיין יונגע פרוי לאַ די, וואָס זי האָט אים אין דעם ניט געשטערט, האָט נאָך אים פיל געשטיצט און געשטאַרקט אין זיינע שטרעבונגען. ער האָט אָבער פיל געהאַט אויסצושטיין פון זיין פאַנאַטישער פאַמיליע. לסוף האָט ער ניט געקאָנט אויסהאַלטן און אַ יאָר נאָך דער חתונה איז ער אַנטלאָפן געוואָרן פון זיין געבורטס־שטעטל און איז געקומען קיין ווילנע, וועלכע איז אין יענער צייט געווען אַ צענטער פון תורה און חכמה. די ווילנער משכילים, מיט דעם באַוואוסטן געלערנטן ר' שמואל יוסף פין אין דער שפּיץ, האָבן דעם יונגן „בורח" זעהר מקרב געווען און געגעבן אים די מעגליכקייט צו לערנען זיך אום צו דערגרייכן זיין צוועק.

ס'האָט אָבער לאַנג ניט געדויערט און זיין שווער האָט אים אָנגעהויבן צו פאַרוואַרפן מיט בריוו און בעטן זיך ביי אים, אַז ער זאָל רחמנות האָבן אויף זיין עלנדער פרוי און קומען אַהיים. קאַמינער האָט ניט געקענט זעהן דעם צער פון זיין יונגער פרוי און האָט זיך צוריקגעקערט אין זיין קליינשטעטל. דאָרטן האָבן זיך פאַר אים אָנגעפאַנגען שווערע צייטן. אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך געמוטשעט אָפּגעבן מיט אוראָקן כדי מפרנס צו זיין די פאַמיליע, און די איבעריגע צייט האָט ער פאַרבראַכט אויף לערנען זיך אום אויסצוהאַלטן דעם עקזאַמען אַלס לערער אין אַ קרוינישער שול, וואָס עס איז געווען זיין איינציגע שטרעבונג אין יענער צייט. ער האָט זיין ציל דערגרייכט, און באַקומענדיג פון דער זשיטאָמירער פּעדאַגאָגישער קאָמיסיע דעם געווינשטן אַטעסטאַט, איז ער אין אַ קורצער צייט אַרום באַשטימט געוואָרן אַלס לערער פון די העברעאישע למודים אין דער דאָרטיגער צוגרייטונגס־שול צום ראַבינער־סעמינאַר.

קאַמינער האָט זיך נאָך אָבער מיט דעם ניט באַנוגנט. דאָס איז פאַר אים געווען צו ווינציג, און ער האָט גענומען שטרעבן צו עפּיס העכער, און אויך דעם מאָל האָט זיך אים זיין שטרעבונג איינגעגעבן. אין יאָר 1859, זייענדיג שוין אַ פאָטער פון פינף קליינע קינדער, איז ער אַוועק אין קיעוו, און דאָרט איז ער אַריין אין אוניווערזיטעט, וואו ער האָט סטודירט מאַטעמאַ

טיק. אויפן צווייטן יאָר האָט ער זיך אָבער אויסגערעכנט, אַז פאַר אַ יידישן סטודענט, וועלכער איז אַ מטופל מיט אַ ווייב און פינף קינדער לוינט בעסער צו סטודירן מעדיצין, אום צו לעבן דערנאָך פון דאָקטאָריי.

די ערשטע צייט האָט זיך קאַמינער זעהר ניט גוט געלעבט אין קיעוו. פון זיין געלט, וואָס ער האָט פאַרדינט פון אוראָקן, האָט ער אַ טייל געמוזט שיקן דער ווייב קיין זשיטאָמיר, און מיט די איבעריגע דערנערן זיך אַליין. ער איז אָפּגעקומען מיט ברויט און זאַלץ און געוואוינט אין אַן ענגן פינסטערן צימער אויף אַ בוידים־שטיבל. גאַנץ אָפט איז אים אויסגעקומען צו פאַרקויפן אַ וועלכן ס׳איז בוך און קויפן פאַר דאָס געלט ברויט און ליכט. שפּעטער האָט זיך אַביסל זיין לאַגע פאַרבעסערט, און דאַן האָט ער זיין פאַמיליע אַראָפּגעבראַכט קיין קיעוו. אַזוי האָט ער געלעבט ביז ער האָט געענדיגט דעם אוניווערסיטעט. פון דאַמאָלסט אָן איז זיין מאַטעריעלער מצב געוואָרן גאַנץ פעסט. ער איז געוואָרן אַן אַסיסטענט פאַר אינעווייניגסטע קראַנקהייטן ביי׳ם באַקאַנטן פּראָפעסאָר מערינג, און דורך דעם האָט ער געקריגן אין שטאָט אַ גרויסע פּראַקטיקע.

פופצען יאָר האָט קאַמינער געוואוינט אין קיעוו. די פרייע מינוטן פון זיין אומגעהייער גרויסער אַרבעט האָט ער אָפּגעגעבן דער ערציהונג פון זיינע קינדער, וועלכע זיינען געווען אויסערגעוויינלִיך גייסטיג געראָטן. זיין הויז איז געוואָרן איינע פון די גרעסטע געבילדעסטע הייזער אין קיעוו. אַליין פון די אַלטע משכילים מיט אַ גרויסע ערודיציע אין העברעאיש, האָט ער זיך פונדעסטוועגן געפונען מער אונטער דעם איינדרוק פון דער דאַמאָלסדיגער רוסישער ליטעראַטור, און איז געוואָרן אינגאַנצן באַהערשט פון די סאָציאַליסטיש־מאַרקסיסטישע אידייען. אָבער בשעת זיינע יונגע קינדער זיינען אַוועק אין „רוסישן פאָלק", איז ער, דער פאָטער, אויף אַ ווילע געבליבן שטיין פון הינטן. ער האָט אַביסל פאַרטראַכט, און תיכף געכאַפּט און אויך אַוועק „אין פאָלק", אָבער ניט אין רוסישן, נאָר אין י י ד י ש ן פאָלק. קאַמינער האָט זיך שטאַרק פאַראינטערעסירט מיטן לעבן פון דער פינסטערער געדריקטער יידישער מאַסע, און איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט באַוויזן איר עלנד אין דער העברעאישער ליטעראַטור. די שאַרפסטע פּראָטעסטן געגן די יידישע גבירים, וואָס עקספּלואַטירן די אָרימע שיכטן, זיינען געווען קאַמינערס. קאַמינער האָט געהאַלטן, אַז אַ פריהער דאַרף מען זעהן באַפרייען דעם יידן פון זיינע אייגענע באַדריקער, אַז קודם־כל דאַרף מען אַראָפּשלאָגן די פליגלען דעם יידישן „גביר", ער זאָל זיך אַזוי ניט בלאָזן און זאָל ניט מיינען, אַז זיין געלט גיט אים דאָס רעכט צו רייטן אויף דער בידנער קליאַטשע. אין דעם פּרט האָט קאַמינער מקדים געווען מענדעלי מוכר־ספרים, מיט דעם אונטערשייד, וואָס ער האָט זיך דערצו באַנוצט מיט דער העברעאישער שפּראַך, די שפּראַך פון די דאַמאָלסטדיקע משכיל׳שע שרייבער.

בשעת ליבערמאַן איז צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן אין ווין דעם „ה א מ ת",

האָט קאַמינער דעם דאָזיגן אונטערנעמען באַגריסט מיט גרויס שמחה. קאַמינער האָט הויך געשעצט דעם סאָציאַליסטישן געדאַנק, און האָט זעהר געוואָלט, אַז ער זאָל פאַרשפרייט ווערן צווישן דער יידישער יוגנט. ער האָט אָבער פאַר־לאַנגט פון ליבערמאַנען, אַז ער זל זיך קליגן צו טאָן דאָס אויף אַזאַ אופן, דאָס די סאָציאַליסטישע פראָפאַגאַנדע זאָל פאַרבייגייענדיג ניט פוגע בכבוד זיין קיין איינעם פון די יידישע הייליגטימער. קאַמינער האָט מורא געהאַט טאָמער פאַרוואַרפט דער יידישער וואויללערנער דורך דעם די נייע אידייען. ער איז געווען פון די, וואָס האָבן געגלויבט, אַז די סאָציאַליסטישע טעאָריעס קענען זיך פריינדלאַך צוזאַמענלעבן מיטן נאַציאָנאַלן געדאַנק, און אפילו מיט דער אמונה.

דער ערשטער נומער פונם סאָציאַליסטישן „ה א מ ת" האָט קאַמינערן זעהר באַגייסטערט. פון גרויס התפעלות האָט ער דעמאָלט געשריבן צו ליבערמאַנען: „אַ וואונדערבאַרע קראַפט באַזיצט איר! אַ נשמה יתרה איז דאָ אין אייך! גייט איר אין פייער, ווערט איר ניט פאַרבערענט! גייט ווייטער מיטן זעלביגן כח, גיט אַרויס אייער „א מ ת", הילף וועט איר האָבן פון אַלע זייטן. מיר וועלן אייך אַלע שטיצן ווי ווייט מעגליך".

אין אַן אַנדער בריוו שרייבט קאַמינער צו ליבערמאַנען:

„איך וועל אייך שיקן אַרטיקלען און געלט אויך. אַלע מיינע כתב־יד'ן וועל איך אָפדרוקן אויף מיינע הוצאות, און די עקזעמפּלאַרן וועל איך אייך אוועקגעבן. דאָס געלט גיב איך אַוועק אויפן „האמת". די כתבים, וואָס איך האָב צוגעשיקט סמאָלענסקינען פאַרן „השחר", וועל איך אים הייסן אָפגעבן זיי אַ י י ך.

אינטערעסאַנט איז קאַמינערס מיינונג וועגן „האמת". אָפגעבנדיג פריער אַ קאָמפּלימענט ליבערמאַנען, אַז ער איז כמעט דער איינציגער העברעאישער סטיליסט, וועלכן ער קען און וועלכן ער געפינט פאַר העכסט פאַסנדיג צו שטיין אָן דער שפּיץ פון אַ בלאַט, שרייבט ער:

... „נאָר אין א י י ן זאַך גרייזט איר: איר ווייסט ניט ווער איר זייט און צו וועמען איר רעדט. ניט צו איידאָפּייער, ניט צו מענשן ווי איך און איר זייט איר געשיקט. צו י י ד י ש ע ב ח ו ר י ם רעדט איר! זייט איר אָבער רע־דענדיג ניט גענוג פאָרזיכטיג און דורך דעם מאַכט איר נאָר אָן שונאים אונ־זער אידייע, וועלכע איז אונז טייער ווי דאָס לעבן...

... „צו וואָס רירט איר אָן אונזערע הייליגקייטן? ניט איצט איז די צייט און ניט דאָ איז דער אָרט. אין אַן אָנמערקונג טאַדלט איר דעם אַלטן און ביים פאָלק טיף איינגעוואָרצלטן געדאַנק, אַז יידן זיינען אַ באַזונדער פאָלק. ווייסט איר דען ניט, אַז דאָס איז זעהר אַ קאָמפּליצירטע פראַגע, און זי מוז פיל און אויף פאַרשיידענע אופנים אַרומגערעדט און באַהאַנדלט ווערן, און איר גלויבט דאָס אָפּצופּטרן מיט א י י ן וואָרט. און צו וואָס דאַרפט איר דאָס גלאַט אָנרירן אַזעלכע ענינים?

... „דורך דעם „פשט פון אַ פסוק", וואָס האָט קיין האַפט ניט, ווילט איר

מתיר מאַכן בײַ יידן חתונה צו האָבן מיט קריסטן, און נאָך אַזעלכע נאַריש־קייטן. ווען די פאַרענטפערונג פון די דאָזיגע פראַגן וואָלט אפילו געווען אונ־זער ציל, קען מען דאָן אויך ניט בטל מאַכן איינעם פון די היסטאָרישע ווערטן דורך הערות און דורך איינצלנע ווערטער. צו מלחמה דאַרף מען זיך באַנוצן מיט סטראַטעגיע און מיט קריגס־קונסט. קלייבט צונויף אַן אַרמיי און גייט אַרויס אויפן פּלאַץ. דערווײַלע וואָס ווען קענט איר נאָר ברענגען צו דעם, אַז די לעזער זאָלן זיך באַציהען צו אײַך מיט חשד און ווייכן פון אײַער „האמת".

...„פראַגן, וועלכע זיינען שייך צו דער יידישער אמונה טאָרט, איר ניט באַרירן אפילו מיט אַ שפּיץ פעדער. דאָס לאָזט אויף שפּעטער. אַלץ האָט זיין צייט! איר האָט פאַר זיך צו באַהאַנדלען נאָר די עקאָנאָמישע פראַגן. און רירט איר אָן מיט אַ וואָרט אָדער מיט אַ וואונק דעם יידישן דת און די יידישע מנהגים, מאַכט איר שאָדן זיך און אונזער אַלעמעס זאַך. זייט פאָרזיכטיג, ברודער, אין אײַערע ווערטער. מיר דאַרפן געפינען אַן אַריינגאַנג אין די הערצער פון אונזער יוגנט, און דעריבער טאָר מען צו זיי ניט קומען מיט אײַזערנע געווער"*).

אָט אַזוי האָט קאַמינער פאַרשטאַנען די סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע, וועלכע ער האָט געפונען פאַר זעהר צוועקמעסיג, און האָט איר פיל אונטער־שטיצט מאַטעריעל און גייסטיג. דאָס איז געווען אַ באַזונדער באַשרענקטער און באַגרעניצטער עכט יידישער סאָציאַליזם.

בײַ קאַמינערן אין שטוב האָט מען אָבער דעם סאָציאַליזם גאַנץ אַנדערס פאַרשטאַנען. גאַנץ אַנדערש האָט אים פאַרשטאַנען אויך דער העברעאישער משורר יהודה ליב לעווין, וועלכער איז דעמאָלט מער געווען באַוואוסט אונ־טער זיין פסעוודאָנים יהל״ל. בײַ קאַמינערן אין שטוב האָט זיך יהל״ל באַ־קאַנט מיט די פירער פון דער יידישער סאָציאַליסטישער גרופּע, וועלכע האָט אויף אים געהאַט זעהר אַ גרויסע השפעה.

אינטערעסאַנט איז דאָס, וואָס יהל״ל אַליין דערציילט אין זיין אַוטאָ־ביאָגראַפיע ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ סאָציאַליסט.

„אין יאָר 1872 — אַזוי שרייבט יהל״ל — בין איך געווען ווי אַלע אַנדערע „משכילים" פון יענער צייט, אַ פאַנטאַזיאָר. פאַר די בעסטע ביכער האָב איך געהאַלטן די ווערק פון אייזשען סיו, פון דיומאַ (דעם פאָטער) און דערגלייכן. אָבער צייט דעם יאָר 1872, נאָכדעם ווי איך האָב קענען געלערנט עטליכע יידישע סטודענטן פון דעם קיעווער אוניווערזיטעט, האָב איך איבערגעלייענט די קלאַסיקער און אַלע פּיסאַרעווס ווערק, וואָס האָבן אויף מיר געהאַט אַ געוואַלטיגע השפעה. די דאָזיגע ספרים האָבן אַרויסגעריסן פון וואָרצל אַלע מיינע ביזאַהעריגע געדאַנקען, און מיינע אויגן האָבן דערזעהן אַ נייע ליכט. איך האָב

*) זעה „הצפירה", תר״פ נומער 41.

ממש, געשלונגען די קריטישע ווערק פון בעלינסקי און דאָבראָליובאָוו, איך האָב געשטודירט מיט גרויס חשק פּאָליטישע עקאָנאָמיע, מיט אַ באַזונדער אינ־טערעס האָב איך מיך פאַרטיפט אין די שריפטן פון אַדאַם סמיט, מיל און מאַרקס. באַזונדערס האָבן מיך אָבער ווי באַצויבערט די ווערק פון טשערני־שעווסקי׳ן. שפּעטער האָב איך געלייענט אויך דאַרווין, באָקל, ספּענסער, דרע־פּער און ביכנער.

נאָכדעם שטעלט אייך פאָר מיין לאַגע, אַז זייענדיג אָנגעזאַפּט מיט ד, אידייען פון פּיסאַרעוון און טשערנישעווסקין און אַ סאָציאַליסט פון קאָפּ ביז די פיס, בין איך אין אַ שיינעם פרימאָרגן אָנגעקומען אויף אַ שטעל צום קיעווער מיליאָנער לאַזאַר בראָדסקי! פאַר דעם געהאַלט פון 40 רובל אַ חודש האָב איך ביי׳ם דאָזיגן מיליאָנער געדאַרפט אַרבעטן 11 שעה טעגליך און לעבן אין אַזאַ גרויסער שטאָט ווי קיעוו מיט אַ פרוי און פיר קינדער. אויף דער דאָזיגער שטעל האָב איך ערשט דערזעהן און דערפילט וואָס עס הייסט ה ע ר און וואָס הייסט ק נ ע כ ט, וואָס עס הייסט ש ט אַ ר ק און וואָס ש וו אַ ך, וואָס הייסט עקספּלוא־אַטאַציע און וואָס הייסט קאַמף צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל. מאַרקס טעאָריע וועגן דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם האָט מיר די דאָזיגע ערשיינונגען נאָך מער אויפגעקלערט. איך האָב מיך ניט געקאָנט איינהאַלטן, און אַלץ וואָס ט׳האָט מיר אין דער לעצטער צייט אויפגעקאָכט און אויפגעזאָדן אויף מיין האַרצן, האָב איך אויסגעגאָסן אין אַ שיר אונטערן נאָמען „עבד עבדים״, וועלכן איך האָב פאַרעפנטליכט אין „השחר״.

אין דעם דאָזיגן שיר באַקלאָגט זיך אַן אַרבעטער אויף דעם גרויזאַמען רעכט, וואָס הערשט אין דער וועלט. כדי רייך צו מאַכן דעם בעל־הבית דאַרף ער, דער אַרבעטער, האָרעווען טאָג און נאַכט ווי אַן אייזל, און דערביי איז ער אַליין עלול אויסצוגיין פון הונגער. ווען אַלע מענשן וואָלטן גלייך געהאָרעוועט אין איטליכער וואָלט געוואַקסן די פרוכט פון זיין אַרבעט, וואָלטן דאַן אַלע גליקליך געווען; ס׳וואָלט ניט געווען אויף דער וועלט קיין נויט און קיין ליידן, ווייל ברויט איז דאָ גענוג פאַר אַלעמען, און די אַרבעט וואָלט אַלעמען געקאָנט מפרנס זיין.

אין אַ קורצער צייט אַרום האָט יהל״ל אָנגעשריבן אין דעמזעלביגן גייסט אַ נייע לענגערע פּאָעמע מיטן נאָמען „כ ש ר ו ן ה מ ע ש ה״ (דער לוין פון דער אַרבעט), וועלכן ער האָט אָפּגעדרוקט אין „השחר״ און איז ביי׳ם העברעאישן לעזער־פּובליקום זעהר פּאָפּולער געוואָרן.

די דאָזיגע שירים, אין וועלכע יהל״ל האָט דערקלערט די יסודות פון דער סאָציאַליסטישער טעאָריע, האָט אויף די לעזער אַזאַ שטאַרקן איינדרוק גע־מאַכט, דאָס די יידישע קיעווער סאָציאַליסטישע גרופּע האָט געפונען פאַר נויטיג צו איבערזעצן זיי אין רוסיש און פאַרשפּרייטן צווישן דער סטודירנדיגער יוגנט.

אין יענער צייט האָט אין יהל״לס ליטעראַרישער טעטיגקייט אויסגעבראָכ' אַ קריזיס. נאָכדעם ווי ביז אַהער האָט ער זיך ווי אַלע העברעאישע שריפט־

שטעלער פון דער משכיל'שער שול, באַשעפטיגט נאָר מיט דער פראַגע וועגן צופאַסן די רעליגיע צום לעבן, און האָט זיך אינטערעסירט איבערהויפּט נאָר מיט אַזעלכע פראַגן, וועלכע זיינען נוגע באַזונדערס דאָס יידישע לעבן, האָט ער פון איצט אָן די דאָזיגע אַלע פּראָבלעמען אוועקגעוואָרפן. אַלע יידי־שע צרות און פּלאָגן האָט יהל"ל איצטער באַטראַכט אַלס איינצלנע רינגעלאַך אין דער גרויסער קייט פון דער אַלמענשליכער נויט, וואָס איר סבה ליגט אין דער געזעלשאַפטליכער אומאָרדענונג, אין דער מלחמה צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל. אין אַ גאַנצער סעריע פון אַרטיקלען, וועלכע ער האָט פאַרעפנטליכט ניט בלויז אין „השחר", נאָך אויך אין די אַנדערע העבראַאישע צייטונגען פון יענער צייט, און באַזונדער אין סלאָנימסקי'ס „הצפירה", האָט ער געזוכט צו דערקלערן, אַז די יידן־פראַגע איז ניט קיין רעליגיעזע, נאָר אַ סאָציאַלע פראַ־גע, און נאָר מיט דער פאַרענטפערונג פון'ם סאָציאַלן וועלט־פּראָבלעם ווערט געלייזט ווערן אויך די יידישע פראַגע. אין איינעם פון זיינע שירים אין „השחר" אונטערן נאָמען „שאלות־הזמן" (צייט־פראַגן), האָט יהל"ל אויסגעדריקט דעם געדאַנק, אַז די יידנפראַגע, די פרויען־פראַגע און די אַרבעטער־פראַגע זיינען, אייגנטליך, נאָר איינע און די זעלביקע פראַגע: די אונטערדריקונג פון דעם שוואַכן דורכ'ן שטאַרקן. אין זיין גרויסער ניט פאַרענדיגט געבליבענער פּאָעמע „אלחנן", האָט ער דעם דאָזיגן געדאַנקען געגעבן אַ קינסטלערישן בילדליכן אויסדרוק.

וועגן זיין דעמאָלטיגער באַציהונג צום יידיש־נאַציאָנאַלן פּראָבלעם דער־ציילט יהל"ל פאָלגנדעס:

„אין דער „השכלה"־צייט האָבן די משכילים אָפּגעלאַכט פון תלמוד און געוועזן אויף אים שטאַרק אויפגעבראַכט, ווייל זיי האָבן אין אים געזעהן דעם פאַרדאַרבער פון זייער יוגנט. איך בין אויך געוועזן ברוגז אויף דער גמרא, אָבער די יידישקייט האָב איך האָלט געהאַט. ווי אַלע משכילים האָב איך אפילו דאַמאָלסט ניט געקאָנט איר ריכטיגע באַדייטונג און דעם גרויסן ליכט־קוואַל, וואָס זי אַנטהאַלט, און האָב איר באַטראַכט פון רעליגיעזן שטאַנדפּונקט. איך האָב איר אָבער זעהר געליבט אַלס גרויסאַרטיגע זעלטענע מתנה, וואָס געהערט אַ פאָלק, וועלכער דינט אַלס וואונדער מיט זיינע שיינע מדות — און איך בין אַ זון פונם דאָזיגן פאָלק! און מיין דאָזיגע ליבע איז געוועזן אַ נאַטירליכע ליבע. איך האָב ליב געהאַט מיין פאָטער און מוטער, כאָטש מיינע געדאַנקען שטימען ניט מיט זייערע, און כאָטש כ'האָב פיל שמערצן פון זייער אומוויסנ־קייט און פאַנאַטיזם. איר מעגט אייך רופן אַזאַ ליבע ווי איר ווילט: נאַטירליכ־קייט אָדער, פשוט, געוויינהייט, אָבער זי איז געוועזן שטאַרק ווי דער טויט. איך האָב געהאַסט זייערע דרכים און זייערע מעשים, אָבער זיי, זיי אַליין, מיין פאָטער און מיין מוטער, האָב איך שטערבליך געליבט. און אַזוי איז גע־ווען מיין ליבע צו דער יידישקייט. אָבער דעם יידישן נאַציאָנאַליזם האָב איך

ניט געקענט, ווייל די סאָציאַליסטישע טעאָריע האָט מיר געלערנט, אַז דאָס אײינטיילן פון דער מענשהייט אין נאַציאָנען, איז אַ נאַרישקייט און אַ פאַר־ברעך"*).

בשעת ליבערמאַן איז צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן דעם "האמת", איז יהל"ל געוואָרן פון זיינע מיטאַרבעטער, און האָט אויסערדעם מיטגעהאָלפן צו זיין פאַרשפרייטונג אין רוסלאַנד.

---

## V.

מאָהילעוו די ווינעלע פונם ייִדישן סאָציאַליזם.—מיט וואָס מאָהילעוו האָט זיך אינטערעסירט פון די איבעריגע סאָציאַליסטישע צענטערס.—גימנאַזיסטן אַלס פאַרשפרייטער פונם סאָציאַליסטישן געדאַנק.—ל ע װ ו נ ט א ל און א ק ס ל־ ר א ָד.—א ל י ע ז ר צ ו ק ע ר מ א ַ ן פירט אָן מיט דער סאָציאַליסטישער אַגי־טאַציע אין "השחר".—די פראָיעקט פון דער העבּרעאישער סאָציאַליסטישער פראָ־פּאַגאַנדע.—מ'הויבט אָן צו קלערן וועגן אַ באַזונדער העבּרעאישן אָרגאַן פאַר דער סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע.—ליבערמאַן גרינדעט אין ווין דעם "ה א מ ת".

דער דריטער און גרעסטער צענטער פון די יידישע סאָציאַליסטן איז גע־ווען מ אָ ה י ל ע ו ו אויפן דניעפּר. מ'קען זאָגאַר זאָגן, אַז מאָהילעוו איז די וויג פונ'ם יידישן סאָציאַליזם. כמעט אַלע יונגע מאָהילעווער משכּילים, געוועזענע קלויזניקעס און ישיבה־בחורים, פון די 60־ער ביז די מיטעלע 70־ער יאָרן, זיינען געווען באַהערשט פונ'ם סאָציאַליסטישן געדאַנק. אין איין פּרט איז מאָ־הילעוו געווען אַן אויסנאַם פון די אַלע איבעריגע שטעט אין תחום, וואָהין דער סאָציאַליזם האָט אַריינגעדרונגען. בעת אומעטום איז דער סאָציאַליזם אי־בערגעגאַנגען פון די מיטעלע בעלי־בתּי'שע שיכטן צו די העכערע, גביר'ישע, איז אין מאָהילעוו געווען פונקט פערקערט. דאָרטן זיינען מיט די סאָציאַליסטישע טעאָריעס באַקאַנט געוואָרן צוערשט די אַזויגערופענע גאָלדענע יוגנט, די קינדער פון די רייכע, און באַזונדערס תּלמידים פון דער אָרטיגער גימנאַזיע, און זיי האָבן די דאָזיגע טעאָריעס ווייטער פאַרשפּרייט צווישן די מיטעלע און נידע־ריגערע פאָלקס־שיכטן. די רייכע גימנאַזיסטלאַך און גימנאַזיסטקעס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן "פּאַגנען" באַזונדער די ישיבה־לייט און וואָוילערנער דורך אומזיסטע לעקציעס, און דערקלערנדיג זיי כּללים פון דער רוסישער שפּראַך און פון חשבון, האָבן זיי זיך דערווײַלע מיט זיי איבערגעשמועסט וועגן דעם סאָציאַ־ליזם. און וואָס זיי האָבן ניט באַוויזן צו טאָן בשעת די לעקציעס, האָבן זיי

*) "ספר זכרון" זייטל 30.

פאַרענדיגט אין געוויימע פאַרזאַמלונגען, איטלעכער אין זיין וואוינונג, צו וועלכע זיי האָבן צוגעצויגן זייערע תּלמידים. כּמעט יעדער גימנאַזיסט האָט זיך געהאַט זיין קרייזל תּלמידים, צווישן וועלכע ער האָט אַגיטירט פאַר׳ן סאָציאַליזם. צווישן די דאָזיגע גימנאַזיסטן זיינען דאַן געווען אויך פרעמדע געקומענע פון אַנדערע שטעט ווי די ברידער לעווענטאַל, אַקסלראָד *) און נאָך אַנדערע, וועלכע זיינען מיט דער צייט געוואָרן די באַוואוסטעסטע סאָציאַליסטישע רעוואָלוציאָנערע טוער. פיל יונגע מיטגלידער פון די מאָהליוער רייכע פאַמיליעס זיינען אין געהיים אַרויסגעפאָרן קיין אויסלאַנד, וואו זיי האָבן געגרינדעט די ערשטע יידיש סאָציאַליסטישע עמיגראַנטן-קרייזלאַך.

אײנער פון די „געפאַנגענע״ קלויזניקעס, פון וועלכע עס איז מיט דער צייט אַרויס אַ באַרימטער רעוואָלוציאָנער עסקן, איז געווען אויך אליעזר צוקערמאַן. אין יענער צייט איז שוין צוקערמאַן געווען אַ משכּיל און באַקאַנט אין מאָהילעוו אַלס אויסגעצייכנטער העברעאיסט. דאָס האָט גורם געווען דערצו, אַז בשעת ס׳האָט זיך גענומען צו דער אָנפירונג מיט דער סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע אין העברעאיש, האָט מען דערצו באַשטימט צוקערמאַנען. זיצענדיג אין מאָהילעוו האָט אָבער צוקערמאַן פאַר דער סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע גאָרנישט באַוויזן אויפצוטאָן. געטאָן האָט ער עס ערשט אין ווין. אַרבעטנדיג אין ווין אַלס זעצער אין סמאָלענסקינס דרוק האָט ער פאַרעפנטליכט אין „השחר״ צוויי זאַכן; איינע, געשריבן אין דער פאָרם פון אַ טאָג-ביכל, איז פול מיט גאַליגען פּראָטעסט געגן די הערשנדיגע יידישע לעבנס-אָרדענונג, געגן דאָס פאַרקנעכטן פון די קינדער דורך דעם ווילן פון די עלטערן; און די אַנדערע, אַ בילדל, איז געשריבן מיט עכט סאָציאַליסטישע טענדענציעס.

דאָס זיינען געווען די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן אין דער העברעאישער ליטעראַטור, וואָס זייער פּראָפּאַגאַנדע האָט אין איר צייט געהאַט זעהר אַ גרויסע ווירקונג. אין אַלע גרעסערע און קלענערע שטעט פון ליטע און דרום-רוסלאַנד האָבן זיך געגרינדעט יידישע סאָציאַליסטישע חברות, וואָס זייערע מיטגלידער האָבן אָנגעהערט דאָס רוב יענע קרייזן, וועלכע האָבן געצויגן זייער גייסטיגע יניקה נאָר פון דער העברעאישער ליטעראַטור. געוויינליך זיינען דאָס אָבער געווען נאָר שטוב-סאָציאַליסטן, אָדער, ריכטיגער געזאָגט, אונטער-אויוונסאָציאַליסטן. זיי זיינען אָבער געווען אַלע מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן דעם סאָציאַליזם. זיי זיינען געווען גוט באַהאַוונט אין די ווערק פון מאַרקס און לאַסאַל; אין פּיסאַרעווס און טשערנישעווסקיס ספרים זיינען זיי געווען קלאָר, ממש, ווי אַ ייד אין „אשרי״. דאַן האָבן די סאָציאַליסטישע פירער פון דער דאָזיגער יידישער יוגנט אָנגעהויבן צו פילן, אַז דער „השחר״ איז פאַר זיי צו ענג, און האָבן אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן אַרויסגעבן אַ באַזונדער

*) דער אַקסלראָד האָט זיינענדיג אַ סטודענט פון דעם קיעווער אוניווערזיטעט חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פונ׳ם ד״ר קאַמינער.

אָרגאַן אין העברעאיש. די איניציאַטיוו צו דעס איז אַרויס פון דעם יידיש־סאָציאַליסטישן עמיגראַנטן־קרייזל, וועלכער האָט זיך געפונען אין בערלין און איז באַשטאַנען כּמעט אינגאַנצן פון מאָהילעווער יונגע לייט. דער דאָזיגער קרייזל האָט אויך געפונען פאַר פאַסנדיג איבערצוגעבן די אָנפירונג מיטן העברעאישן אָרגאַן אין די הענט פון דעם דאַמאָלסט שוין זעהר פּאָפּולער געוועזענעם סאָציאַליסטישן עסקן אהרן שמואל ליבערמאַן.

וועגן דער געשיכטע פון „האמת״ האָב איך שוין אויספירליך אַרומגערעדט אין מיין אַרטיקל אהרן שמואל ליבערמאַן*).

---

## VI.

ביאָגראַפישע נאָטיצן פון ווינטשעווסקי׳ס יוגנט—ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ סאָציאַליסט.—ווינטשעווסקי אונטער ליבערמאַנס השפּעה.—וו. אין קעניגסבערג.—זיין באַקאַנטשאַפט מיטן רעדאַקטאָר פון „הקול״.—וו. אלס פאַקטישער רעדאַקטאָר פון „אספּת־חכמים״.—זיינע פּסעוודאָנימען: „בן־נץ״ און „יגלי איש הרוח״.—זיינע טענדענציעז־סאָציאַליסטישע אַרטיקלען.—זיינע אָנפאַלן אויפן יידיש־נאַציאָנאַלן געדאַנק.—זיין קאַמף נעגן סמאָלענסקינען.—די באַטייליגונג פון ד״ר קאַמינער אין לילנבלום אין „אספּת־חכמים״.—דער „אספּת־חכמים״ באַקומט זיך אין רוסלאַנד אויף אַן אומלעגאַלן וועג.—ווינטשעווסקיס אַרטיקלען אין „הקול״.—דער שטרענגער געזעץ וועגן דער סאָציאַליסטישער פּרעסע אין דייטשלאַנד.—דער „אספּת־חכמים״ ווערט פאַרמאַכט.—ווינטשעווסקי ווערט אַרעסטירט און אַרויסגעשיקט פון קעניגסבערג.—זיינע בריוו פון וועג אין „הקול״.—דער „הקול״ ווערט פאַרבאָטן.

צו די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן אין דער העברעאישער ליטעראַטור קען מען צורעכענען נאָך צוויי שריפטשטעלער: מ. ווינטשעווסקי און א. וו. ראַבינאָוויטש (אור).

מאָריץ ווינטשעווסקי (זיין אמת׳ער נאָמען איז: בן־ציון נאָוואָכאָוויץ) איז געבוירן געוואָרן אין דער קליינשטעטל יאַנעווע קאָוונער גובערניע. זיינע אָרטאָדאָקסישע עלטערן האָבן אים פיל געלערנט תּלמוד. נאַכהער איז ער געקומען קיין קאָוונע, וואו ער האָט באַזוכט די שטאָטישע שול. פונם יאָר 1870 אָן האָט ער זיך אין ווילנע אָפּגעגעבן מיט וועלטליכע קענטעניש. אַ באַזונדערס טיפן איינדרוק האָבן אויף אים געמאַכט בערנעס ווערק. אין יאָר 1873 פלעגט ער גאַנץ אָפט דרוקן אין „המגיד״ שירים אויף פאַרשיידענע טעמעס. דאָס זיינען אָבער געווען מער ניט ווי מליצה־שירים אָן אַ וועלכן ס׳איז אינהאַלט לויט דער דאַמאָלסטדיגער פּאָעטישער שאַבלאָנע. אָנקומענדיג אין קאָוונע

---

*) זעה דעם דאָזינן באַנד זייטלאַך 1—30.

אויף אַ שטעל אין פיינבערגס קאָנטאָר, האָט זיך אים אַמאָל געמאַכט פאָרן צוליב געשעפטס־ענינים קיין אָריאָל. דאָרטן האָט ער זיך דורך אַ סעמינאַריסט באַקאָנט געמאַכט מיט דער דעמאָלטיגער רוסישער ראַדיקאַל־סאָציאַליסטישער ליטעראַטור. ליבערמאַנס באַוואוסטער מאַניפעסט צו דער יידישער יוגנט האָט אויף אים געהאַט זעהר אַ שטאַרקע ווירקונג. צוזאַמען מיט צוויי חברים האָט ווינטשעווסקי דאַן געגרינדעט אין קאָוונע אַ חברה „צו פאַרשפרייטן מלאכה צווישן יידישע קינדער". אין יאָר 1877 איז ווינטשעווסקי אַריבערגעאַנגען אויף אַ שטעל אין דער קעניגסבערגער אָפטיילונג פון פיינבערגס קאַנטאָר. אין יענער צייט איז אַרויס אין קעניגסבערג דורך מ. ל. ראַדקינסאָנען דאָס העברע־אישע וואָכנבלאַט „הקול". דער דאָזיגער ראַדקינזאָן איז געווען אַ מענש אָן פרינציפּן, האָט ניט מקפיד געווען אויף דער ריכטונג פון זיין צייטונג, און דער עיקר איז ביי אים געווען נאָר צו מאַכן געשעפט און צו פאַרדינען געלט. דאָס האָט גאַנץ גוט באַנוצט ווינטשעווסקי און האָט אָנגעהויבן אויסצוניצן דעם „הקול" פאַר זיינע סאָציאַליסטישע אידייען, ניט אָפן געוויינליך, נאָר ווי ווייט מעגליך פאַרשטעלט. אויף זיינע אַרטיקלען האָט ער זיך אונטערגעשריבן „בן־נץ".

נאָכדעם ווי דער „האמת" האָט אויפגעהערט צו ערשיינען און ליבערמאַן איז געוואָרן אַרעסטירט, האָט ווינטשעווסקי געווירקט אויף דעם וואַקלדיגן ראַדקינסאָנען, אַז ער זאָל אַרויסגעבן אַ וואָלוועלן העברעאישן חדש־זשורנאַל, אין וועלכן עס זאָלן צווישן אַנדערע ענינים אַריינגעשמוגלט ווערן אויך סאָציאַ־ליסטישע אַרטיקלען. דעם דאָזיגן זשורנאַל האָט זיך ווינטשעווסקי אָנגענומען צו רעדאַקטירן אָן אַ שום באַלוינונג. ראַדקינסאָן האָט באַלד מסכים געווען צו דעם פאָרשלאָג, און אין אָקטאָבער 1877, אַ חודש נאָכדעם ווי עס איז אַרויס דער לעצטער נומער „האמת", איז אַרויס אונטער ווינטשעווסקיס פּאַק־טישער רעדאַקציע דער ערשטער נומער פון „אספת חכמים".

דעם דאָזיגן זשורנאַל האָט זיך ווינטשעווסקי איבערגעגעבן מיט דעם גאַנצן יוגנטליכן פייער פון זיין נשמה. דעם גרעסטן טייל פון יעדער העפט האָט ער אויסגעפילט מיט זיינע אייגענע מאַטעריאַלן. און ווינטשעווסקי אַלס שריפטשטעלער האָט זיך דאַן ניט קאָנצענטרירט נאָר אויף איין געביט. ער האָט געשריבן אַלץ: אי פּובליציסטישע אַרטיקלען, אי נאָוועלן, אי קריטיק און אפילו שירים, און אין יעדער זאַך, וואָס ער האָט געשריבן, האָט ער אַריינגעבראַכט די מאַרקסיסטיש־סאָציאַליסטישע טענדענצן. ער איז גיכער גע־וועזן מער פּאָפּולאַריזאַטאָר, קאָמפּילאַטאָר, און ווייניגער דענקער. און גע־שריבן האָט ער אונטער פאַרשיידענע פּסעוודאָנימען: „בן־נץ", „יגלי איש הרוח" א. אז. וו.

איך וועל דאָ ברענגען עטליכע כאַראַקטעריסטישע אויסצוגן פון ווינט־שעווסקיס אַרטיקלען.

אין אַ שיר מיטן נאָמען „שומר, מה מלילה?" רופט אויס ווינטשעווסקי

צו די אַרבעטנדיגע: „ווען זשע וועלן, ענדליך, פּאַרשטיין אָט די וואָס קושן די הענט פון זייערע האַרן, אַז נאָר די האַנט פונם אַרבעטער באַשאַפט דעם רייכטום און אַז דורך דער האָרעוואַניע פון די אַרבעטער זאַמלען אָן די עקספּלואַטאַטאָרן זייערע אוצרות, וועלכע זיי לאָזן איבער בירושה זייערע קינדער". באַלד נאָך דעם ווענדט זיך דער פּאָעט מיט אַ בקשה צו די רייכע: „ווען, ענדליך, וועלן שוין די רייכע באַלויכטן ווערן מיט דעם ליכט פון פאַרשטאַנד און וועלן פאַרשטיין, אַז אַלע מענשן זיינען ברידער!" אינם זעלביגן נומער איז געדרוקט אַ צווייטע זאַך פון ווינטשעווסקין אונטערן פסעוודאָנים „יגלי איש הרוח", אַ פאַנטאַזיע, אין וועלכער דער מחבר מעלט אָפּ אַ האַלבמשוגענעם יידישן בטלן, וואָס האָט גאַנץ אָפּט האָלט צו שמועסן פאַרבייגייענדיג וועגן טעגליכע סאָציאַלע טעמעס. אין די דאָזיגע שמועסן געפינען מיר, למשל, אַזעלכע געדאַנקען: „קנעכטשאַפט איז די מוטער פון אָרימקייט, אָרימקייט איז די טאָכטער פון רייכקייט, רייכקייט איז די טאָכטער פון רויב, און אַלע האַלטן זיי זיך אויף פאָראורטיילן און אומוויסנקייט"; „וואָס מער פאַבריקן, זיינען אַלץ דאָ מער רייכע און הונגעריגע, דאָס הייסט, הונגעריגע ווערן צוליב די רייכע, און רייכע ווערן דורך דעם, וואָס זיי באַרויבן די הונגעריגע".

אין אַ ערציילונג מיטן נאָמען „פנים חדשות" האָט זיך ווינטשעווסקי געפּרובט שילדערן די „נייע מענשן", וואָס האָבן זיך באַוויזן אין דער יידישער גאַס. די דאָזיגע נייע מענשן לויקענען אָפּ דעם יידישן נאַציאָנאַליזם, האַלטן, אַז די העברעאישע שפּראַך האָט קיין צוקונפט ניט, און קומען צום אויספיר, ווען אפילו מיט אַ האַלבן מו״ל, אַז פאַר יידן איז ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג ווי נאָר צו פאַראייניגן זיך מיט די איבעריגע פעלקער.

אין איינער פון זיינע וויטערדיגע פאַנטאַזיעס זעט יגלי אין חלום דעם שאָטן פון בערנען, וועלכער זאָגט צו אים: „אין מיינע שריפטן קענסטו געפינען פיל זאַכן, וועגן וועלכע מ׳האָט געדאַרפט אַ סך אַריינריידן מיט דיין פאָלק"... אויף דעם ענטפערט אים יגלי: „צי ווייסט דו דען ניט, אַז מיין פאָלק איז טויב און פאַרעקשנ׳ט, אַז זיינע באַדריקער האָבן אָפגעטויט אין אים יעדעס געפיל, און ווען איך וועל צו זיי קומען מיט דיינע רייד וועט זיי קיינער ניט נעמען אין אַכט? ווייסטו דען ניט, אַז ווען איך וועל מיך פונאַנדעררעדן מיט מיין פאָלק וועגן זאַכן, וואָס האָבן קיין שייכות ניט מיט מסחר, וועט מיר גאָר קיינער ניט וועלן הערן?".

„דו ביסט גערעכט, מיין זון — האָט אויף דעם בערנע טרויעריג געענטפערט — נאָר פון מיינע שריפטן קענסטו דאָך זיך איבערצייגן, אַז מיר איז אויך אויסגעקומען צו טענה׳ן מיט אַן איינגעשפּאַרטן, האַרטנעקיגן פאָלק, וועלכער האָט טייער געהאַלטן נאָר דאָס, וואָס ער האָט באַקומען פון זיינע עלטערן בירושה... איך אין מיין צייט האָב מיך געצילט ערגיץ-וואו אַנדערש, דו אָבער ווענד זיך מיט דיינע רייד צו די נידערגעשלאָגענע אָרימע לייט, וואָס ווערן באַרויבט און עקספּלואַטירט פון די רייכע... הויב אויף, מיין זון, דיין

קול אָן אַן אויפהער אומעטום, וואו ס'איז נאָר מעגליך, ווייל ניט גלייך בײ'ם ערשטן מאָל ווערלן דיר אויסהערן די קינדער פון דיין פאָלק. זאָג זיי, אַז ליגנער זיינען יענע, וועלכע זאָגן, אַז גאָט האָט צוטיילט די מענשן אויף אָר־ בעטנדיגע און לײדיגגײער; ליגנער זיינען יענע, וועלכע זאָגן, אַז די וועלט קען זיך האַלטן נאָר אויף רייכקייט און אָרימקייט; ליגנער זיינען יענע, וועלכע טרייסטן די געדריקטע מיט פאַרשיידענע פאַלשע האָפע־ נונגען און הבטחות. זיי לאַייגן ווען זיי זאָגן צו זיי: „זיצט זיך אייך רוהיג און וואַרט; די רעטונג וועט קומען אַן אייערע סטאַראַניעס". ליגנער זיינען אַלע יענע, וואָס צו רייסן זיך לויבנדיג די מדה טובה פון געדולד; ליגנער און צבויאַקעס זיינען יענע, וועלכע בויען אויס פאַר מענשן וואונדערליכע פּאַלאַצן אויפן הימל, און חזרים־שטאַלן—אויף דער ערד... גיי זאָג די קינדער פון דיין פאָלק, אַז פאַר זיי איז שוין אויך צייט צו דערוואַכן זיך פון שלאָף און גיין האַנט ביי האַנט מיט די ברידער פון די אַנדערע פעלקער צו פאַרשפּרייטן ליכט אי־ בער דער וועלט. גיי זאָג דיין פאָלק, אַז ס'איז שוין צייט צו מאַכן אַן עק מיט דעם פּראָצענט־געשעפט, מיט דער עקספּלואַטאַציע און מיט אַלע מינים רויב, וואָס באַפלעקן מיט שאַנד די מענשהייט. גיי זאָג זיי: ביי דער נאַטור זיינען אַלע מענשן גלייך, ס'איז ביי איר ניטאָ ניט קיין האַרן און ניט קיין קנעכט, ניט קיין רייכע און ניט קיין אָרימע. ס'איז ניטאָ אויף דער וועלט אַזאַ מענש, וועלכער זאָל קענען זאָגן: „איך האָב דאָס רעכט צו געניסן פון דעם אַנ־ דערנס אַרבעט, הנאה צו האָבן פון די פּרוכט פונם אַנדערנס הענט!"... אָ, בערנע, בערנע!—שרייט אויס יגלי—אומזיסט באַאומרוהיגסט דו מיר: שטאַרק שלאָפט מיין פאָלק אַ שלאָף פון אַ פאַר'שכור'טן, און ער וועט דיינע ווער־ טער ניט דערהערן"...

אין בן־נצ'ס אַ שיר „למי אני עמל?" (פאַר וועמען האָרעווע איך?) קלאָגט זיך אַן אַרבעטער: „איך האָב אויסגעבויט פּאַלאַצן, און אַליין וואַלגער איך מיך אין אַ שמוציגן אַלקערל; איך באַשאַף רייכטימער, און האָב ניט מיט וואָס צוצודעקן מיין קראַנקע פרוי. אַלע אוצרות פון דער וועלט זיינען באַשאַפן מיט מיינע הענט, און פאַר זיך אַליין האָב איך אויסגעשמידט נאָר קייטן!"

אין אַן אַנדער פאַנטאַזיע פאַלט אָן יגלי—דער יידישער נאַראָדניק פון די 70־ער יאָרן—מיט אַ באַזונדער ערביטערונג אויף דעם סוחרים־קלאַס, וועלכן ער האַלט פאַר אַ קלאַס פון מענשן רויבער.

„די סוחרים, זיינענדיג באמת מער ניט ווי פאַרמיטלער צווישן דעם באַ־ שאַפער פון די פּראָדוקטן מיט דעם געברויכער, און וועלכע מ'דאַרף נאָר באַצאָלן פאַרן איבערשיקן די סחורה פון איין אָרט אויפן צווייטן, נעמען אַראָפּ פאַר זיך דעם גרעסטן חלק פון דעם אַרבעטערס פאַרדינסט, שרויפן הויך אַרויף די מקחים פון די סחורות; די דאָזיגע מענשן, וואָס אַליין טוען זיי גאָרנישט, נעמען צו פאַר זיך די שמאַלץ מיט די פלייש, און פאַר דעם אַרבעטנדיגן

פאָלק לאָזן זיי איבער נאָר די ביינער. דורך קיסלערייַ נעמען זיי אָפּ פון די אַרבעטער די פּרוכט פון זייער האָרעוואַניע..."

וועגן דער דאָזיגער טיראַדע האָט גאַנץ ריכטיג באַמערקט ה' ציגבערג אין "פערעזשיטאָיע"*), אַז זי איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר דער באַציהונג פון די יידישע סאָציאַליסטן פון יענער עפּאָכע צו זייער פאָלק, אַ פאָלק כמעט פון—"לויטער סוחרים און פאַרמיטלער".

זייענדיג, ווי דאָס רוב פון די דאַמאָלסדיגע יידישע סאָציאַליסטן, אַ געגנער פון דעם יידיש-נאַציאָנאַלן געדאַנק, האָט ווינטשעווסקי פאַרפירט אין "אספּת-חכמים" אַ פאַרביטערטן קאַמף נעגן סמאָלענסקינען. אין אַן אַרטיקל וועגן בערנען האָט ווינטשעווסקי געשריבן אונטער אַנדערן:

"אָ, דו פאָלק, וואָס פיל שונאים זיינען אים רודף פון דרויסן און אינעווייניג איז ער איינגעפלאָכטן אין אַן נעץ פון פאָראורטיילן. דו, מיין פאָלק, האָסט ערשט אָקאָרשט-וואָס אָנגעהויבן צו עפענען די אויגן, אָבער דיינע שריפטשטעלער ווילן זיי איבעראַנייס פאַרמאַכן מיט גוואַלד און אַוועקפירן דיר אין אַ פאַלשן וועג. קער זיך אָפּ, מיין פאָלק, פון דיינע דאָזיגע בעלי-טובות, ניט פאַרלאָז זיך אויף זיי... כל-זמן עס געפינט זיך נאָך עפּעס לעבן אין דער שפּראַך פון דיינע אבות, פאַרלאַנג פון דיינע שרייבער אַ געזונטע שפּייז, ווייל יענע לעקעכלאַך, וואָס זיי טראָגן דיר אונטער, וועלן דיין הונגער ניט שטילן... בעסער לאָז זיך שוין גאָר ניט איינשמידן אין די ענגע ראַמען פון דער העברעאישער שפּראַך... באַנוגן זיך ניט מיט דיינע שרייבער, וואָס צוטרייסלען די יסודות פון חסידיזם און זינגען לויב-לידער לכבוד דער אפּיקורסות... אויב דיינע "באַרימטהייטן" גיבן דיר פרישע, געזונטע שפּייז—איז גוט; ווען ניט, טאָ ווענד זיך צו דער דייטשער און צו דער רוסישער ליטעראַטור. לייען בערנע, היינע, שעקספּיר, געטע, שילער און לעסינג, לערן זיך ביי בעלינסקין, ביי פּיסאַרעוון און ביי דאָבראָליובאָוון".

וועגן דער יידישער שפּראַך האָט נאָך דעמאָלט קיינער פון די יידישע סאָציאַליסטן קיין טראַכט ניט געטאָן. די מסקנה איז געווען, אַז העברעאיש איז די שפּראַך פונם יידישן פאָלק נאָר אויף דערווייַלע; אויף ווייטער דאַרף זי פאַרביטן ווערן אויף דייטש, אויף רוסיש...

אויב אין דעם אַרטיקל איז נאָך סמאָלענסקין ניט דערמאָנט בפירוש, אָבער אין די ווייטערדיגע מאמרים זיינען בן-נצ'ס אָנפאַלן געווען געווענדט גלייך אויף אים, דעם ענערגישסטן פאַרטיידיגער פונ'ם נאַציאָנאַלן געדאַנק, לויט בן-נץ-ווינטשעווסקי איז אויסגעקומען, אַז סמאָלענסקין איז אַ פינסטערער רעאַקציאָנער, אַ "קרעבס", וואָס קריכט אַהינטן, וואָס פירט דעם יידישן פאָלק צוריק אין דעם מדבר פון פינסטערניש.

---

*) ערשטער באַנד.

דער פינפטער נומער פון „אספת חכמים" איז געווען דער לעצטער, וועלכער איז אַריין אין רוסלאַנד אויף אַ לעגאַלן וועג. ווינטשעווסקי'ס אַרטיקל וועגן די יידישע סוחרים, וועלכן איך האָב אויבן ציטירט, איז דעם צענזאָר שטאַרק ניט געפעלן געוואָרן און ער האָט אָנגעהויבן צו קוקן קרום אויפן „אספת־חכמים", און צום סוף האָט ער אים פאַרבאָטן אַריינצוקומען אין רוסלאַנד.

נאָכדעם זיינען אַרויס נאָך דריי נומערן פון „אספת־חכמים", אין וועלכע ס'האָבן זיך באַטייליגט אויך אַנדערע פון די באַוואוסטע העברעאישע שריפט־שטעלער ווי לילנבלום, ד"ר קאַמינער, שערשעווסקי. קאַמינער רעדט אין אַ שיר אונטערן נאָמען „עמק עכור" (דאָס טרויער־טאָל) מיט גרויס פאַרביטערונג און האַרץ־ווייטאָג וועגן די סאָציאַלע אומגערעכטיגקייטן, וואָס הערשן אין דער וועלט. „איך זעה אַרום זיך"—אַזוי באַקלאָגט זיך קאַמינער—נאָר נויט, קראַנק־הייטן, פינסטערקייט און אומוויסנקייט. אומעטום רויבער, צבויאַקעס און בלוט־זויגער.—פון איין זייט הולטייסטוואָ, ניאוף, אַ לעבן פון משוגע'נעם לוקסוס, און פון דער אַנדער זייט שטאַרבן מענטשן פון הונגער, האָבן ניט קיין לופט... און איך, אַ ביין פון זייערע ביינער און פלייש פון זייער פלייש, קען ניט שווייגן, איך שריי פון שמאַרץ און צאָרן... נאַט אייך מיין בלוט, מיין נשמה. אָט האָט איר, אַ פייער פון כעס, אָבער קילט עס ניט אָפּ! מיין האַרץ, באַרוהיג דיך ניט! זיד און קאָך! שטיי פאַר'ן אמת און פאַרדעק מיט שאַנד דעם ליגן!".

לילנבלום האָט פאַרעפענטליכט אין „אספת־חכמים" זיין סאַטירע „משנת אלישע בן־אבויה", וועלכע ער האָט געוויסט געהאַט געשריבן פאַר ליבערמאַנס „האמת". פאַרפאַסט אין דעם עכט תלמודישן סטיל ווערן אין איר דורכגעפירט די הויפט־געדאַנקען פון מאַרקס „אַרבעט און קאַפּיטאַל". „יעדער מענטש איז מחויב צו פּראָדוצירן דורך זיין אַרבעט אָדער דורך זיינע וויסנשאַפטליכע ידיעות דעם ווערט פון יענער סומע פּראָדוקטן, וועלכע ער פאַרברויכט פאַר זיינע באַ־דערפעניש'ן". „ווער עס לעבט אויפן חשבון פון דער געזעלשאַפט, ווער עס איז זיך מפרנס מיט דעם פאַרדינסט פון פּראָצענט און פאַרנעמט זיך מיט אַ באַ־שעפטיגונג, וואָס ברענגט דער וועלט קיין נוצן ניט, ד ע ר צורויבט די רייכטי־מער פון פאָלק און ברענגט שאָדן דער געזעלשאַפט", א. אַ. וו.

בעת ס'איז אַרויס דער זיבעטער נומער פון „אספת־חכמים" (אין סעפּ־טעמבער 1878) איז אין דייטשלאַנד אָנגענומען געוואָרן אַ שטרענגער געזעץ וועגן דער סאָציאַליסטישער פּרעסע. דער דאָזיגער געזעץ האָט מיט זיך געבראַכט אַ גזר־דין אויך פאַר יידיש־סאָציאַליסטישע צייטונגען. אויפ'ן „אספת־חכמים" האָבן זיך גענומען קלייבן וואָלקנס... אין לעצטן נומער האָט יגלי אין זיין פאַנטאַזיע דורכגעפירט דעם געדאַנק, אַז די אַלע אַזויגערופענע „קראַנקע פראַגן": די פרויען־פּראַגע, די יידישע פּראַגע, די פּראַגע וועגן פאַרקלענערן די אָרימקייט א. אַ. קענען ביי דער איצטיגער וועלט־אָרדענונג ניט פאַרענטפערט ווערן.

באַזונדערס כאַראַקטעריסטיש פאַר די אַנשויאונגען פון די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן זיינען ווינטשעווסקיס פאָלגנדע אויספירונגען וועגן דער יידישער פראַגע:

„פיל באַרימטע מענשן באַשעפטיגן זיך מיט דער פאַרענטפערונג פון דער יידישער פראַגע; זיי זיינען עמפּערט איבער דעם, וואָס אין אונזער געבילדעטן יאָרהונדערט איז נאָך מעגליך אַזאַ ערשיינונג ווי דער אַנטיסעמיטיזם. זיי גרינדן חברות, זיי שיקן זייערע דעלעגאַטן אין אַלע עקן וועלט, זיי ווילן פאַרשפּרייטן בילדונג און ברענגען מיט דעם נוצן זייער פאָלק. זייער כוונה איז געוויס אַן ער־ליכע, אָבער דאָס בלייבט אָן אַ שום רעזולטאַט. וואָס איז דערפון די סבה? די סבה איז, אַז די מלחמה פאַר דער עקסיסטענץ ווערט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, און די קריסטן, וועלכע האָבן פריהער געשלאָגן דעם יידן צוליב רעליג־יעזע טעמים, האַסן אים איצטער און רודפ'ן אים מיט גרויס אכזריות פאַר דעם, וואָס ער פאַרמאָגט פיל רייכטום. ווי אַזוי קאָנט איר פאַרענטפערן די דאָזיגע פראַגע אין דער צייט, וואָס ביי די עקסעסטירנדע סאָציאַלע באַדינגונגען פירט אַ גרויסע מענשן־מאַסע זעהר אַ האַרטנעקיגן, פאַרעקשנ'טן קריג מיט דער נויט, און זעהט בשעת מעשה, אַז דער ייד איז ניט ער זייט און ניט ער שניידט, און ער עקספּלואַטירט דעם אַרבעטנדיגן נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט געלט? אמת, די דאָזיגע לייט פאַרגעסן, אַז זיי אַליין האָבן מיטגעהאָלפן צו דעם, אַז דער ייד זאָל ווערן אַן עקספּלואַטאַטאָר און זעהר געלט־גיריג. ס'איז קיין ספק ניט, אַז די קריסטן אַליין זיינען שולדיג; זיי האָבן אָפּגעשניטן דעם יידן פון דער גאַנצער וועלט, זיי האָבן אים געלאָזן אָן ערד, אָן אייגנטום, אָן יעדער רעכט צום לעבן. אָבער ווי עס זאָל ניט זיין, איצטער איז דער ייד פאַראַכט און זעהר פאַרהאַסט, און כל־זמן איר וועט ניט באַשאַפן קיין נאָרמאַ־לע באַדינגונגען פאַר דעם יידן אין דער פּראָדוקציע פונ'ם לאַנד, וועט אַייער גאַנצע מיה צו פאַרבעסערן אונזער מצב ניט ברענגען קיין שום נוצן. ניט איר וועט פאַרענטפערן די יידישע פראַגע!".

אין דערזעלביגער צייט האָט בן־נץ מיטגעאַרבעט אויך אין „הקול". אַ גרויסן רושם האָט אין איר צייט געמאַכט די סעריע פון זיינע אַרטיקלען וועגן דעם דייטשן פּאַרלאַמענט, אין וועלכע ער האָט זעהר שאַרף קריטיזירט די באַוואוסטע ביסמאַרקס פּאָליטיק פון „בלוט און אייזן" און די טאַקטיק פון די דייטשישע נאַציאָנאַל־ליבעראַלן און פּראָגרעסיסטן. דערביי האָט ער זעהר געלויבט די טאַקטיק פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן. דער דאָזיגער אַרטיקל און אַנדערע אַרטיקלען פון בן־נצן, אין וועלכע די רוסישע צענזור האָט אָנגעמאַכט שרעקליכע חורבונות, האָט געבראַכט דערצו, אַז ראַדקינסאָן האָט אין אַ גע־וויכן טאָג דערהאַלטן אַ דעפּעשע פון זיין ווילנער אַגענט, אַז אויב עס וועט געדרוקט ווערן אין „הקול" נאָך אַן אַרטיקל פון בן־נצ'ן, וועט די צייטונג פאַרבאָטן ווערן. ראַדקינסאָן האָט זיך דערשראָקן און בן־נץ האָט שוין פון דע־מאָלט אָן אין „הקול" מער ניט געשריבן.

דער אַכטער נומער פון „אספת-חכמים" איז געווען דער לעצטער. ער איז דורך דער דייטשער רעגירונג פאַרמאַכט געוואָרן אויפן יסוד פון דעם נייעם סאָציאַליסטן-געזעץ, וועלכן איך האָב שוין פריהער דערמאָנט.

בשעת די ווינער פּאָליציי האָט אין 1878-טן יאָר אַרעסטירט ליבערמאַנען און קאָנפיסקירט זיינע כתבים, האָט מען צווישן זיי געפונען אויך זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט ווינטשעווסקי'ן. דעם 8-טן נאָוועמבער איז ווינטשעווסקי אַרעסטירט געוואָרן. אין אַ צייט אַרום האָט מען אים באַפרייט, און אַרויסגעשיקט פון פּרייסן. אַרומפּאָרנדיג איבער פאַרשיידענע מדינות אין איירָאָפּע האָט ווינטשעווסקי פאַרעפנטליכט אין „הקול" קאָרעספּאָנדענציעס פון קאָפּנהאַגן, לאָנדאָן, און פּאַריז. פון צייט צו צייט האָט ער אויך געשריבן אַרטיקלען וועגן „די פרייקייט פון ווילן", וועגן דער „פרויען-פראַגע" א. א., אין וועלכע ער האָט זיך געסטאַרעט אַריינצושמוגלען סאָציאַליסטישע אידייען. אין יאָר 1879 איז דער „הקול" געוואָרן פאַרבאָטן, און מיט דעם האָט זיך פאַרענדיגט ווינטשעווסקיס ליטעראַרישע טעטיגקייט אין העברעאיש.

---

## VII.

אליה וואָלף ראַבינאָוויטש ערשטע אַרטיקלען אין „השחר".— ער טרעט אַריין אין קעניגסבערגער אוניווערזיטעט.—ער ווערט אַן אָנהייגער פונ'ם „וויסנשאַפטליכן סאָציאַליזם".—ער גייט אַריין אַלס מיטאַרבעטער אין דער רעדאַקציע פון „הקול".—זיינע אַרטיקלען אין „הקול".—זיין אַרטיקל אין „אספת-חכמים".—זיין מיינונג וועגן דער אַרבעטער-פּראַגע.—ער ווערט אַ שאַרפער געגנער פון סמאָלענסקינען.—זיין לעצטער אַרטיקל אין „הקול".—ער ווערט אַרויסגעשיקט פון דייטשלאַנד און עמיגרירט קיין ענגלאַנד.—אַלע ערשטע יידישע סאָציאַליסטן אין דער העברעאישער ליטעראַטור קומען צוריק צום חידוש-נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין.

אליהו וואָלף ראַבינאָוויטש, אַ געבוירענער אין רוסלאַנד און אַן ערצויגענער אויף תלמוד און פוסקים, האָט זיך אין די ערשטע 70-ער יאָרן אַוועקגעלאָזן קיין אויסלאַנד סטודירן ראַבינער. אַ געוויסע צייט האָט ער פאַרבראַכט אין ברעסלוי. פון דאָרטן האָט ער געשריבן אַ פּאָר אַרטיקלען אין סמאָלענסקינס „השחר" וועגן דער אומנאָרמאַלער קינדער-ערציהונג ביי די רוסישע יידן. דערנאָך איז ער אַוועק אין בערלין און איז אַריין אין דעם דאָרטיגן יידישן סעמינאַר. פון דאָרטן איז ער אַריבערגעפאָרן קיין קעניגסבערג און איז אָנגעקומען אין אוניווערזיטעט. אין דייטשלאַנד האָט אויף אים געהאַט אַ שטאַרקע השפעה די סאָציאַליסטישע ליטעראַטור, און קומענדיג אין קעניגסבערג איז ער צוגעשטאַנען צו דער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער באַוועגונג, און איז געוואָרן אַ גרויסער אָנהענגער פונ'ם „וויסנשאַפטליכן סאָציאַליזם".

אין קעניגסבערג האָט זיך ראַבינאָוויטש באַקאָנט מיט ראַדקינסאָנען, וועלכער האָט אים אַריינגענומען אַלס מיטאַרבעטער אין זיין „הקול". אין „הקול" האָט ראַבינאָוויטש געשריבן איבער פאַרשיידענע טעמעס: וועגן דער רוסישער ליטעראַטור, וועגן יאָהאַן יאַקאָבי, וועגן קאָמעטן און דערגלייכן, און כמעט אויף אַלע זיינע אַרטיקלען האָט ער זיך געחתמ'עט מיט זיין פסעוודאָנים „אור". אַ באַזונדער איינדרוק האָט געמאַכט זיין אַרטיקל „המעשה וכשרונו"—אַ קריטיק אויף יהלל'ס פּאָעמע „כשרון-המעשה". פון דעם דאָזיגן אַרטיקל לאָזט זיך שוין גאַנץ בולט אַרויסזעהן אַ גרויסע סימפּאַטיע צום סאָציאַליסטישן געדאַנק.

בשעת ווינטשעווסקי האָט איבערגענומען אויף זיך די רעדאַקציע פון „אספת-חכמים" איז גראָד ראַבינאָוויטש אָפּגעפאָרן פון קעניגסבערג*), ער האָט אָבער סימפּאַטיזירט מיטן צוועק פון'ם העברעאיש-סאָציאַליסטישן זשורנאַל, וועלכער האָט געדאַרפט פאַרבייטן דעם אָפּגעשטעלטן „האמת", און האָט אים מבטיח געווען ליטעראַריש צו אונטערשטיצן פון דערווייטן.

אין'ם ערשטן נומער פון „אספת-חכמים" האָט זיך אָנגעהויבן צו דרוקן או"ר'ס אַ גרויסער אַרטיקל, וועלכער איז פאַרבליבן אומפאַרענדיגט, אונטער'ן נאָמען „שאלת הפועלים באַמריקה" (די אַרבעטער-פראַגע אין אַמעריקע). אין'ם דאָזיגן אַרטיקל באַהאַנדלט דער מחבר די אורזאַכן פון דעם גרויסן איינזנבאַן-שטרייק, וועלכער האט אויסגעבראָכן אין צפון-אַמעריקע אין'ם יאָר 1877 און האָט אַרויסגערופן אַ גרויסן רעש אין דער גאַנצער וועלט. דערקלערנדיג אויספירליך די סבות, וואָס האָבן געבראַכט דעם שטרייק און אַלע איבערלעבענישן פון דער שטרייק-באַוועגונג, וועלכע האָט געטראָגן אַן עכט סטיכישן כאַראַקטער, קומט דער שרייבער צום אויספיר, אַז „ווען מיר ווילן באמת גרינגער מאַכן דעם מצב פון דער געדריקטער מאַסע, איז ביי אונז ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג ווי נאָר אומבייטן דעם יחיד'ישן אייגנטום אויפ'ן אייגנטום פון כלל".

נאָך זיצנדיג אין בערלין האָט זיך ראַבינאָוויטש, אונטער דעם איינפלוס פון די סאָציאַליסטישע טעאָריעס, אָפּגעזאָגט פון'ם יידישן נאַציאָנאַל-געדאַנק, ממילא איז ער דורך דעם געוואָרן אַ שאַרפער געגנער פון סמאָלענסקינען, און איז געגן אים אַרויסגעטראָטן עפנטליך אין „הקול". בעת סמאָלענסקין האָט זיך אין „השחר" אָפּגערופן ניט אַזוי גינסטיג וועגן ליבערמאַנס „האמת", האָט ראַבינאָוויטש אין בריוו צו פריינד און באַקאַנטע אַגיטירט, אַז מ'זאָל זעהן אונטערגראָבן דעם רעאַקציאָנערן „השחר"*).

ראַבינאָוויטשעס לעצטע ליטעראַרישע אַרבעט אין העברעאיש איז געווען אַן אַרטיקל אין „הקול" וועגן דעם דייטשישן רייכסטאָג.

צוליב די דראַקאָנישע מיטלען, וועלכע מ'האָט אין די סוף 70-ער יאָרן

---

*) ער איז אַוועקגעפאָרן קיין צעריקאָוו, פּויזנער קרייז, וואו ער האָט באַקומען אַ לערער-שטעל.

*) זעה „הצפירה" תר"פ, נומער 42.

אָנגענומען אין דייטשלאַנד געגן די אויסלענדישע סאָציאַליסטן, האָט ראַבינאָ־
וויטש אויסגעוואַנדערט קיין ענגלאַנד און האָט זיך באַזעצט אין לאָנדאָן.

* * *

עס מוז קאָנסטאַטירט ווערן דער פאַקט, אַז כמעט אַלע ערשטע יידישע סאָציאַליסטן, וועלכע האָבן אָנגעפירט זייער פּראָפּאַגאַנדע אין העברעאיש, זיי־נען ניט פאַרבליבן ביי׳ם סאָציאַליזם.

ליבערמאַן איז אַרומגעגאַנגען זיין גאַנצן לעבן מיט אַ צובראָכענער נשמה. ער האָט זיך אויף קיין פאַל ניט געקאָנט אָפּזאָגן פון די גייסטיגע נאַ־ציאָנאַלע ווערטן, וועלכע ער האָט געליבט און נאָך וועלכע ער האָט שטאַרק געבענקט. ער האָט דעם ריס ניט געקענט אַריבערטראָגן, און אַריינפאַלנדיג צום סוף אין גרויס יאוש, האָט ער זיך אַליין דאָס לעבן גענומען.

יהל״ל איז אָפּגעשטאַנען פון די סאָציאַליסטישע קרייזלאַך נאָכ׳ן קיעווער פּאָגראָם פון 1881־טן יאָר, וועלכן ער האָט אַליין בייגעוואוינט. אין זיין אַווטאָ־ביאָגראַפיע דערקלערט ער די זאַך אויפ׳ן פאָלגנדן אופן:

„ס׳האָט אויסגעבראָכן דער פּאָגראָם און די מאַסע איז אָנגעפאַלן אויף יידן און האָט זיי צוראַבירט און געשלאָגן מכת־רצח. דאַמאָלס האָב איך גענו־מען וויכן פון די סאָציאַליסטן, אָבער ניט פון דער אידייע, אָן וועלכער איך האַלט מיך נאָך פיל פעסטער ווי פריהער, ווייל זי איז די עצם יידישקייט און דער פונדאַמענט פון אונזער תורה. איך האָב געזעהן מעשים און האָב געלייענט כתבים, וועלכע האָבן מיך אויף ריכטיג איבערצייגט, אַז די פאָרשטייער פונ׳ם סאָציאַליסטישן צענטראַל־קאָמיטעט האָבן געהאָלפן העצן און אָנרייצן דער פאַרווילדעוועטער מאַסע אויף די יידן, כדי איינגעוואוינען איר דורך דעם אין רויב און רציחה, און דאָס וועט ברענגען דערצו, אַז אָנהויבנדיג פון די יידן וועלן זיי פאַרענדיגן מיט די קאַפּיטאַליסטן. דאָס האָט מיך אין גאַנצן ערשי־טערט. איך האָב געזעהן אויף וויפיל יידן דאַרפן זיך מתחבר זיין מיט די כלל־פאַרזאָרגער, און אַריינטראַכטנדיג זיך אין דער זאַך בין איך געקומען צו דער טיפער איבערצייגונג, אַז פאַר דעם יידישן פאָלק איז ניטאָ קיין אַנדער מיטל און קיין אַנדער אויסוועג געראַטעוועט צו ווערן און איינצוהיטן זיין ווייטער־דיגע עקסיסטענץ ווי נאָר צו ווערן אַ פרייע זעלבסטשטענדיגע פאָלק אויף זיין אייגענעם באָדן.

צוקערמאַן האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין תיכף נאָכדעם, ווי ער איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. טיף האָט ער דורכ־געפילט די טראַגעדיע פון דער יידישער נשמה, וואָס צאַפּלט זיך צווישן אייגנס און פרעמדס, און די דאָזיגע געפילן האָט ער טרויעריג־ליריש באַזונגען אין העברעאישע און יידישע שירים. איינציגווייז האָבן געפלאַצט די סטרונעס פון

זיין לירע. ער איז געוואָרן צומישט, און האָט זיך אַליין אויסגעזוכט זיין גרוב אין די וועלן פון יעניסיי...

ד"ר יצחק קאַמינער איז געוואָרן איינער פון די באַגייסטערטע נאַציאָנאַל־דיכטער. אין זיין לעצטן שיר, וועלכן ער האָט אָפּגעדרוקט פאַרן טויט אין „השלח" איז ער זיך מתודה אויף זיין אַמאָליגער קאָסמאָפּאָליטישער אידעאָלאָגיע, אויף דער ניט־יידישער ערציהונג, וואָס ער האָט געגעבן זיינע קינדער און וועלכע האָט זיי אַוועקגעפירט דינען פרעמדע געטער. זיין ווידוי פאַרענדיגט ער מיט אַ פייערליכן לויב־געזאַנג צום אידעאַל פון דער יידישער אויסלייזונג און ווידעראויפלעבונג.

לילנבלום האָט זיך עפנטליך אַוועקגעשטעלט אויפן „וועג פון תשובה". ער האָט געזוכט אויסצומעקן פון זיין לעבנס־געשיכטע די עטליכע סאָציאַליסטישע בלעטלאַך. אים האָט זיך שטאַרק געוואָלט, אַז זיי זאָלן פאַרגעסן ווערן, ווי גאָר קיינמאָל ניט געווען.

ווינטשעווסקי, דער אַמאָליגער פאַרביטערטער באַקעמפער פונם יידישן נאַציאָנאַליזם, איז ביי היינטיגן טאָג אַ הייסער נאַציאָנאַליסט.

און אליהו וואָלף ראַבינאָוויטש (או"ר) איז פון דער ערשטער מינוט אָן צוגעשטאַנען צום חבת־ציון געדאַנק, און איז היינט אַן איבערגעגעבענער ציוניסט.

קיין קאָנסעקווענצן וועלן מיר דערפון ניט ציהען, אָבער—
דער פאַקט בלייבט אַ פאַקט...

# משה אַראָנסאָן.

(1853—געבוירן)

איך געדענק נאָך אַזוי ווי היינט: זייענדיק אין ווין איז מיר אויסגעקומען גאַנץ אָפט צו הערן פון צוקערמאַנען און קאַמיאָנסקי׳ן דעם נאָמען פון זייער מאָהילעווער חבר—משה אַראָנסאָן. און תמיד האָבן זיי אים דערמאָנט מיט אַ באַזונדער ליבשאַפט, און דערצו נאָך מיט גרויס באַגייסטערונג.

לויט מיינע זכרונות פון אַ ביסל אַ שפּעטערדיקער צייט איז דער דאָזיגער אַראָנסאָן באמת אַ באַזונדערס אינטערעסאַנטע פיגור צווישן זיינע חברים, די ניהיליסטן-סאָציאַליסטן פון די מיטעלע 70-ער יאָרן.

### I.

אַראָנסאָן אַלס „מתמיד״.—אַראָנסאָן גייט אַריבער פון „השכלה״ צום סאָציאַליזם.—ער אַנטלויפט פון מאָהילעוו.—ער קומט אין בערלין.—אַראָנסאָן אין בערלינער אוניווערסיטעט.—אַראָנסאָן ווערט אַ מיטגליד פונם סאָציאַליסטישן עמיגראַנטן-קרייזל.—דער מהות פון דעם קרייזל.—אַראָנסאָן ווערט אַרעסטירט און נאָכדעם אַרויסגעשיקט פון דייטשלאַנד.

אַראָנסאָן, אַ בן-יחיד ביי בעל-הבתי׳שע אָרטאָדאָקסישע עלטערן, האָט פאַרבראַכט זיין יוגנט אין חדרים, און האָט געשמ׳ט פאַר אַ גרויסן „מתמיד״. אין התמדה האָט ער זיך אויסגעצייכנט אויך שוין זייענדיג פאַרכאַפּט אין דער „השכלה״. גרויסע פאָרשריט האָט ער געמאַכט באַזונדערס אין דער דייטשישער שפּראַך. נאָך אין זיין פריסטער יוגנט האָט ער איבערגעלייענט אַלע ווערק פון מענדעלסאָנען און אַנדערע פילאָסאָפישע ביכער אין אָריגינאַל. אַלץ האָט ער געלערנט גרינדליך און טיף. די אויבערפלעכליכקייט פון לייענען האָט ער ניט געקאָנט.

ווי אַלע מאָהילעווער משכילים פון יענער צייט איז אַראָנסאָן אויך אַריינגעפאַלן אין דעם סאָציאַליסטישן שטראָם, איז געזעסן טאָג און נאַכט און געלייענט סאָציאַליסטישע ספרים, און האָט אָנגעפאַנגן צו שטרעבן צו אַ נייעם לעבן. צוזאַמען מיט צוקערמאַנען איז ער אַנטלאָפן געוואָרן פון מאָהילעוו. אָבער בעת צוקערמאַן איז נאָכגעיאָגט געוואָרן פון זיינע עלטערן, וועלכע האָבן אים געכאַפּט אין האָמעל און אָפּגעפירט צוריק מיט גוואַלד קיין מאָהילעוו, האָט

זיך אראָנסאָן פון דאָרטן אַליין דערשלעפּט ביז אַלט=ביכאָוו, פון וואַנען ער איז אַוועק ווייטער, איז אַריבער דעם גרעניץ און געקומען קיין בערלין. דאָרטן איז ער אַריין אין אוניווערזיטעט אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט.

אין בערלין איז אַראָנסאָן באַלד געוואָרן אַ מיטגליד פונם דאָרטיגן סאָ= ציאַליסטישן עמיגראַנטן=קרייזל, וועלכער איז באַשטאַנען פון יידישע סטודענטן און סטודענטקעס אַנטלאָפענע פון רוסלאַנד. דער דאָזיגער קרייזל האָט געהאַט פאַר זיך אַ באַזונדער דירה, וואו עס האָבן געוואוינט אַלע זיינע מיטגלידער צוזאַמען אויפן יסוד פון קאָמונע.

אין מיינע זכרונות וועגן דינעזאָנען*) האָב איך שוין אַ ביסל אַרומגערעדט די אַנטלויפונגס=עפּידעמיע, וועלכע האָט אָנפאַנג די 70=ער יאָרן אויסגעבראָכן צווישן אַ טייל פון דער יידישער יוגנט אין מאָהילעוו. די דאָזיגע אַנטלאָפענע, בחורים און מיידלאַך, באַזונדערס פון רייכן קלאַס, וועלכע זיינען געפאָרן דאָס רוב אין דער שווייץ צו סטודירן דאָרט מעדיצין, פלעגן פאַרבייפאָרנדיג אַראָפּ אין בערלין און דאָרטן פאַרבלייבן עטליכע חדשים: איינע פלעגט דאָ זיצן און וואַרטן אויף איר געליבטן, די אַנדערע אויף איר פריינדין, דער דריטער פלעגט מען אַן עצה געבן שרייבן דעם פאָטער, אַז זי האָט דאָ, כלומר'שט, געפונען איר באַשערטן און זי וויל מיט אים חתונה האָבן, כדי אַרויסצוקריגן פון אירע רייכע עלטערן איר גרויסן נדן און אַריינטראָגן דאָס געלט אין דער קאַסע פון דער פּאַרטיי. די דאָזיגע אַלע עמיגראַנטן און עמיג= ראַנטקעס פלעגן זיך די גאַנצע צייט אויפהאַלטן אין דער בשותפות'דיגער וואוינונג פונ'ם סאָציאַליסטישן קרייזל.

אַנדערע פון די דאָזינע עמיגראַנטן פלעגן אַרבעטן אין די בערלינער פאַבריקן און זאַוואָדן אַלס טאָג=לוינער, אום צו באַקאָנען זיך מיט דעם פּאַק= טישן מצב פון דעם אַרבעטער און אויך צוגעוואוינען זיך צו מלאכה, כדי זיי זאָלן קענען צוריקקערנדיג זיך קיין רוסלאַנד, אַגיטירן צווישן די אַרבעטער און פאַרשפּרייטן אונטער זיי די סאָציאַליסטישע אידייען. אַלע פלעגן זיי טראָגן פּראָסטע לייוונטענע רובאַשקעס און האָבן געהאַט אַ שרעקליכן אויסזעהן: לאַנגע, אומפאַרקעמטע, צושויבערטע האָר, צוריסענע און פאַרלאַטעטע שטיוול, ניט קיין איינגעוואַשענע פּנימ'ער און די הענט שמוציג פון אַרבעט. ביז פאַרנאַכט פלעגן זיי אַרבעטן אויף די פאַבריקן, און נאַכהער פלעגן זיי קומען פאַרמאַ= טערטע אין דער אַלגעמיינער וואוינונג, דאָרטן פלעגן זיי לעזן און שרייבן און אויסהערן נייס פון רוסלאַנד פון די אַנטלאָפענע, וואָס פלעגן קומען טאָג= טעגליך קיין בערלין**), און פון דאָרטן פלעגן זיי אָנפירן מיט דער גאַנצער סאָציאַליסטישער אַגיטאַציע צווישן דער יידישער יוגנט אין רוסלאַנד.

גראָד האָט זיך געדאַרפט מאַכן אַז צווישן די כתבים, וועלכע מ'האָט

*) זעה ערשטער באַנד פון מיינע זכרונות זייטלאַך 65—61.

**) זעה „השלח“. 17-ער באַנד זייטל 260.

קאָנפיסקירט ביי ליבערמאַנען, און וואָס זיינען פון ווין איבערגעגעבן געוואָרן דער בערלינער פּאָליציע, זיינען געווען אויך עטליכע בריוו פון אַראָנסאָנען. לויט די דאָזיגע בריוו האָט די בערלינער פּאָליציי דערגאַנגען, אַז אַראָנסאָן איז אַ מיטגליד פון אַ אומלעגאַלער חברה, און האָט אים אַרעסטירט צוזאַמען מיט זיינעם אַ מאָהילעווער חבר גורעוויטש, וועמעס בריוו מ׳האָט אויך געפונען ביי ליבערמאַנען. אַראָנסאָן איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף פיר חדשים געפענגעניש, און איז נאָכדעם אַרויסגעשיקט געוואָרן פון דייטשלאַנד*).

---

## II.

אַראָנסאָן קומט אין ציריך און סטודירט מעדיצין.—עס דערוועקט זיך אין אים זיין אַלטע התמדה.—לעגענדעס וועגן זיין פלייס צום לערנען.—אַראָנסאָן ווערט נעשטרויכלט ביים לעצטן עקזאַמען.—ער ווערט מעלאַנכאָליש און וויל זיך נעמען דאָס לעבן.—זיינע חברים עדואַרד בערנשטיין און קאַרל קויטסקי באַמערקן דאָס.—מיט וואָס פּראָפעסאָר פראַנקשטיין באַרוהיגט אַראָנסאָנען.—אַראָנסאָן באַקומט דעם דאָקטאָר-דיפּלאָם און פאָרט אַרויס קיין ניו-יאָרק.

פון בערלין איז אַראָנסאָן אַוועק קיין ציריך, וואו ער האָט פאָרגעזעצט זיינע מעדיצינישע למודים ביים באַרימטן פּראָפעסאָר פון פרויען-קראַנקייטן פראַנקענשטיין. אין ציריך האָט זיך דערוועקט אין אַראָנסאָנען דער אַלטער אַמאָליגער מתמיד. ער האָט זיך אַלץ אַרויסגעשלאָגן פון קאָפּ און זיך מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן דער וויסנשאַפט. וועגן אַראָנסאָנס דאַמאָלסטדיגע פלייסיגקייט זיינען אַרומגעגאַנגען צווישן זיינע חברים אין באַקאַנטע געוויסע לעגענדעס. מ׳האָט דערציילט, למשל, אַז אין יאָר 1880—דאָס איז שוין געווען דער לעצטער סעמעסטער פון זיין געפינען זיך אין ציריכער אוניווערזיטעט—בעת ער האָט געהאַלטן דעם לעצטן עקזאַמען פאַר׳ן ענדיגן דעם מעדיצינישן פאַקולטעט, איז ער עפּיס דורכגעפאַלן אין אַ געוויסן לימוד. ער האָט זיך דאָס זעהר גענומען צום האַרצן און איז געוואָרן מרה-שחורה׳דיג. ער האָט אויפגעהערט צו עסן און צו טרינקען, האָט זיך פאַרשפּאַרט אין זיין צימער און אַוועקגעוואָרפן דאָס לערנען. אין ציריך האָט אַראָנסאָן דאַן געוואוינט אין איין דירה מיט די שפּעטערדיגע באַרימטע סאָציאַליסטישע טעאָרעטיקער אין דייטשלאַנד עדואַרד בערנשטיין און קאַרל קויטסקי. באַמערקנדיג, אַז ער איז מעלאַנכאָליש און פירט זיך עפּיס אויף ניט ווי דער סדר, האָבן זיי אים גענומען נאָכשפּירן. ערשט זיי האָבן געפונען ביי אים אין צימער

---

*) וועגן דעם דאָזיגן משפּט איז מיר שוין אויסגעקומען צו דערציילן אויספירליכער אין מיין אַרטיקל וועגן ליבערמאַנען (זעה דעם ערשטן אַרטיקל אין דעם באַנד).

פּאַרשטעקט אין אַ ווינקל אַ שאַרפן סם מיט אַ שטריק. איין טאָג האָבן זיי אים דערזעהן גייענדיג אַליין אונטערן שטאָט לעבן אַ גרויסן בוים פאַר וועלכן ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און האָט אים געגומען גוט באַטראַכטן, עפּיס אַזוי ווי ער וואָלט געהאַט בדעה אויסצוקלייבן פאַר זיך אַן אָרט וואו אויפצוהענגען זיך. די חברים האָבן אים אָנגענומען און האָבן מיט גוואַלד אַרויסגענומען בײַ אים פון קעשענע דאָס גיפט, און דערנאָך זייגען זיי אַוועק צום פּראָפעסאָר פראַנ־קענשטיין און זייגען צו אים צוגעשטאַנען, אַז ער מוז זעהן ראַטעווען זיין תּלמיד. דער פּראָפעסאָר איז תּיכּף געקומען צו אַראָנסאָנען אויף זיין קוואַרטיר און האָט אים גענומען טרייסטן און אויפמונטערן און האָט געזאָגט, אַז נאָר אומזיסט עסט ער זיך אָפּ דאָס האַרץ, און אַז זיין דיסערטאַציע איז אַן אויס־געצייכנטע, און ער האָט אים מבטיח געווען, אַז גאָר אינגיכן באַקומט ער דעם דאָקטאָר־אַטעסטאַט. דערבײַ האָט אים דער פּראָפעסאָר געצוואונגען, אַז ער זאָל תּיכּף פאַר אים אין די אויגן נעמען עפּיס עסן, ווייל ער האָט שוין פון דריי טעג קיין זאַך אין מויל ניט געהאַט. דעם פּראָפעסאָרס רייד האָבן אויף אַראָנסאָנען געהאַט אַ גרויסע ווירקונג. ביסלעכווייס איז ער געקומען צו זיך, האָט זיך צוריקגעקערט צו זיינע למודים, האָט זיך עקזאַמענירט און אַרויס פון עקזאַמען בשלום און האָט באַקומען אַ דאָקטאָר־דיפּלאָם פון דער העכסטער מדרגה. ער איז נאָך אָבער ווייטער פאַרבליבן אין ציריך.

ערשט אין אַ פאַר יאָר אַרום איז אַראָנסאָן אַוועקגעפאָן פון ציריך קיין ב ר ע מ ע ן. דאָרטן האָט ער אָנגענומען די שטעל פון אַ דאָקטאָר אין אַ שיף, וואָס קורסירט פון ברעמען קיין ניו־יאָרק און צוריק. נאָכדעם האָט ער זיך באַ־זעצט אין ניו־יאָרק, וואו ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ שוועסטער פון ע ד וואַ ר ד ב ע ר נ ש ט י י ן, און וואו ער וואוינט עד היום אַלס פּראַקטיצירנ־דער דאָקטאָר. צייטנווייס פלעגט אַראָנסאָן פאַרעפנטליכן אַרטיקלען אין דער ניו־יאָרקער „אַ ר ב ע ט ע ר ־ צ ײ ט ו נ ג". די לעצטע יאָרן האָט מען שוין וועגן אים אין דער עפנטליכקייט גאָרנישט געהערט*).

---

*) אין די צייטונגען איז נאָך געווען אַ ידיעה, אַז ער האָט ערפונדן אַ געהייסן זייער וויכטיגן מעדיצינישן מיטל, וועלכער ווערט גערופן אויף זיין נאָמען.

## .III

א באַראַטונג פון ציריכער יידישע עמיגראַנטן נאָך די ערשטע פּאָגראָמען אין דרום-רוסלאַנד.—דער אַלגעמיינער באַשלוס אויסצוואַנדערן קיין ארץ-ישראל.—אַראָנסאָן האַלט ביים עמיגרירן קיין פּאַלעסטינע.—די באַגייסטערטע מיינונג וועגן א"י פון אַ קריסטליכן טעאָלאָג.—פּראָפעסאָר ר ע ק ל י י צושלאָגט דעם גאַנצן פּלאַן וועגן דער עמיגראַציע קיין ארץ-ישראל.—אַמעריקע אַנשטאָט פּאַלעסטינע.

טרעפנדיג זיך אין די מיטעלע 90-ער יאָרן מיט דעם אויבנדערמאָנטן קאַמיאָנסקן אין סובאַלק; האָט ער מיר דערציילט וועגן אַראָנסאָנען דעם פאָלגנדיגן זעהר אינטערעסאַנטן פאַקט:

אין די ערשטע 80-ער יאָרן, נאָך די פּאָגראָמען אין דרום-רוסלאַנד, האָבן זיך אין ציריך צונויפגעקליבן אַלע יידישע עמיגראַנטן, וועלכע האָבן זיך דאָרטן אויפגעהאַלטן כּדי צו באַראַטן זיך וועגן דעם מצב פון די רוסישע יידן. נאָכדעם ווי אַלע זיינען געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז די לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד איז שרעקליך אָן אַ שום גוטע האָפענונג אויף דער צוקונפט, האָבן אַלע אָנגענומען דעם באַשלוס, צו עמיגרירן קיין ארץ-ישראל, גרינדן דאָרטן אַ קאָלאָניע פון ערד-אַרבעטער און צוצוציהען אַהין די מאַסן אויסוואַנדערער. צווישן די, וואָס האָבן באַשלאָסן צו פאָרן קיין ארץ-ישראל זיינען געווען אויך די סאָציאַליסטן אַ ר אָ נ ס אָ ן, אַ ק ס ל ר אָ ד און ג ו ר ע װ י ט ש.

אין ציריך האָט דאַמאָלסט געוואוינט איינער אַ באַוואוסטער קריסטליכער טעאָלאָג, וועלכער האָט געמאַכט פיל רייזן אין די מזרח-לענדער און האָט פאַרבראַכט אַ לאַנגע צייט אויך אין פּאַלעסטינע, און איז געווען באַקאַנט פאַר אַ גרויסן קענער פון די דאָזיגע געגנטן. זיינען צו אים געקומען אַראָנסאָן מיט זיינע חברים און האָבן אים געבעטען, אַז ער זאָל זיי זאָגן זיין מיינונג וועגן ארץ-ישראל. נאָכדעם ווי דער לוטעראַנישער פּאַסטאָר האָט דערהערט זייער באַשלוס, וועגן פאָרן קיין ארץ-ישראל, האָט ער זיך זעהר דערפרייט און האָט צו זיי געזאָגט: „געבענטשט זאָלט איר זיין פון גאָט! איך זעה, אַז איר זייט געבליבן טרייע קינדער צום יידישן פאָלק. גייט און טרעט אויס די וועג פאַר אייער גרויסן פאָלק און איר וועט באַגליקן. גייט און באַלעבט דאָס היי-ליגע לאַנד, וועלכע וואַרט אויף אייך שוין צוויי טויזנט יאָר, און וועט אייך באַשיינקען מיט אַל דאָס גוטס. דער ירדן-טאָל איז זעהר אַ פרוכטבאַרע געגנט מיט אַ גרויסע שפע פון אַלערליי מינים שפּייז פאַר די, וואָס וועלן באַאַרבעטן זיין ערד".

כּמעט אַלע זיינען שוין געשטאַנען געגרייט אַוועקצולאָזן זיך אין וועג אַריין. האָט זיך דאַן אָפּגערופן אַראָנסאָן: מ'דאַרף נאָך אַריינגן זיך מישב זיין אויך מיטן באַרימטן פּראָפעסאָר ר ע ק ל י י. רעקליי האָט צושטערט זייער גאַנצן

פלאַן און האָט זיי געוואָרנט, אז זיי זאָלן אויפהערן צו טראַכטן וועגן ארץ־ישראל, וואו אַלע יידן זיינען פוילער, ליידיגגייער, וועלכע לעבן אויפן חשבון פון דער חלוקה, פאַנאַטיקער, רכילות־טרייבער און באַנאַוולער, וועלכע וועלן האָבן אויף די נייע איינוואַנדערער אַ דעמאָראַלאָזירנדיגן איינפלוס. די חלוקה׳ניקעס, וועלכע ער האָט קענען געלערנט אין ירושלים און אין צפת וועלן זיי ניט לאָזן אַרבעטן די ערד אָדער צו פאַרנעמען זיך מיט אַ וועלכער ס׳איז מלאָכה; זיי וועלן זיי נויטן גיין אין זייערע דרכים, און די איינוואַנדערע וועלן דאָרטן קיין שום תקומה ניט האָבן.

רעקליי׳ס ווערטער האָבן אויף די יונגע לייט געהאַט זעהר אַ שטאַרקע ווירקונג. תיכף האָבן זיי אומגעביטן דעם באַשלוס וועגן ארץ־ישראל, און האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף דער עמיגראַציע קיין אַמעריקע. דאַן זיינען אַ סך פון די ציריכער צוגעשטאַנען צו דער אין יענער צייט באַקאַנטער סטודענטן־גרופּע „עם־עולם״, וועלכע איז אַוועק קיין אַמעריקע.

אַקסלראָד און גורעוויטש זיינען פאַרבליבן אַרבעטן אין אייראָפּע אויפ׳ן סאָציאַליסטישן באָדן, און אַראָנסאָן איז אַוועק מיטן שטראָם קיין אַמעריקע.

# יהודה ליב דאַווידאָוויטש (בן=דוד).

(געבוירן—1855; געשטאָרבן—1898).

צו דעם יידיש=סאָציאַליסטישן קרייזל, וועלכער האָט עקסיסטירט אין ווילנע אָנפאַנגס די 70=ער יאָרן פונ׳ם פאָריגן יאָרהונדערט און האָט זיך געפונען אונטער ליבערמאַנס השפעה, האָט געהערט אויך איינער אַ דאַווי=דאָוויטש. דער דאָזיגער דאַווידאָוויטש, וועלכער איז נאָך דאַן געווען גאַנץ יונג בערך, אַ יאָר 16—17 און נאָר אָקאָרשט=וואָס אַראָפּ פון דער ישיבה׳שער באַנק, האָט אין קרייזל קיין באַזונדערן אָרט ניט פאַרנומען; גיכער האָט ער זיך נאָר געריבן אַרום קרייזל, און דעריבער ווערט זיין נאָמען אין די אַנאַלן פון די ערשטע יידיש=סאָציאַליסטישע קרייזלאַך אין ליטע כמעט ווי גאָר ניט דערמאָנט. אינאמת׳ן האט שוין אָבער דער יונגער, זעהר פייהיגער און באַ=גאַבטער דאַווידאָוויטש, נאָך דאַמאָלסט אין זיך געהאַט פיל רעוואָלוציאָנערן אימפּאַטענץ, וועלכער האָט זיך אַרויסגעוויזן אין בולט׳ע מעשים ערשט מיט עטליכע יאָר שפּעטער. וועגן די דאָזיגע מעשים האָבן אָבער אין זייער צייט געוואוסט נאָר איינצלנע מענשן. די געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועּ=גונג האָט זיי ניט פאַרצייכנט...

אין די לעצטע 80=ער יאָרן איז דאַווידאָוויטשעס נאָמען מיט אַמאָל ארויפּ=געשוואומען אין דער יידישער ברייטער עפנטליכקייט, אָבער ניט אַלס רעוואָ=לויאָנערער עסקן, נאָר אַלס טאַלענטפולער העברעאישער שריפטשטעלער, באַ=זונדערס אויפ׳ן געביט פון קריטיק און פעדאַגאָגיע. אָנגעהויבן זיין ליטעראַ=רישע טעטיגקייט האָט ער נאָך מיט עטליכע יאָר פריהער און אונטער פאַר=שיידענע פסעוודאָנימען, וועלכע האָבן באַלד צוגעצויגן צו זיך די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט. אין די דעמאָלטיגע העברעאישע ליטעראַרישע קרייזלאַך האָבן זיך אַרום דער פערזאָן פון די דאָזיגע פסעוודאָנימען גענומען שפינען אַלערליי לעגענדעס. דעם ריכטיגן נאָמען פון שרייבער האָט מען זיך ערשט דערוואוסט אין עטליכע יאָר שפּעטער, און דורך אים אַליין, בעת ער האָט זיך אָנגעהויבן אונ=טערשרייבן אויף זיינע אַרטיקלען: „בן=דוד“, אָדער אַמאָל מפורש: י. ל. דאַ=ווידאָוויטש. דאַן האָט מען אויך דערגאַנגען, אַז דער מענש האָט הינטער זיך אַ געשיכטע פון זעהר אינטערעסאַנטע איבערלעבענישן. קיין פּרטים האָט אָבער קיינער ניט געקאָנט דערציילן, און ער, דאַווידאָוויטש, אַליין, האָט אין

שמועסן אפילו מיט פריינד און באַקאַנטע געזעהן ווי ווייט מעגליך אויסצומיידן צו רעדן וועגן זיין פאַרגאַנגענהייט. בכלל איז בן־דוד געווען לויט זיין כאַראַקטער וויניג אָפנהאַרציג, פאַרביטערט און גאַליג, און מיר האָט תמיד אויסגעוויזן, אַז ער דערווייטערט זיך פון מענשן מער ווי ער איז זיך צו זיי מקרב. אפשר האָבן אים מענשן שלעכטס געטאָן, געררודפ׳ט אין לעבן, ווער ווייסט?

מיר פערזענליך איז אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך מיט בן־דוד׳ן עטליכע מאָל און אין פאַרשיידענע שטעט. דעם ערשטן מאָל האָב איך מיך מיט אים באַקאַנט אין וואַרשע. דאָרטן האָבן מיר זיך ביידע צוזאַמענגעטראָפן אין דער בוכהאַנדלונג פון אליעזר יצחק שפירא. איך געדענק, אַז בן־דוד האָט דאַן גערעדט מיט גרויס באַגייסטערונג וועגן בן־אביגדור׳ס אונטערנעמונג מיט זיינע וואָלוועלע העברעאישע אויסגאַבן, די אַזויגערופענע „ספרי־אגורה״. אַ צווייטן מאָל האָב איך מיך מיט אים געזעהן אין מינסק. ער איז דאַמאָלס געפאָרן אין דער נאָהענטער קליינשטעטל סמאָלעוויטש, וואו ער האָט אָנגענומען אַ לערער־שטעל אין דער הויז פון דעם אין יענער צייט ווייט און ברייט באַקאַנטן גביר בער סוטין. נאָכדעם האָב איך מיך מיט אים באַגעגנט אין ווילנע אָקאָרשט־וואָס ער איז דאָרטן אָנגעקומען אַלס לערער אין דער שטאָטישער תלמוד־תורה.

אַ פערטן מאָל האָט מיך מיט בן־דוד׳ן צוזאַמענגעפירט אַ זעלטענער צופאַל. דאָס איז געווען אינמיטן ווינטער אין איינעם פון די מיטעלע 90־ער יאָרן. איך האָב דאַן געוואוינט אין סובאַלק און בין געפאָרן פון דאָרטן קיין וואַרשע דורך ביאַליסטאָק. אַרויספאָרנדיג מיטן אָוונט־צוג פון ביאַליסטאָק האָט אויסגעבראָכן אַ שרעקליכער שטורמווינט, ס׳איז געוואָרן אַ זאַווירוכע מיט אַ שניי, וועלכער האָט פאַרשאָטן די גאַנצע וועג. אין אַ שעה דריי אַרום האָט זיך דער צוג אָפגעשטעלט ניט קענענדיג גיין ווייטער. מיר זיינען אַזוי אָפגעשטאַנען אינמיטן וועג אַ שעה פינף אַן ערך. ס׳איז געוואָרן זעהר קאַלט, דער עולם האָט אָנגעהויבן אונטערצופרירן... און דאָ איז אַריין דער קאָנדוקטאָר און האָט געזאָגט, אַז וואו מ׳וועט ניט אָפראַמען דעם שניי ביז דער נאָהענטער סטאַנציע, וועט זיך דער צוג ניט קענען רירן פון אָרט, און דאָס וועט נאָך געוויס דאַרפן געדויערן עטליכע שעה. דערביי האָט ער אונז געגעבן אַן עצה, אַז היות ווי גאַנץ נאָהענט פון דאַנען געפינט זיך אַ דאָרף, זאָלן מיר אַהין אַראָפגיין צו דערוואַרימען זיך אַביסל. מיר האָבן גלייך גענומען די פעקלאַך און האָבן זיך געלאָזן גיין איבער די ריעלצעס. דערווייל האָט אָנגעהויבן צו טאָגן. שלעפנדיג זיך אַזוי אין שניי האָב איך מיט אַמאָל דערזעהן ווי פון לעצטן וואַגאָן קריכט אַראָפּ בן־דוד, וועלכער איז אויך מיט דעמזעלביגן צוג געפאָרן קיין וואַרשע. באַגעגנדיג זיך אומגעריכטערהייט און ביי אַזאַ לאַגע האָבן מיר זיך איינער מיט דעם אַנדערן דערפרייט... אָפגייענדיג צוואַנציג מינוט אַן ערך האָבן מיר דערזעהן דעם דאָרף. דאָס ערשטע הייזל איז גראָד געווען אַ יידישע. דאָרט האָט געוואוינט דער שמיד פון דאָרף. איך מיט בן־

דוד'ן זיינען אַהין אַריין, און האָבן אונז גלייך אַ וואָרף געטאָן צום גרויסן וואַרימען אויוון... מיר האָבן געבעטן דער בעל־הבית'טע און זי האָט פּאַר אונז געמאַכט דעם סאַמאָוואַר. זיצנדיג אַזוי צוזאַמען און טרינקענדיג טיי אין דער דאָזיגער אומגעוויינליכע סביבה, האָט דאָס ביי אונז אַרויסגערופן אַ היימליכע, אינטימע שטימונג. מיר האָבן זיך אַריינגעלאָזן אין אַ שמועס, וועלכער איז אַרי־בערגעשפּרונגען פון טעמע צו טעמע, פון פאַרשיידענע ליטעראַרישע ענינים צו פּערזענליכע. בשעת־מעשה איז מיר אויסגעקומען צו דערציילן אים, אַז מיט עטליכע יאָר צוריק האָב איך חתונה געהאַט אין סובאַלק, און אַז מיין פרוי איז אַ שוועסטער־קינד פונם באַוואוסטן סאָציאַליסטישן עסקן און שריפטשטע־לער ליבערמאַן.

דערהערנדיג דאָס האָט ער זיך אַ כאַפּ געטאָן פון שטול און מיט גרויס נײַשפּאַנסקייט אַ פרעג געטאָן:

— ליבערמאַן, דער געוועזענער רעדאַקטאָר פון „האמת"?

נאָכדעם ווי איך האָב אים דערקלערט, אַז דאָס איז אַזוי, האָט ער מיך גענומען פאַרוואַרפן מיט פראַגן: אפשר ווייס איך, וואָס עס איז געוואָרן מיט ליבערמאַנס פאַמיליע, אפשר ווייס איך די ריכטיגע סבה פאַרוואָס ער האָט זיך גענומען דאָס לעבן, אפשר ווייס איך, צי עס זיינען פון אים געבליבן וועלכע ס'איז כתבים און וואו זיי געפינען זיך.

איך האָב אים דערציילט וועגן ליבערמאַנען אַלץ וואָס איך האָב דענסט־מאָל וועגן אים געוואוסט. דערנאָך האָב איך מיך צו אים אָפּגערופן:

— פון אייער שטאַרקן אינטערעסירן זיך מיט ליבערמאַנען ווייזט אויס, אַז איר האָט זיך מיט אים געקאָנט.

אויף דעם האָט מיר בן־דוד נעענטפערט:

— געקאָנט איז נאָך ווייניג; איך בין געוועזן ליבערמאַנס אַ תלמיד מובהק און אַ שטענדיגער איינגייער ביי אים אין שטוב.

— זייט איר, הייסט עס, אַמאָל אויך געוועזן אַ סאָציאַליסט?

— נאָך וואָס פאַר אַ סאָציאַליסט?! „מיט אַלע קליפּערלאַך", מיט קאָנספּי־ראַציע, מיט געפענגעניש, מיט מסירת־נפש...

מיט די ווערטער האָט ער מיר זעהר פאַראינטערעסירט, און צווישן איין גלעזל טיי מיט דער אַנדערער האָב איך אים אַזוי פיל „געצויגן פאַרן צונג", דאָס אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט האָט ער מיר איבערגעגעבן עטליכע זעהר אינטע־רעסאַנטע עפּיזאָדן פון זיין לעבנס־געשיכטע.

פון יענער צייט זיינען שוין אַריבער באַלד פינף און צוואַנציג יאָר; איך געדענק נאָך אָבער די דאָזיגע עפּיזאָדן גלייך ווי איך וואָלט זיי ערשט נעכטן פון אים געהערט.

## I.

בן־דוד׳ס ערשטע ערציהונג.—ער גרייט זיך צו אַריין אין ראַבינער־שול.—ער פאַלט דורך ביי די עקזאַמענס.—ער ווערט אַ העברעאישער לערער.—ער ווערט אַ מיטגליד אין ווילנער סאָציאַליסטישן קרייזל.—זיין ראָל אין קרייזל.—אַ קאָנפליקט וועגן דער אַגיטאַציאָנס־שפּראַך.—בן־דוד געגן ליבערמאַנען.—בן־דוד איז זיך מרחיק פון זיינע חברים.—ער ווערט אָפּגעקילט צום סאָציאַליזם.—ער נעמט זיך צוריק פאַר זיין זעלבסט־אויסבילדונג.

אַ זון פון אַ ווילנער מלמד אַ פאַרבאָרגענער האַלבער „משכיל“, האָט שוין בן־דוד צו צען יאָר געקאָנט גאַנץ גוט העברעאיש. צו עלף יאָר האָט ער שוין זעהר פליסיג געלייענט דייטש, און דאַן איז ער אַליין דורכגעקראָכן כמעט גאַנץ תנ״ך מיט מענדעלסאָנס איבערזעצונג. בר־מצוה איז ער געוואָרן אין ראַמיילס ישיבה, וואו ער האָט זיך גערעכנט צווישן די בעסטע תלמידים. זייענדיג פערצן יאָר אַלט האָט ער געלערנט פאַר זיך אין גאונס קלויז. אין יענער צייט האָט ער זיך באַקאָנט געמאַכט מיט דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור, האָט פיל געלייענט די נייע „השכלה־ביכלאַך“ און זיך גענומען לערנען רוסיש, כדי אַריינצוטרעטן אין ראַבינער־שול. נאָכדעם ווי ער איז דורכגעפאַלן ביי די ערשטע צוויי עקזאַמענס, איז ער שוין צום דריטן עקזאַמען ניט געקומען, און פון דאַמאָלסט אָן האָט ער בכלל אַרויסגעשלאָגן זיך פון קאָפּ דעם געדאַנק וועגן ראַבינער־שול און האָט באַשלאָסן צו באַשעפטיגן זיך מיט זעלבסט־בילדונג. דאַן איז אים אָפּגעשטאָרבן זיין פאָטער, און ער האָט זיך שוין געדאַרפט אַליין דערנערן. ער האָט באַקומען אַ פּאָר גראָשענע העברעאישע לעקציעס, פון וועלכע ער האָט מפרנס געווען אויך זיין אַלטע מוטער די אלמנה.

צו ניינצען יאָר איז שוין בן־דוד געווען באַהאַוונט כמעט אין דער גאַנצער ראַדיקאַלער רוסישער ליטעראַטור פון די זעכציגער יאָרן. יעמאָלט האָט אים זיינער אַ חבר אַריינגעפירט אין אַ געוויסן טאָג אינ׳ם אָקאָרשט־וואָס געגרינדעטן יידישן סאָציאַליסטישן קרייזל, וועלכער איז אָנגעפירט געוואָרן פון ליבערמאַנען. אַ קורצע צייט נאָך דעם איז שוין בן־דוד געווען אינגאַנצן באַהערשט פונ׳ם סאָציאַליסטיש־מאַרקסיסטישן געדאַנק, איז געוואָרן אַ מיטגליד פון קרייזל, און אַ באַזוכער פון אַלע זיינע געהיימע אַסיפות. ניט זייענדיק פון דער נאַטור קיין רעדנער, האָט אים דער קרייזל צו מונדליכער אַגיטאַטאָרישער אַרבעט ניט געקאָנט באַנוצן, און דעריבער האָט ער געהאַט בדעה אָפּצולייגן זיך באַזונדערס אויף אומלעגאַלער שריפטליכער אַגיטאַציע, צו וועלכער ער האָט ביי זיך געפילט די געהעריגע פייהיגקייט. איז אָבער דאַמאָלסט אַרויס אַ קאָנפליקט צווישן די חברים וועגן דער שפּראַך, מיט וועלכער מ׳דאַרף זיך באַנוצן צו דער סאָ־

ציאַליסטישער פּראָפּאַגאַנדע. ליבערמאַן, און צו אים נאָך עטליכע האָבן געזאָגט, אַז וויבאַלד דער קאָנטיגענט מענשן, וועלכע מ׳דאַרף אַגיטירן, באַשטייט הויפּטזעכליך פון ישיבה־לייט און וואוילערנער, מוז מען דערצו געברויכן נאָר העברעאיש. אַנדערע ווידער האָבן געטענה׳ט, אַז היות ווי די אַגיטאַציע דאַרף געמאַכט ווערן אויך צווישן דער מאַסע, מוז מען מיט איר רעדן נאָר אויפ׳ן לשון, וועלכן זי פאַרשטייט. צווישן די לעצטע איז געווען אויך בן־דוד. נאָכדעם ווי ליבערמאַנס מיינונג האָט פאַר זיך געהאַט די מערהייט און מ׳האָט זיך אָפּ־געשטעלט נאָר אויף ה ע ב ר ע א י ש, איז ממילא דורך דעם בן־דוד׳ס ראָל אין קרייזל געוואָרן ניט קיין באַזונדערס וויכטיגע. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אין אַ האַלב יאָר אַרום, נאָך דעם ווי צווישן די מיטגלידער פון קרייזל האָבן זיך אָנגעהויבן אַרעסטן, און ליבערמאַן איז צוליב דעם אַנטלאָפן געוואָרן קיין אויסלאַנד, האָט ער זיך אָנגעהויבן מרחיק זיין פון זיינע חברים, האָט זיך געסטאַרעט אויסצומיידן מיט זיי יעדער באַגעגעניש, און אַזוי אַרום איז ער אָפּגעקילט געוואָרן צום סאָציאַליזם. דאַן האָט ער זיך צוריקגעקערט מיט גרויס התמדה צו זיין זעלבסט־אויסבילדונג.

---

## II.

בן־דוד פילט זיך אַלס עכטער רוס.—ער סימפּאַטיזירט מיט די סלאַווען.—ער גייט אַוועק אַלס פּריוווילינגער צו קעמפן פאַר די סערבן געגן די טערקן.—זיין באַגעגעניש מיט זאַסמאַנען.—בן־דוד פילט זיך אַנטוישט.—ער ווערט צוריק אַ פאַרברענטער סאָציאַליסט.—ער גיט זיך אָן אויף אַ פאַלשן נאָמען אין מיליטער־דינסט.—ער ראַטעוועט פון נעפּענגעניש אַ פּאָליטישן פאַרברעכער.—ער קומט קיין זשיטאָמיר.

שוין לאַנג פאַרענדיגט אַלע זיינע חשבונות מיט העברעאיש און מיט דער „השכלה״, האָט זיך בן־דוד אין יענער צייט געפילט ווי אַן עכטער רוס, וועמעס ליטעראַטור איז בלויז די רוסישע און וועמענס אידעאַלן ס׳זיינען נאָר די פּראָג־רעסיווע אידעאַלן פון דער רוסישער אינטעליגענץ. ביסלאַכווייס האָט ער אָנגע־הויבן שטאַרק צו סימפּאַטיזירן מיט די „סלאַווישע ברידער״, און אין יאָר 1876, בעת עס האָט אויסגעבראָכן דער סערביש־טערקישער קריג, און אין רוסלאַנד האָט מען אָנגעהויבן צו קלייבן פּריוווילינגע פאַר די מיליטער־אָפּטיילונגען פונ׳ם גענעראַל טשערנייעוו, האָט זיך בן־דוד תיכף אָנגעשלאָסן צו דער גרופּע פּע־טערבורגער יידישע יונגע לייט, וועלכע זיינען אַוועק קיין סערביע אַלס פּריוווי־ליגע סאָלדאַטן צו פאַרגיסן זייער בלוט אויף די באַלקאַנישע בערג לטובת די אונטערדריקטע סלאַוון.

אין סערביע האָט זיך בן־דוד צוגעקוקט צו די אויפפירונגען און מעשים

פון די יידישע „סלאַוויאַנאָפילן“, און איז בײַ זיך שטאַרק אַראָפּגעפאַלן. ער האָט דערזעהן, אַז דאָס רוב זײַנען דאָס ניט מענשן פון וועלכע ס׳איז אידייען, נאָר קאַריעריסטן, וואָס האָבן אין זינען בלויז פרנסה. אַ באַזונדער שווערן אײַנדרוק האָט אויף אים געמאַכט איינער פון זײַנע חברים אינ׳ם פּריוויליגן באַטאַליאָן, אַ משומד, וועלכער איז געווען אַ גרויסער ציניק און האָט גאַנצענע טעג געשכור׳ט. דער דאָזיגער משומד איז דאָס געווען דער שפּעטערדיגער צענזאָר פון יידישע ביכער אין פּעטערבורג, ז ו ס מ אַ ן. אָט דער זוסמאַן, בעת ער פּלעגט בלײַבן אַליין מיט בן־דוד׳ן, האָט ניט אויפגעהערט צו שיטן פּעך און שוועבל אויף די סלאַוון און אויף די רוסן בכלל, און האָט זיך גאַנץ אָפּנהאַרציג אַרויסגעזאָגט, אַז „דאָס יידיש בלוט, וואָס פליסט אין זײַנע אָדערן דערלאָזט אים ניט צו שלאָגן זיך מיט די טערקישע ברידער“. אלא וואָס טוט ער דאָ בײַ טשערנייעוון? ער זוכט נאָר דעם קערבל. פון דער צווייטער זייט האָט בן־דוד באַמערקט, אַז די קריסטליכע וואָלאָנטערן באַציהען זיך מיט חשד און מיט פאַראַכטונג צו זייערע יידישע חברים. דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו, אַז צום סוף האָט זיך בן־דוד לגמרי אָפּגעטרייסלט פון דעם „סלאַוויאַנאָפילנטום“, און ס׳האָט זיך אין אים דערוועקט דער אַלטער סאָציאַליסט.

פון סערביע איז בן־דוד אוועק קיין דרום־רוסלאַנד, און אין קיעוו איז ער צוגעשטאַנען צו אַ גרופּע סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, אין וועלכער ער איז געוואָרן איינער פון די פלײַסיגסטע אַרבעטער, וועלכן מ׳האָט אָנגעטרויט די שווערסטע און די פאַראַנטוואָרטליכסטע מיסיעס. אַזוי האָט אַמאָל פּאַסירט, דאָס די גרופּע האָט באַדאַרפט באַפרייען איינעם אַ פּאָליטישן פאַרברעכער, וועלכער איז געזעסן אין געפענגעניש אין אַ שטאָט ניט ווייט פון קיעוו (דעם נאָמען פון דער שטאָט איז מיר היינט אַרויס פון זינען). די דאָזיגע מיסיע האָט די גרופּע איבערגעגעבן בן־דוד׳ן, וועלכער האָט זי גאַנץ געלונגען אויסגעפירט אויף זעהר אַ מערקווירדיגן אופן. ער איז גלייך אַוועק אין דער שטאָט, וואו עס איז געזעסן אַרעסטירט דער „פאַרברעכער“. דאָרט איז ער אַריין צום „סטאַראָסטע“ פון „מעשטשאַנסקע אופראַווע“ און האָט פון אים פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל נאָכקוקן וועגן פון די יידישע יונגע לייט, האָט זיך ניט געשטעלט צום לעצטן פּריזיוו. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן פון די ביכער, אַז ס׳האָט געפעלט צום פּריזיוו אַ ייד מיט דעם פאַמיליען־נאָמען „ק י ב ר י ק“. בן־דוד איז תיכף אַוועק אין דער מיליטערישער פאַרוואַלטונג, דאָרטן האָט ער געזאָגט, אַז ע ר איז דאָס דער „קיבריק“ און האָט געבעטן מ׳זאָל אונטערזוכן דעם מצב פון זײַן געזונטהייט, צו טויג ער צום מיליטער־דינסט. באַלד האָט מען בן־דוד׳ן צוגענומען צום מיליטער, און מ׳האָט אים די ערשטע צייט געלאָזן דינען אין דעם שטאָטישן גאַרניזאָן. אין איין אָוונט האָט מען אים אַוועקגעשטעלט אויפ׳ן פּאָסטן בײַ דעם אָרטיגן געפענגעניש. מיט דעם האָט ער זיך באַנוצט און שפּעט אין דער נאַכט האָט ער אונטערגעצונדן אויפ׳ן הויף פון געפענגעניש אַ הילצערנעם שפּייכלער. בשעת דער פּלוצלונדיגער מהומה, וואָס איז געוואָרן בײַ די אַרעס־

טאַנטן אין די קאַמערן, האָט זיך דער „פּאָליטישער" אין דער שטיל אַרויסגע־מאַכט און איז אַנטלאָפן געוואָרן.

נאָך דער רעטונג פון'ם רעוואָלוציאָנער האָט זיך בן־דוד אָפּגעשטעלט דינען אין מיליטער ווי געווען. מ'האָט אים דאַמאָלט אַריבערגעפירט קיין קאַזאַן, וואו מ'האָט אים באַשטימט אויף די קורסן פון די מיליטער־פעלדשערס, און אַלס אַזעלכער האָט ער פאַרענדיגט זיין דינסט. נאָכדעם ווי ער האָט זיך באַ־פרייט פון מיליטער—דאָס איז געווען אין די אָנפאַנג אַכציגער יאָרן—האָט ער זיך באַזעצט אין ז ש י ט אָ מ י ר.

---

## III.

די ווירקינג פון די ערשטע פּאָגראָמען אויף בן־דוד'ן.—ער ווערט נאַציאָנאַלי־סטיש געשטימט.—ער ווערט אַ קאָרעספּאָנדענט אין „רוסקי יעוורעי" און „המליץ".—בן־דוד באַזעצט זיך אין אָ ד ע ס.—ער גיט זיך אַליין איבער אין געריכט.—ער ווערט באַפרייט.—ער רופט זיך צוריק מיט זיין אַלטער פאַמיליע.—זיין לי־טעראַריש־ערציהערישע טעטיגקייט.—בן־דוד ווענן זיין עבר.

די דאַמאָלסדיגע פּאָגראָמען אין דרום־רוסלאַנד האָבן אין זיך אַרויסגע־רופן אַ גרויסע אידייאישע איבערקערעניש. ביסלעכווייז האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון דער רעוואָלוציאָנערער־אידעאָלאָגיע, און האָט אָנגעהויבן צו ווערן נאַציאָ־ליסטיש געשטימט. ער האָט זיך אומגעקערט אויף צו העבראַאיש, וועלכע ער האָט מיט דער צייט אינגאַנצן פאַרגעסן. ער האָט געפּרובט שרייבן רוסישע קאָרע־כּפּאָנדענציעס אין „רוסקי יעווריי" מיט דער אונטערשריפט „קיבריק" און העברע־אישע קאָרעכפּאָנדענציעס אין „המליץ" און „היום" מיט דער חתימה „קול עברי".

אין אַ יאָר דריי אַרום איז בן־דוד אַריבערגעפאָרן קיין אָ ד ע ס, וואו ער איז געוואָרן אַ פּריוואַט־לערער פון אַלגעמיינע למודים. אין אַ שיינעם פרימאָרגן איז ער אַריין צום פּראָקוראָר, האָט אים דערציילט, אַז ער האָט זיך באַנוצט מיט אַ פרעמדן נאָמען און האָט פון אים פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל אים ערלויבן אָנצונעמען צוריק זיין אַלטע, ריכטיגע פאַמיליע „ד אַ ו ו י ד אָ ו ו י ט ש". דער פּראָקוראָר האָט תיכף איבערגעגעבן בן־דוד'ן צום געריכט אינ'ם אָדעסער „אָק־רושנאַי סוד". ווייל ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיט דעם, וואָס ער האָט אָנ־גענומען אַ פרעמדע פאַמיליע, איז לא די וואָס ער האָט זיך קיין שום נוצן ניט געבראַכט, האָט ער נאָך דערפילט אַ פרעמדע התחייבות און זעהר אַ שווע־רע, ווי מיליטערדינסט, האָבן אים די געשוואָרענע ריכטער פריי געשפּראָכן און צוריקגעקערט אים זיין אמת'ע ערשטע פאַמיליע „דאַווידאָוויטש".

אין אָדעס האָט בן־דוד זיין רעוואָלוציאָנערן עבר אינגאַנצן ליקווידירט און איז געוואָרן אַ הייסער יידישער נאַציאָנאַליסט. דאַן האָט ער זיך גענומען

צו דער ליטעראַרישער טעטיגקייט, באַזונדערס אין העברעאיש, און האָט זיך אָפּגעגעבן אינגאַנצן דער נאַציאָנאַל-קולטורעלער ערציהונג פון דער יידישער יוגנט, און אויף דעם באָדן איז ער צווישן דעם העברעאישן לעזע-פּובּליקום פון די מיטעלע אַכציגער ביז דעם סוף נײַנציגער יאָרן געוואָרן איינער פון די פּאָפּולערסטע שריפטשטעלער.

* * *

די דאָזיגע עפּיזאָדן, וועלכע בן-דוד האָט מיר דערציילט אין יענעם ווינ-טערדיגן פאַרטאָג, האָט ער פאַרענדיגט מיט די פאָלגנדע ווערטער:

— פיל האָב איך געגרייזט אין מיין לעבן, פיל פעלערן האָב איך אָפּ-געטאָן. אויף קיין זאַך האָב איך קיין חרטה ניט. אַלץ שטעל איך אַוועק אויפ'ן חשבון פון דער ברויזנדיגער יוגנט. נאָר איין זאַך קען איך מיר בשום אופן ניט מוחל זיין, מיין „סלאַוויאַנאָפילנטום". מיט וועמען האָב איך מיך געחבר'ט? פאַר וועמען בין איך נעגאַנגען פאַרגיסן מיין בלוט? פאַר דם-שונאים! פאַר פּאָגראָמשציקעס? אָט מיט דעם וועל איך מיך תמיד שעמען.

# א. ווייטער (אײַזיק מאיר דעווענישקי).

(געבוירן—1880; געשטאָרבן—1919).

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט ווייטערן איז געווען אין די באַוואוסטע „פרייע טעג“ פונם יאָר 1905. דאַמאָלסט בין איך געווען אַ מיטאַרבעטער אין דער רעדאַקציע פון „הזמן“, וואוהין ער פלעגט גאַנץ אָפט קומען באַזוכן זיין געוועזענעם ישיבה-חבר שמואל טשערנאָוויטש (ספוג), וועלכער האָט מיט מיר צוזאַמען געאַרבעט אין דעם דערמאָנטן העברעאישן בלאַט. איך געדענק, אַז טשערנאָוויטש האָט אים מיר דאַן פאָרגעשטעלט מיט זיין פאַמיליע-נאָמען ד ע-ו ע נ י ש ק י. און אַזוי האָבן אים אַלע גערופן. דעם פסעוודאָנים „ווייטער“ האָט ער ערשט אָנגענומען מיט אַ פאָר יאָר שפּעטער, בשעת ער האָט פאַר-עפנטליכט זיין ערשטע דראַמע „פ אַ ר ט אָ ג“.

## I.

ווייטער אַלס פעלעטאָניסט אין ווילנער „סעווערא-זאַפּאַדני גאָלאָס“.—ווייטערס ראָל אין „בונד“.—זיין אימצופרידנקייט מיטן „קליינעם בונד“.—ווייטער אַנטי-קענן די אַרויסטרעטונגען אין די בתי-מדרשים.

אין דער צייט, וואָס כ'האָב מיך באַקאַנט מיט ווייטערן, האָט ער צוזאַ-מען מיט ש. גאָרעליקן געאַרבעט אין דעם אָרטיגן פּראָגרעסיוון „סעווערא זאַ-פּאַדני גאָלאָס“, אין וועלכן ער פלעגט שרייבן טעגליכע קורצע פעלעטאָנען מעניני דיומא, און באַזונדערס וועגן שטאָטישע אָנגעלעגנהייטן. ער האָט שוין דענסטמאָל אָפיציעל אָנגעהערט צום „בונד“, אָבער פון זיינע פעלעטאָנען האָט זיך דאָס ניט אַרויסגעוויזן. אין געגנזאַץ צו דעם שטענדיג נערוועאישן און אויפגערעגטן גאָרעליקן, איז ווייטער געווען אין זיין שרייבן רוהיג און געלאַסן, דערפאַר אָבער ברייטער און טיפער.

אין „בונד“ האָט ווייטער דאַמאָלסט פאַרנומען זעהר אַ חשובן, אויב ניט דעם חשובסטן אָרט. ער איז ניט געווען פון די פייערדיגע אַגיטאַטאָרן, ער איז אויך ניט געווען פון די איבערהיצטע עסקנים, און דאָך האָט ער געפירט אין דער באַוועגונג אַן אָנפירנדיגע ראָל. אין די בונדיסטישע קרייזן האָט מען

געהאַלטן ווייטערן פאַר דעם מער זאַכליכער און מיושבדיגער און דעריבער האָט מען זיך תמיד מיט זיינע מיינונגען זעהר גערעכנט. ווייטערס א וואָרט האָט געהאַט אַ באַדייטונג.

איך געדענק א ז א פאַקט:

דאָס איז געווען אינמיטן אָקטאָבער 1905. אין ווילנע האָבן זיך אָנגע־הויבן פּאָליטישע שטרייקן מיט דער באַטייליגונג פון „בונד". אין אַ געוויסן טאָג זיינען אין רעדאַקציע פון „הזמן" אריינגעקומען עטליכע פּערצן־פופצן יאָריגע יינגלאַך, מיטגלידער פון „קליינעם" בונד, אַראָפּצונעמען אונז פון דער אַרבעט. האָט זיך דאַן פאַרגעלוסט דעם סעקרעטאַר פון רעדאַקציע, דעם פאַר־שטאָרבענעם שריפטשטעלער, י. ב ע ר ש א ד ס ק י, אַביסל אָפּצושפּאַסן פון די קליינע אַגיטאַטאָרן, און האָט זיי קאַטעגאָריש מודיע געווען, אַז דער „זמן" האַלט ניט פון שטרייקן, און אַז די צייטונג מ ו ז אַרויסגיין אויף אַלע פאַלן. דאָ האָבן זיך די יינגלאַך צוקאָכט, און האָבן גענומען סטראַשען מיט טעראָר... אין ד ע ר מינוט האָט זיך געעפנט די טיר, און עס איז אַריינגעגאַנגען ווייטער. ווי די קליינע „חברים" האָבן אים נאָר דערזעהן, זיינען זיי תיכף צע־לאָפן, ווי דער רוח וואָלט זיי גענומען...

ווי מיר האָבן נאָכהער דערגאַנגען האָט ווייטער דעם קליינעם „בונד" קיינמאָל ניט געקענט ליידן, און האָט אים פיינט געהאַט שנאת־מות. פלעגט מיט אים ווער נעמען אַמאָל רעדן וועגן דער דאָזיגער „אָרגאַניזאַציע", איז ער דערפון זעהר אומצופרידן געווען, און תמיד האָט ער געזעהן ווי ווייט מעג־ליך אויסצומיידן אַזעלכע שמועסן. לאָז'ט מיך צורוה — אַזוי פלעגט ער געוויינט־ליך ענטפערן — די ווילדע גראָז, וואָס איר זעהט, איז אויסגעוואַקסן אָן מיר...

נאָר אייניגע האָבן געוואוסט וויפיל ווייטער האָט אין „יענע טעג" מאָ־ראַליש געליטן דורך די חוצפּהדיקע אַרויסטרעטונגען פון געוויסע אומפאַר־אַנטוואָרטליכע „חברים" אין די קלויזן און בתי־מדרשים. גאַנץ אָפט פלעגט ער קומען צו אונז אין רעדאַקציע אויסגיסן זיין ביטער הארץ. אַז ה ל ל צ י י ט־ל י ן איז אַמאָל אַרויס אין „הזמן" געגן דעם דאָזיגן חלול־הקודש מיט זעהר אַ שאַרפן פעלעטאָן, איז אויף מאָרגן געקומען ווייטער און האָט אים אויס־געדריקט דערפאַר אַ גרויסן יישר־כח.

ס'איז נאָך צו באַמערקן, אַז מיט אַ באַזונדער צופרידנקייט פלעגט ווייטער אויפנעמען די ידיעה, ווען ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, דאָס דעם צי יענעם סקאַנדאַל אין דעם צי אין יענעם בית־מדרש האָט געמאַכט ניט קיין בונדיסט׳ נאָר אַ ס"סאָוועץ אָדער אַ איסקראָוועץ...

---

## II.

דער אַלגעמײנער פּאָליטישער שטרײק אין װילנע.—װײטערס אימפּראָװיזירטע רעדע אױפן ערשטן מיטינג.—זײן פּאַרנעלײנטע רעזאָלוציע.—סאָלדאַטן שיסן אױפן עולם.—עס װערן דערהרגעט עטליכע ײדן.—װײטער דער אָרגאַניזאַטאָר פון דער לויה.—די מוסטערהאַפטע פּראָצעסיע.

נאָך אַ אינטערעסאַנטער עפּיזאָד איז ביי מיר פאַרבליבן אין זכרון פון ווייטערס געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט אַלס בונדיסטישער עסקן.

דעם 16־טן אָקטאָבער האָט זיך אָנגעהויבן אין ווילנע אַן אַלגעמיינער פּאָליטישער שטרייק. דעם ערשטן סיגנאַל צו דעם שטרייק האָבן געגעבן די אַרבעטער און די אָנגעשטעלטע פון באַן און פון זיי האָט ער זיך פאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער שטאָט. באַלד האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס לעבן, און ווילנע איז געוואָרן ווי אויסגעשטאָרבן. זייגער 9 אינדערפריה איז אימפּראָוויזירט געוואָרן דער ערשטער מאַסנמיטינג אונטערן פרייען הימל. ס׳זיינען אַרויסגעטראָטן רעדנער פון די פאַרשיידענע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. צווישן זיי איז געווען אויך ווייטער. שוואַך האָט ער גערעדט, זיין קול האָט אים ניט געדינט, אָבער מיט האַרץ. איך געדענק, אַז ער איז דאָס געווען, וועלכער האָט זיינע רייד פאַרענדיגט מיט אַ פאָרגעלעגטע רעזאָלוציע, וואָס פאָדערט אַראָפּצונעמען תיכף־ומיד פון שטאָט די שמירה פון די קאָזאַקישע פּאַטרולן, כדי עס זאָל ניט קומען צו קיין בלוט־פאַרגיסונג. די רעזאָלוציע איז די מינוט גיך אויפגעכאַפּט געוואָרן פונם טויזנט-קעפּיגן עולם איינשטימיג, און באַלד האָט מען זיך אַ לאָז געטאָן איבערגעבן איר דער מאַכט. אַ פּראָוואָקאַטאָרישער שאָס ביי דער שטאָט־דומע האָט געבראַכט דערצו, אַז סאָלדאַטן האָבן גענומען שיסן אויפן עולם, און עטליכע מענטשן זיינען געפאַלן דערהרגעט. דאָס רוב פון זיי זיינען געווען יידן.

די בונדיסטן האָבן באַשלאָסן אויסצוניצן די לויה פון די הרוגים פאַר אַ דעמאָנסטראַציע געגן דעם צאַרישן רעזשים. די מאַכט האָט אָבער קיין צופיל עפנטליכע לויה ניט געוואָלט ערלויבן, מורא־האָבנדיג, אַז דאָס קען ברענגען צו צוזאַמענשטויסונגען און עקסצעסן, סיידן אַ געוויסע פּערזאָן זאָל איר גאַראַנטירן פאַר דער פולשטענדיגער רוה און אָרדענונג. צו נעמען אויף זיך די דאָזיגע גרויסע אחריות האָט זיך געפונען נאָר איין בעלן. דאָס איז געווען — ווייטער. און די דאָזיגע שווערע מיסיע, באַזונדערס לויט די דאַמאָלסדיגע באַדינגונגען, ווען די לופט האָט געשמעקט מיט פולווער, האָט ווייטער אויסגעפירט גלאַנצעדיג, ממש קינסטלעריש. ס׳האָט זיך פאַר אַלעמען אַנטפּלעקט, אַז מ׳האָט דאָ צו טאָן מיט אַ גוואַלדיגע אָרגאַניזאַטאָרישע קראַפט.

ווייטער אַליין האָט דאַמאָלסט אויסגעאַרבעט דעם גאַנצן פּלאַן וועגן דעם סדר פון דער לויה. ער אַליין האָט באַשטימט די אָרדנערס, האָט איט־

ליכן פון זיי אַרויסגעגעבן די נויטיגע אָנווייזונגען און דירעקטיוון, און האָט זיך ניט באַרוהיגט ביז ער איז געוואָרן זיכער, אַז אַלץ וועט אויסגעפירט ווערן מיט דער גרעסטער גענויאיגקייט און פינקטליכקייט. קאָלאָסאַלע, און מ׳קען זאָגן ניט קיין מענשליכע כחות האָט ווייטער אַריינגעלייגט אין דער אָרגאַניזירונג פון דער לויה, וועלכע איז אַרויס גאַנץ געלונגען, און איבער אַלע פאָרשטעלונגען.

מ׳האָט דאַמאָלסט געזאָגט, אַז אַן ערך פון דרייסיג טויזנט מענשן האָבן זיך באַטייליגט אין דער לויה. די פּראָצעסיע האָט זיך געצויגן היבשע עטליכע שעה. די גאַנצע צייט איז די קייט אַרום איר געבליבן אייזן־פעסט; קיין איינציגן מאָל האָט זי זיך ניט איבערגעריסן. ווייטער אַליין איז געגאַנגען בראש. מינוטנווייז פלעגט ער זיך אָפּשטעלן, אומקערן זיך מיטן פנים צום עולם, און מיט אַ רויטער טיכל אין האַנט האָט ער געגעבן די נויטיגע, פון פריער באַשטימטע סיגנאַלן וואָס צו טאָן און ווי מ׳דאַרף זיך האַלטן.

גאַנץ פריה האָט זיך די לויה גענומען רירן פון אָרט, און ערשט פאַרנאַכט איז זי אָנגעקומען אויפן בית־עלמין. דאָרטן האָבן מיטגלידער פון אַלע סאָציאַליסטישע פאַרטייען מספיד געווען די הרוגים, און נאָכדעם איז זיך דער עולם גאַנץ רוהיג צוגאַנגען. צוריק אין שטאָט איז מען געקומען שפּעט אין דער נאַכט.

אַזוי איז די לויה, וועלכע האָט געמאַכט אַ שטאַרקן, אימפּאָזאַנטן איינדרוק, אַריבערגעגאַנגען בשלום, אין דער גרעסטער רוה און אָרדענונג, אָן אַ שום אינצידענט.

---

## III.

דעם „הזמנס“ טרויער־לענטע אויף די ארונות פון די הרוגים.—דער ויכוח וועגן דעם נוסח פון דער טרויער־לענטע.—דער אָנגענומענער נוסח.—ווייטער׳ס מורא פאַר ד״ר קאַנטאָרס הספד.—דער אײַנדרוק פון קאַנטאָרס הספד־דרשה.—פּאָליציע וויל אַרעסטירן ווייטערן.—ווייטער אַנטלויפט אין שלום־עליכמ׳ס היטל.

און נאָך אַ פּאָר פּרטים וועגן ווייטערן, וואָס האָבן אַ געוויסע שייכות צו דער דערמאָנטער לויה, דאַרפן דאָ איבערגעגעבן ווערן.

אין דער לעצטער נאַכט פאַר דעם טאָג פון דער לויה איז ווייטער אַריינגעקומען צו אונז אין רעדאַקציע און האָט פאָרגעלעגט, אַז דער „זמן“ זאָל אויך אַרויפלעגן אַ טרויער־לענטע אויף די ארונות פון די הרוגים. דער פאָרלעג איז תיכף אָנגענומען געוואָרן. באַלד האָבן מיר, די מיטגלידער פון דער רעדאַקציע, גענומען באַקלערן, וואָס פאַר אַ נוסח מ׳זאָל געבן דער אויפ־

שריפט. איטליכער פון אונז האָט זיך פאַרגעלעגט זיינס: איינער—אַ געוויסן פסוק פון תנ״ך, דער צווייטער האָט אַרויסגעפונען אַ ווערטל פון פייט; טאַ־וויאָוו, אונזער פרייטאָגדיגער פעלעטאָניסט, האָט זיך גאָר געגומען ווייצלען מיט קאַלאַמבורען. ס׳איז אַוועק אַ שיינע ווײַלע, און מ׳איז צו קיין טאָלק ניט געקומען. דאָ איז ווייטער ווי אַרויס פון געדולד און האָט אויסגערופן: חברים! וואָס מאַרודעט איר? וואָס רייבט איר די צייט? ס׳דאַרף זיין דער עיקר קורץ און שאַרף, און ווייטער גאָרניט!

„קורץ און שאַרף"—דאָס איז געווען איינער פון ווייטערס כאַראַקטערי־סטישערע דעוויזן הן אין טעגליכן לעבן, הן אין דער ליטעראַטור.

ווייטערס אויסרוף האָט געמאַכט אַ רושם. בן־אביגדור חאָט געכאַפּט און פאָרגעשלאָגן אַ נוסח, אויף וועלכן מיר האָבן זיך אַלע תּיכף אָפּגעשטעלט.

דער נוסח איז גראָד אַרויס גאָר ניט קיין געלונגענער, און זעהר ניט קיין סטיליסטיש־ליטעראַרישער.

אויף דער טרויער־לענטע, וואָס די רעדאַקציע פון „הזמן" האָט אַוועקגע־לעגט אויף די ארונות פון די הרוגים, זיינען געווען אָנגעשריבן די פאָלגנדע ווערטער.

„להקרבנות הנקיים של שרירות לב הפוליציה" (צו די אומשולדיגע קרבנות פון דער פּאָליציי־אישער ווילקיר").

מיר מיט טאַוויאָוון איז גראָד אויסגעקומען צו פאָרן אויף דער לויה פון די הרוגים צוזאַמען אין איין דראָזשקע מיט׳ן דאַמאָלסדיגן ווילנער ראַבינער ד״ר קאַנטאָר.

אונזער דראָזשקע האָט זיך פאַרבייפאָרנדיג אויסגעגלייכט מיט דער פּראָ־צעסיע. ווייטער האָט אונז באַמערקט.

אויפ׳ן בית־עלמין אינמיטן טומל איז צו מיר עמיצער צוגעלאָפן זאָגן, אַז ווייטער זוכט מיר. כ׳האָב באַלד אויפגעזוכט ווייטערן. מיר זיינען אָפּגעגאַנגען אין אַ ווינקל, און ער האָט מיר ווי איינגעראַמט אין אויער:

— ביי די ארונות פון די הרוגים קלייבן מיר זיך אַרויסצוטראָגן פאַר דער וועלט אַ גרויסן און אַ שאַרפן פּראָטעסט וועגן דעם הערשנדיגען מצב. דער מאָמענט איז אַ דערהויבענער און אַ הייליגער. דער איינדרוק, וואָס ער וועט איבערלאָזן, דאַרף אויך פאַרבלייבן הייליג. אייער ד״ר קאַנטאָר וועט דאָך דאָ געוויס דרשה׳נען. זעהט מאַכט אים אויפמערקזאַם, אַז ער זאָל אונז למען השם ניט קאַליע מאַכן, חלילה, דעם רושם...

אויף דעם האָב איך דאַמאָלסט ווייטערן אומגעפער געענטפערט:

— איך וועל וועגן דעם מיט קאַנטאָרן ניט ריידן; איך האַלט דאָס פאַר איבעריג. איר קענט זיך פולקום פאַרלאָזן אויף קאַנטאָרס טאַקט.

און איך האָב געטראָפן.

קאַנטאָר האָט געהאַלטן זעהר אַ געראָטענע הספד־דרשה. פאַרבייגייענדיג

האָט ער, גאַנץ פּאָרזיכטיג אפילו, אויך עטליכע שיינע שפּילקעס אַריינגעלאָזן דער ביוראָקראַטיע, און דער עולם האָט ביטערלאַך געוויינט.

* *
*

עס זיינען אַריבער עטליכע טעג. ס'איז שוין געווען „לאחר מתן קאָנסטי־טוציע", ד. ה. נאָכן באַוואוסטן אָקטאָבער־מאַניפעסט. אין די פּעטערבורגער הויכע ספערן האָט מען שוין דאַמאָלסט באַשלאָסן צו דערטרינקען די רעוואָלו־ציע אין בלוט, און באַזונדערס אין יידיש בלוט...

איינמאָל, דאָס איז געווען שבת בייטאָג, בין איך מיר אַזוי געזעסן אין דער רעדאַקציע פון דעם העברעאישן קינדער־זשורנאַל „החיים והטבע", (וועלכע האָט זיך דאַמאָלסט געפונען אין איין וואוינונג מיט דער רעדאַקציע פון „הזמן"), און געשמועסט מיט דעם רעדאַקטאָר י. לעוונער און מיט שלום־עליכמ'ן, וואָס איז גראָד דאַמאָלסט דורכגעפאָרן ווילנע, און האָט זיך אָפּגעשטעלט ביי לעוונערן אויף נאַכט־לעגער.

מיט אַמאָל איז אַריינגעפלויגן ווייטער ניט טויט ניט לעבעדיג און בלאַס ווי אַ טוך, און הייזעריג ווי די וואַנט האָט ער קאָם אויסגערעדט:

— אפשר האָט איר, יידן, אַ היטל, איך מוז ווי דעם לעבן האָבן אַן אַנדער היטל!...

מיר האָבן אַלע פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז עפּיס ניט קיין גלאַטע זאַך, און שלום־עליכם האָט זיך דער ערשטער אָפּגערופן:

— אָט נעמט און טוט אָן מיין היטל; איך האָב אין טשעמאָדאַן אַן אַנדערע...

ווייטער האָט תיכף געכאַפּט און אָנגעטאָן שלום־עליכמ'ס קאַראַקולענע היטל, און איז די מינוט ניט געוואָרן.

ווי מיר האָבן זיך נאָכדעם דערוואוסט, האָט די אָרטיגע פּאָליציי באַקומען דעם באַפעל וואָס גיכער צו אַרעסטירן ווייטערן. ווייטער איז דערפון באַצייטנס דערגאַנגען און האָט געמאַכט פליטה.

---

## IV.

דער „הזמן" אַ שכן פון דער בונדיסטישער „פאָלקס צייטונג".—די יינגלאַך פון די ביידע רעדאַקציעס.—יהושע שטיינבערג'ס טעותים.— אַ כאַראַקטע־ריסטישער פאַקט. — ניקאָלייס דעם צווייטנס מאַניפעסט. — בחסד עול אַנשטאָט בחסד אל'.—שטיינבערג סטראַשעט מיט קאַטאָרגע.—דער טעות ווערט אויפגע־קלערט. — מ'צושיידט די יינגלאַך.

אין די יאָרן 1905—6 האָבן זיך געדרוקט אין ווילנע ביי ראָמ'ען צוויי טעגליכע בלעטער: די יידישע סאָציאַליסטישע „פאָלקסצייטונג", אַ גלגול פון

„וועקער“, און דער העברעאישער דעמאָקראַטיש־בורזשואַזער „הזמן“. הגם די רעדאַקציעס פון די דאָזיגעביידע צייטונגען האָבן זיך געפונען ביי דער דער־מאָנטער דרוקעריי אויף איין טרעפּ, האָבן זיי פונדעסטוועגן איינע מיט דער אַנדערער קיין שום מגע ומשא ניט געהאַט; יעדערער פון זיי איז זיך געווען ווי אַן אָפּגעשלאָסענע וועלט פאַר זיך, מיט אירע באַזונדערע אינטערעסן און מיט אירע באַזונדערע דאגות. אין נאָהענטע באַציהוגגען זיינען געשטאַנען נאָר די יינגלאַך פון די צוויי רעדאַקציעס, וועלכע פלעגן אַלע אָוונט ביידע צוזאַ־מען אַוועקטראָגן די גראַנקעס צום צענזאָר און פאַרברייינגען דאָרטן אַ צוויי, דריי שעה. ניט איינמאָל האָט דער דאָזיגער צוזאַמענגיין פון די יינגלאַך גע־בראַכט צו זעהר פאַרדריסליכע אינצידענטן. דער צענזאָר, יהושע שטיינבערג, וועלכער איז שוין דעמאָלט געווען אַ זקן פון אַ בן־שמונים, און האָט תמיד געברענט ווי אַ פייער אי אויף דער „פאָלקסצייטונג“ אי אויפן „הזמן“ פאַר זייער „שוין צו העזה׳דיגן טאָן“ קעגן דער ביוראָקראַטיע, האָט געהאַט כמעט יעטווידער טאָג צו מאַכן אַ וואָסער עס איז שטרייגגע באַמערקונג דעם צו יע־נעם בלאַט. דאָס רוב פלעגט ער אָבער פאַרבייטן די יינגלאַך, און דעריבער פלעגט גאַנץ אָפט טרעפן, אַז דאָס, וואָס ער האָט געמיינט איבערגעבן דער רעדאַקציע פון „הזמן“, האָט ער, על פי טעות, איבערגעגעבן דער רעדאַקציע פון דער „פאָלקס־צייטונג“, און אַזוי אויך פאַרקערט, באופן, אַז אין ביידע רעדאַקציעס פלעגט מען זיך יעדן מאָל דאַרפן ברעכן דעם מוח אום צו פאַר־שטיין וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך, און צוליב דעם פלעגט אויף אַ ווײַלע ווערן אַ געלאַפּעריי פון איינער אין דער אַנדערער...

אַזעלכע „טרויעריגע“ צופאַלן האָבן פּאַסירט אַ סך מאָל. איך וועל דאָ אָבער ברייגגען בלויז איינעם, וועלכער איז מער כאַראַקטעריסטיש פאַר די באַדינגונגען פען דער העברעאיש־יידישער פרעסע אין די דאַמאָלסטדיקע אַזוי־גערופענע „פרייע טעג“.

אין אַ געוויסן טאָג האָט דער „הזמן“ געבראַכט אַ מאַניפעסט פון ניקאָלאַי דעם צווייטן. לויט דעם סטערעאָטיפּישן נוסח פון אַלע מאַניפעסטן, האָט זיך אויך יענער אָנגעהויבן מיט די ווערטער: „בחסד אל“ (ד. ה. מיט גאָטס־גנאָד). דורך אַ פאַרזעהען, אַ פריער פון זעצער און נאָכדעם פון קאָרעקטאָר, האָט זיך אָבגעדרוקט אין בלאַט „בחסד עול“, וואָס ס׳האָט לייכט געקאָנט ווערן געליי־ענט: „בחסד עָוֶל“, ד. ה. מיט דער גענאָד פון אַ פאַרברעכער, אין אָוונט, ווען די יינגלאַך פון די ביידע רעדאַקציעס זיינען געקומען מיט די גראַנקעס, האָט זיך שטיינבערג גלייך אַרויפגעוואָרפן אויף איינעם פון זיי — און מעשה־שטן איז דאָס גראָד געווען דער יינגל פון דער „פאָלקס־צייטונג“ — מיט קולות און מיט געשרייען: סטייטש, בייסער קיין מאַניפעסטן דאַרף מען צו מיר ניט טראָגן, האָט מען דאָס געדאַרפט אָפּטאָן אַזאַ מין אַקט? דאָס שמעקט דאָך ניט בלויז מיט צומאַכן דאָס בלאַט, נאָר אויך מיט סיביר, מיט קאַטאָרגע! זאָל שוין, אָט די מינוט, קומען צו מיר דער רעדאַקטאָר! דערהערענדיג אַזעלכע דבורים, האָ·

שוין דער ייִנגל ניט געפּרעגט וואָס און ווען, און איז גלייך אַוועקגעלאָפן אָנ־זאָגן די גוטע בשורה אין רעדאַקציע. ס׳איז אַריבער נאָר אַ קליינע ווײַלע, און ניט טויט ניט לעבעדיג איז אַריינגעפלויגן צו שטיינבערגן דער רעדאַקטאָר פון דער סאָציאַליסטישער „פאָלקסצייטונג". ערשט דאַן האָט זיך אויפגעקלערט אַז דאָס האָט שטיינבערג פאַרביטן די יוצרות...

פון דאַמאָלסט אָן האָט מען די ייִנגלאַך צושיידט. מ׳האָט געמאַכט, אַז זיי זאָלן טראָגן די גראַנקעס צום צענזאָר אין באַזונדערע צייטן. אָבער דורך דעם האָט זיך דערווײַלע איבערגעריסן די איינציגע שייכות, וואָס איז נאָך געווען צווישן די ביידע רעדאַקציעס, און די געגנזײַטיגע פרעמדקייט איז נאָך גרעסער געוואָרן.

אָן אויסנאַם האָבן געמאַכט נאָר צוויי מיטאַרבעטער פון דער „פאָלקס־צייטונג": ב. צביון און א. ווייטער, וועלכע האָבן געהאַט שטענדיגע פאַרבינדונגען מיט די מיטאַרבעטער פון „הזמן", און ניט זעלטן באַזוכט די רעדאַקציע.

---

## V.

צביון און ווייטער אַלס אָפטע אײַנגייער אין דער רעדאַקציע פון „הזמן"— ווײַטערס תקונים אין בערשאַדסקי׳ס לשון.

צביון האָט אין דערזעלבער צייט מיטגעאַרבעט (אונטער זיין נאָמען בן־ציון האָפמאַן) אויך אין „הזמן", אין וועלכן ער האָט פאַרעפנטליכט אויסער אייניגע וויסנשאַפטליכע פעלעטאָנען, באַזונדערס וועגן עלעקטראָ־טעכ־ניק, אויך אַ סעריע אַרטיקלען וועגן די פאַרשיידענע יידישע סאָציאַליסטישע פאַר־טייען. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז כמעט איטליכעס מאָל ווען ער איז געזעסן אונטן אין דער רעדאַקציע פון דער „פאָלקס צייטונג", פלעגט ער פון דאָרטן אַרויפלויפן אויבן אין „הזמן", און איז אַזוי אַרום געוואָרן ביי אונז אַן אייגענער מענש. בשעת ס׳האָט מיט אַ צייט שפּעטער אויסגעבראָכן אַ גרוי־סער געלט־סכסוך צווישן די מיטאַרבעטער פון „הזמן" מיט די פאַרלעגער, האָבן מיר דאַן אויסגעקליבן פאַר אַ בורר פון אונזער צד ניט קיין אַנדערן ווי צביונען.

אויך ווייטער פלעגט כמעט תמיד פון דער „פאָלקס־צייטונג" אַרויפ־גיין צו אונז אין „הזמן", און שטענד׳ג מיט דער איינציגער פראַגע אויף די ליפן. „וואָס הערט זיך עפּיס, חברים, אין יידישקייט?" קענטיג, אַז די

„יידישקייט“ פון „פאָלקס־צייטונג“ איז אים שוין דאַמאָלסט געוואָרן צו ענגלין און ער האָט אים ניט באַפרידיגט, כאָטש ער האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן ביי דער מיינונג, אַז די שעה, וועלכע מיר לעבן איבער און פאַר וועלכער מיר ברענגען אַזוי פיל קרבנות, איז דאָס די שעה פון „פאַרטאָג“, וואָס זאָגט אָן אַ ליכטיגן פרימאָרגן אָט דאָ אויף אַן אָרט...

כדי צו געבן ווייטערן די מעגליכקייט צו דערגיין וואָס עס „הערט זיך אין יידישקייט“, פלעגן מיר אים דערלאַנגען, לויט זיין בקשה, דעם לעצטן בינטל העברעאישע זשורנאַלן און בראָשורן, וואָס זיינען אָנגעקומען אין רעדאַקציע. ווייטער פלעגט זיך מיטן פעקל פאַררוקן אין אַ ווינקל, כדי קיינעם ניט צושטערן אין דער אַרבעט, און פלעגט זיך אַזוי אַ געוויסע צייט זיצן און לייענען, ניט אויסריידנדיג מיט קיינעם קיין וואָרט, און אַזוי אומבאַמערקט זיך אַוועקגיין...

נאָר איינעגע מאָל, געדענק איך, האָט ווייטער מפסיק געווען אינמיטן זיי לייענען, און האָט געבראָכן זיין שוויגן, און אָט צוליב וועלכער סבה:

דער דאַמאָלסטיגער סעקרעטאַר פון דער רעדאַקציע, דער יונג־פאַר־שטאָרבענער שריפטשטעלער בערשאַדסקי, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער רובריק „פון דער רוסישער פרעסע“, איז געווען אַ גרויסער פעדאַנט בנוגע דער ריכטיגקייט פון דער איבערזעצונג, און האָט זיך תמיד אָנגע־שטרענגט אויסצוגעפינען דעם העברעאישן וואָרט, וועלכער זאָל מיט זיך אויסדריקן אַלע ניואַנסן פונם רוסישן וואָרט. טאָמער האָט זיך דאָס אים ניט איינגעגעבן, האָט ער שוין געהאַט די טבע צו ווענדן זיך צו די אַנדערע מיטאַרבעטער מיט דער פראַגע: אפשר קענט איר מיר ווער אויס־העלפן אין דעם און אין דעם העברעאישן וואָרט? אָט אויף דער דאָזיגער פראַגע האָט זיך ווייטער פון זיין ווינקל וויפיל מאָל אָפּגערופן: ווי מיר דאַכט, וואָלט דאָ געפּאַסט דער און דער וואָרט, און בערשאַדסקי, וועלכער האָט באַזעסן אַ שאַרף אַנטוויקלטן שפּראַכליכן געשמאַק, פלעגט תמיד מסכים זיין מיט ווייטערן און זיך באַנוצן מיט זיינע ווערטער. דערביי האָט ער זיך אַמאָל אויסגעדריקט:—אָט זעהט וואו עס ליגט העברעאיש: ביי אַ מיטאַרבעטער פון „סיעוועראָ־זאַפּאַדני־גאָלאָס“... קיינער פון אונז האָט דאַן ניט געוואוסט, אַז ווייטער כאַפּט אַמאָל אונטערשרייבן העברעאיש, און אַז ער האָט שוין אויך געפּרובט שיקן אַ שיר דעם „השלח“, און אחד־העם האָט אים ניט אָפּגעדרוקט נאָר מחמת מורא פאַר דער צענזור...

# V.

**בן־ישראל** אַלס מיטאַרבעטער אין דער רעדאַקציע פון „הזמן”.—זיין כאַראַקטעריסטיק.—ווײַטער ווערט אויפמערקזאַם איף בן־ישראל׳ן.—זייערע דיסקוסיעס.—די השפעה פון בן־ישראלס אַרייסגעזאָגטע געדאַנקען איף ווײַטערס קומענדיגע ווערק.—צוויי אַרומבליאָנדזענדיגע נשמ׳ת.—די סימבאָלישע ענליכקייט פון זייער ביידנס טויט.

ריידעוודיג בשעת זיינע באַזוכן אין „הזמן” איז ווייטער ערשט געוואָרן נאָכדעם ווי עס איז אַריין צו אונז אין רעדאַקציע אַלס מיטאַרבעטער דער שריפטשטעלער **בן־ישראל** (י. ל. פופס). דער דאָזיגער בן־ישראל האָט אין כמה פרטים געהאַט פיל ענליכעס מיט ווייטערן. אזיך בן־ישראלס יונגע נשמה האָט זיך תמיד אין אים געצאַפּלט און געפלאַטערס פון גייסטיגער אומצופרידנהייט; אויך **זיין** מוח איז געווען אַ צועקבערטער און אַ צונאָגטער פון פאַר־שיידענע ספיקות, פון גריבלעריי, פון זוכעניש... אין „הזמן” האָט מען אים אָפּגעגעבן די אָפּטיילונג „פון דער העברעאישער פרעסע”. ער, בן־ישראל, וועלכער האָט שוין אין זיך איבערגעטראָגן און איבערגעווייטאָגט די אַלע פון פאַר־שיידענע זייטן דאַמאָלסט אין דער יידישער גאַס אַריינגעוואָרפענע טעאָריעס און לאָזונגען, און קיין איינציגע האָט אים ניט געשטעלט צופרידן, און קיין איינ־ציגע האָט אים ניט באַרוהיגט,—ע ר האָט געדאַרפט ציטירן פרעמדע מיינונגען, דאָס רוב אויסגעדראָשענע און פיל מאָל איבערגעקייטע, און באַלייכטן זיי לויט דעם שטאַנדפונקט פון דער רעדאַקציע, וועלכע איז געווען געצוואונגען דורך אירע עקסיסטענץ־באַדינגונגען תמיד צו לאַווירן און צו שווימען מיטן שטראָם...

איז זיך בן־ישראל אַזוי געשטאַנען טאָג־טעגליך ביים פולט, דאָס רוב אַן אויפגערעגטער און אַ בלאַסער, און האָט געשריבן; דערביי פלעגט ער גאַנץ אָפט איראָניש־ביטער אונטערשמייכלען, און אַ מאָל אויך עפּיס פרובן אַ רעד טאָן צו זיך אַליין...

און ווייטער האָט אָט דעם בן־ישראלן ניט געקאָנט פאַרבייגיין; ער האָט עס אָרגאַניש ניט געקאָנט. אויב הערצער האָבן אַ שפראַך, איז זי דאָס געווען יענע שפראַך, דורך וועלכע זיי האָבן זיך ביידע, ווי אינסטינקטיוו, צו־זאַמענגערעדט. פיל מאָל פלעגט זיך ווייטער אויפהויבן און צוגיין צו בן־ישראלס פולט, זיך אַוועקשטעלן לעבן אים, עפּיס פרובן אים אַ פרעג טאָן, און אַזוי אַרום פאַרפירן אַ שמועס, וועלכער פלעגט באַלד פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ הייסע דיסקוסיע. בן־ישראל פלעגט רעדן מיט היץ, מיט טעמפּעראַמענט, און ווייטער—אַ ביסל איינגעהאַלטענער, געלאַסענער, און דאָס אינטערעסאַנטעסטע און מערקווירדיקסטע איז געווען, אַז ווי זיי האָבן זיך געמעגט פונאַנדערגיין אין זייערע מיינונגען, איז דאָך געלעגן פיל געמיינזאַמעס און בשותפותדיגעס

אין זייער גאַנצער דענקונגס־אַרט, אין דער גאַנצער קאָנצעפּציע פון זייערע אַרויסגעזאָגטע געדאַנקען.

נאָך עד היום זיינען מיר פאַרבליבן אין זכרון עטליכע פון בן־ישראלס פראַזן בשעת זיינעם אַ געשפרעך מיט ווייטערן:

— מ'זאָל בויען, זאָגט איר, אָט שוין דאָ אויף די אַלטע בערוועגעס? ניין! אין רויך דאַרף דאָס אַ פריער אַלצדינג אַוועקגיין, אין פייער מוז דאָס אַלץ כלה ווערן, קיין שריד ופליט דאַרף ניט בלייבן; ערשט יעמאָלט וועט מען קענען צוטרעטן צו דער אַרבעט, צום רענעסאַנס...

בשעת איך האָב אין אַ יאָר פיר אַרום, בערך, איבערגעלייענט ווייטערס „אין פייער", האָט זיך מיר געדאַכט ווי כ'וואָלט עפּיס געהערט אַ שוואַכן אָפּקלאַנג פון יענע בן־ישראלס פראַזן...

און ווען איך דערמאָן מיך נאָך דערצו, ווי אַמאָל האָט זיך בן־ישראל פונאַנדערגעשריען אינמיטן שמועס מיט ווייטערן:

— אין דער מדבר מוז מען אַוועקגיין, אָפּגעוואוינען זיך פון מענשן דאַרף מען, מיט קיינעם ניט האָבן וואָס צו טאָן, שטומען דאַרף מען און מיט קיינעם ניט רעדן,—דערוועקט זיך אין מיר דער געדאַנק, ווער ווייס, צי האָט זיך אַקאָרשט ניט אָט די פראַזע פאַרוואַלגערט ערגעץ־וואו ביי ווייטערן אין מוח, און האָט אים אין עטליכע יאָר אַרום ניט געדינט פאַר אַ ציגל אין דעם בנין פון זיין דראַמע „דער שטומער"?

וואָרום עס איז לא יתכן, אַז ווייטערס אָפטע טעאָרעטישע שמועסן מיט בן־ישראל'ן זאָלן אין אים עפּיס ניט האָבן איבערגעלאָזן.

* * *

ווייטער מיט בן־ישראל'ן—צוויי יונגע אַרומבלאָנזשענדיגע נשמות זיינען דאָס געווען. אַרומבלאָנדזשעט האָבן זיי און געזוכט דעם אמת. און אייד דער זיי האָבן באַוויזן צו געפינען וואָס זיי האָבן געזוכט, האָט זיי אומברחמנות־דיג אַוועקגערויבט דער טויט.

אַ סימבאָליסטישע ענליכקייט האָבן זיי ביידע געהאַט אויך אין זייער טראַ־גישן סוף, ביידע זיינען זיי אין דעם רעכטן פונאַנדערבליהען זיך פון זייערע טאַלענטן אויף אַן אומנאַטירליכן אופן געשטאָרבן.

בן־ישראל האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין בערנער טייך, און האָט זיך דערטרונקען. ווייטער איז פאַראַיאָרן אום שביעי של פסח אַ „קדוש" געוואָרן דורך דער קויל פון אַ פוילישן לעגיאָנער...

## VII.

*מיין לעצטע באַגעגעניש מיט ווייטערן.—ווייטער פילט זיך עלנט.—זיין באַציהונג צו דער פּראָיעקטירטער אויסגאַבע פון אַ יידישער ענציקלאָפּעדיע. — ווייטער וועגן די תקונים אין זיין יידיש. — מיין צעזעגענען זיך מיט אים אויפ'ן „היס־טאָרישן" בערגל.*

ווייטער איז דערהרג'ט געוואָרן אום שביעי של פסח 1919. דאָס לעצטע מאָל האָב איך מיך מיט אים געטראָפן דעם צווייטן טאָג פסח ביי דער בעט פונ'ם קראַנקען אַנ—סקי'ן. מיר זיינען דאַן ביידע צוזאַמען אַוועק. בשעת אונ־זער געשפרעך אויף דער גאַס האָב איך אים געפרעגט, צי ער האָט זיך שוין געזעהן מיט זיין פאַמיליע אין דעווענישאָק.

אויף דעם האָט ער מיר געענטפערט מיט אַ שטילן זיפץ:

— ס'איז שוין פאַר מיר דאָרטן מער ניטאָ מיט וועמען צו זעהן זיך. מיין מוטער איז שוין לאַנג געשטאָרבן, און מיין פאָטער ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אינמיטן דער דייטשער אָקופּאַציע. טאָמער האָב איך נאָך געהאַט אַ ברודער, האָט ער געדאַרפט קומען צו מיר אין סיביר, און איז דאָרטן געשטאָרבן.

דערביי איז ער אַנטשוויגן געוואָרן. אין אַ קליינער ווילע אַרום האָט ער אַ זאָג געטאָן ווי צו זיך אַליין:

— אַזוי איז מען דאָס עלנט אין גאָטס וועלט. און מערקווירדיג! צוועלף יאָר אַ יינגל בין איך אַוועק פון מיין שטעטל, היינט ווער רעדט אין סיביר—דאָרטן בין איך דאָך געווען אָפּגעריסן פון אַלעמען לגמרי, און פונדעסטוועגן האָב איך מיך נאָך קיינמאָל עלנט ניט געפילט. עלנט, ווייזט אויס, איז אַ היים־זאַך...

נאָך אַ קליינער פויזע האָט ער געזאָגט:

— דאָך וועל איך מיך פּרובן נאָך פסח אַראָפּכאַפּן אַ היים... כאָטש זעהן זיך מיט די מצבות...

איך האָב אים געוואָלט אַרויפפירן אויף אַן אַנדער טעמע און האָב אים געפרעגט, צי ער האָט זיך שוין געזעהן מיט'ן שליח מיוחד, וועלכער איז געקו־מען פון פּעטערבורג צו אַנגאַזשירן יידישע שריפטשטעלער מיטצואַרבעטן אין דער פּראָיעקטירטער גרויסער יידישער ענציקלאָפּעדיע.

— ניט פאַר מיר!—איז געווען זיין תשובה קורץ און שאַרף.

כ'האָב אָן אים פאַרשטאַנען, אַז ער איז ניט קאָנטעט פונ'ם גאַנצן ענין, און האָב שוין מער די פראַגע וועגן דער ענציקלאָפּעדיע ניט געוואָלט באַרירן. האָט זיך אָבער ווייטער אַליין צו דעם צוריקגעקערט. ער האָט זיך אָפּגערופן:

— פ ר ע מ ד ע זאָלן טראָגן אויף די פּלייצעס מ י י ן קולטור? איך האַלט דאָס ניט פאַר פּאַסיג.

— וואָס הייסט „פרעמדע"?—האָב איך אים געפרעגט פאַרוואונדערט— די מלוכה!

— אַך די מלוכה! כ'האָב גאָר פאַרגעסן...

און אין זיין שטים האָט זיך געהערט אַ ביטערע איראָניע.

און מער האָט ער שוין וועגן דעם ניט גערעדט.

אונזער געשפרעך איז אַריבער צו דער „נייער וועלט". איך האָב אים געזאָגט, אַז מיר געפעלט זעהר זיין איבערזעצונג פון גאָרקי'ס „קינדהייט".

— האָט איר אָבער געזעהן ווי מ'האָט מיר „געפראַוועט"?—האָט ער מיר געפרעגט מיט אַ שמייכל.

— איך האָב געזעהן*)—האָב איך אים געענטפערט—; איך ווער אָבער יערפון ניט שטאַרק נתפעל. ווי איר האָט געשריבן בלייבט דאָך ריכטיגער.

— כ'מיין אויך אַזוי... — האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — איר זייט אָבער, אַפנים, קיינמאָל קיין רעדאַקטאָר ניט געוועזן.

— אַנטקעגן וואָס זאָגט איר דאָס?

— ווייסט איר דען ניט, אַז אַ רעדאַקטאָר דאַרף „פראַוועןי?..

ריידינדיק אַזוי מיט ווייטערן האָב איך אים דאַמאָלסט אונטערגעפירט כמעט ביז זיין קוואַרטיר. ער האָט דאַן געוואוינט ביי ניגערן.

איך דערמאָן מיך היינט, אַז איך האָב מיך מיט אים דעמאָלט פונאַנדער־געזעגנט אויפ'ן בערגל, ניט ווייט פון זיין וואוינונג, אויף וועלכן מ'האָט אים אין עטליכע טעג אַרום דערהרג'ט.

זיינע לעצטע ווערטער זיינען געוועזן:

— היינט איז געוואָרן פאַרטיג ליבערמאַנס בילד; ער איז אַרויס זעהר געלונגען. די פאָטאָגראַפיע ביי אייער אַרטיקל דאַרף מאַכן אַן איינדרוק**).

ביי דעם האָבן מיר זיך צושיידט.

און קיינער פון אונז ביידן האָט אין יענער מינוט ניט געקאָנט טראַכטן, אַז דאָס צושיידן מיר זיך אויף אייביג...

---

*) מיר איז דאַן אויסגעקומען צו האַלטן די הגהה פון דער דאָזיגער איבערזעצונג.

**) געמיינט האָט ער מיין אַרטיקל וועגן ליבערמאַנען אינ'ם צווייטן ביכל פון דער „נייער וועלט".

# אינהאַלט.


| | | |
|---|---|---|
| I. | א. ש. ליבערמאַן . . . . . . . . . . . | 3—50 |
| II. | אליעזר צוקערמאַן . . . . . . . . . | 50—73 |
| III. | העסי העלפמאַן . . . . . . . . . . | 73—89 |
| IV. | מ. ל. לילנבלום . . . . . . . . . . . | 89—104 |
| V. | די ערשטע יידישע סאָציאַליסטן אין דער העברעאישער ליטעראַטור . . . . . . | 104—133 |
| VI. | משה אַראָנסאָן . . . . . . . . . . | 133—139 |
| VII. | י. ל. דאַווידאָוויטש (בן־דוד) . . . . . . . . | 139—147 |
| VIII. | א. ווייטער (א. מ. דעווענישקי) . . . . . . | 147—160 |